STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10935

# OYF DI FRONTN FUN SHPANYE

T. Elski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ט. עלסקי: „אויף די פראָנטן פון שפּאַניע"
## רעפּאָרטאַזשן

אַרויסגעגעבן אונטערן פּאַטראָנאַזש פונעם פּאַריזער „פאַרבאַנד פון די ייִדיש־שפּאַנישע מיליציאָנערן" און מיט דער מיטהילף פון דער דירעקציע פון דער „נייע פּרעסע" אין פּאַריז.

ט. עלסקי

# אויף די פראָנטן פון שפּאַניע

רעפּאָרטאַזשן

פאָרוואָרט פון עגאָן ערווין קיש

ערשטער בוך

פאַרלאַג פון אַ. ב. צעראַטאַ / פּאַריז
1939

הילע: מ. באַהעלפער / פאָטאָגראַפיעס: סעקרעטאַריאַט פאַר
פּראָפּאַגאַנדע פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, קאַפּא און ט. עלסקי /
זעצעריי: „נייע פּרעסע“, לינאָטיפּיסט: שיע שטאָקמאַן /
געדרוקט אין דער דרוקעריי: ס.נ.י.ע., 32, רי מענילמאָנטאַן, פּאַריז

*T. ELSKI : « Ojf di fronten fun szpanie ». / Editions A. B. CERATA, Paris. /* *Copyright* 1939 *by T. Elski.* */ Imprimerie S. N. I. E.,* 32, *rue de Ménilmontant, Paris* (20e).

Printed in France

# אינהאַלט-פאַרצייכענונג


| | |
|---|---|
| | זייט |
| פאָרוואָרט פון עגאָן ערווין קיש | 9 |
| עטלעכע באַמערקונגען | 14 |
| **1 / פון יולי ביז סעפּטעמבער 1936** | |
| באַרצעלאָנע, ערעוו דעם שטורעם | 18 |
| און... עס קומען הייסע טעג | 20 |
| צום פראָנט! | 31 |
| אין קאַספּע | 36 |
| דער ערשטער אטאַק | 40 |
| צו דורוטי | 45 |
| וואַלענציע | 48 |
| אין די בערג פון גוואַדאַראַמאַ | 52 |
| באַמבעס אויפן שפּיטאָל | 58 |
| דער אַלקאַזאַר פון טאָלעדאָ | 64 |
| די שכיטע אין באַדאַכאָז | 70 |
| די קולטור־עקספּעדיציע קיין עסטראַמאַדורע | 76 |
| אַנדאַלוזיע | 83 |
| **2 / פון אָקטאָבער 1936 ביז פעברואַר 1937** | |
| צעז יידן פאָרן קיין שפּאַניע | 96 |
| באַרצעלאָנע נאָכן שטורעם | 100 |
| מאַדריד | 105 |
| א וואַנט פון פעלקער פאַרטיידיקט מאַדריד | 123 |
| די צוועלפטע בריגאַדע | 130 |
| גענעראַל קלעבער, פּאַזועלאָ, קאַסאַ-דעל־קאַמפּאָ | 136 |
| מענטשן — העלדן | 144 |
| מורציע, קאַרטאַכענע און די סילועטער־נאַכט | 165 |
| דער אָנגריף אויף דער שיף פאַר אַלמעריאַ | 171 |
| דער וועג קיין מאַלאַגאַ | 177 |
| אויף די פיר פראָנטן אַרום מאַלאַגאַ | 181 |
| נאָכוואָרט פונעם פאַרלאַג | 190 |

פאָטאָגראַפיעס:

זייט


איינע צווישן די ערשטע אימפּראָוויזירטע באַריקאַדן
אין באַרצעלאָנע — — — — — — — — — — 23
די מיליציאָנערן אַטאַקירן לאַ סאַילאַ — — — — — — 41
פויערים־פּאַרטיזאַנער פון עסטראַמאַדורע... — — — — 77
אַ שראַפּנעל איז געפאַלן אויף דער גראַן־וויאַ אין מאַדריד — 109
דער ביסוילעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע — 127
לעאָן אינזעלשטיין צווישן יידישע פרייוויליקע פון בעלגיע
און פראַנקרייך — — — — — — — — — 147
מאָרים אייזענבערג און ש. קעניגסבערג (באָקס) — — — 153
פּאַלעסטינער... — — — — — — — — — — — 157
באָרעך ניסענבוים (באָברויש) און יאָסעף רובינשטיין (גרובי) — 162

# פאָרוואָרט

אין די זומער־טעג פון יאָר 1936 האָבן די שפּאַנישע געשעענישן אָנגעפילט די וועלט מיט שרעק, זאָרג און האָפענונג.

פון דעם אַלעם, וואָס איז געוואָרן געמאָלדן אין די צייטונגען, איז קלאָר געווען נאָר דער פאַקט פון א פאַשיסטישן פּוטש. און ווי יעדער פּלאַן פון יעדן פּוטש, איז אויך דער געווען צוגעגרייט: אין מעשעך פון א נאַכט. — די קויכעס פון גענעראַל פראַנקאָ האָבן געפּרוווט פאַרנעמען די רעגירונג־געביידעס, דעם טעלעפאָן, די ראַדיאָ־צענטראַלעס און די צייטונגען פון מאַדריד און באַרצעלאָנע. זיי האָבן אויך געוואָלט אַרעסטירן די ווידערשטאַנד־פעיקע עלעמענטן.

אזא פּוטש האָט דאָך געמוזט געלונגען און צושטאַנדקומען נאָר מיט דער מיטהילף פון אייניקע קאָמפּאַניעס.

פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָלט געלונגען, אין דער צייט, ווען קימאַט אַלע מיליטערישע קאָמענדאַנטן האָבן אָנטיילגענומען אין דעם קאָמפּלאָט; אין דער צייט ווען די אויפשטענדלער האָבן באַזעסן דאָס געווער, די האַרמאַטן, דאָס טעכנישע געצייג, די קאַזאַרמעס, די פעסטונגען; אין דער צייט, ווען די מעכטיקסטע קאַפּיטאַליסטן, די בענק, דער וועלטלעכער און קירכלעכער אַדעל, די הויכע רעגירונג־באַאַמטע און אייניקע איינפלוסרייכע פּאָליטיקער האָבן אונטערגעשטיצט דעם אויפשטאַנד. און ווען אויף דער צווייטער זייט, אַנטקעגניבער אָט די קויכעס, איז געשטאַנען אן אַנטוואָפנט פאָלק?

מיט אזעלכע מיטלען וואָלט אפילע אַ ניט־פעאיקער אוזורפּאַטאָר געקענט מעלדן אויף צומאָרגנס פון אויפשטאַנד, אז ער איז דער אומבאַשרענקטער באַהערשער פון דעם לאַנד.

אָבער דאָס אומבאַוואָפנטע פאָלק איז אויפגעשטאַנען ווי איין מענטש, קעדיי זיך צו שיצן קעגן דער באַוואָפנטער מאַכט. דאָס פאָלק האָט געקעמפט מיט בלויזע הענט קעגן די קאַנאָנען און קאַזארמעס פון די פאָלקס־פיינט.

צי האָבן אָבער געקענט די ניט־אויסגעשולטע ארבעטער,

פויערים און אינטעלעקטועלע דערפאַלגרייך קעמפן קעגן אַן ארמיי? צי האָבן דען פירער פון פראָפעסיאָנעלע פּאַרטייען ווירקלעך גע־קענט אָנפירן מיט אַן אַטאַקע קעגן א מיליטעריש קערפּערשאַפט, וואָס איז אָנגעפירט געווען פון גענעראלן ? צי האָבן פרויען גע־קענט איינעמען פאַרטיידיקונג־ליניעס, וואָס זענען אויסגעארבעט געוואָרן פון פּאָרטיפיקאַציע־אינזשינירן ? צי האָבן זיך גע־קענט אנטקעגנשטעלן שטיינער קעגן אַוויאָנען, שטעקנס קעגן קאַ־נאָנען ? יאָ, זיי האָבן געקענט. די מעכטיקייט פון דעם ווידער־שטאַנד, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין שפּאַניע, האָט ארויסגע־רופן די דערשטוינונג פון דער גאַנצער וועלט. ווי אזוי איז דער־דאָזיקער קאַמף קעגן אן ארמיי מעגלעך געווען, ווי אזוי איז דאָס אז דער דיקטאַטאָר האָט נאָך אַלץ ניט די מאַכטאיבערן לאנד ?

„דאָ האַנדלט זיך נאָר אין אַ פּאָר שאָ" — האָט געמאָלדן פראנקאָ. „אין אַ פּאָר שאָ, וועל איך, פראנקאָ, אָנהויבנדיק פון מאַדריד, ווערן דער הערשער איבער שפּאַניע". דערפון זענען גע־וואָרן טעג, וואָכן, כאַדאָשים... די פאשיסטישע פרעסע האָט געבלאָ־זען אין איר האָרן : „יאָ, עס האַנדלט זיך דאָ נאָר אין שאָען... אָדער אין טעג... העכסטנס אין וואָכן, דאן וועט שפּאַניע זיכער ווערן אַ פאשיסטישע מעלוכע".

ווען די מאַדרידער ארבעטער האָבן גענומען די קאַזארמע פון מאָנטאַניא, האָבן די אַנטיפאשיסטישע צייטונגען שוין געמיינט, אז פראנקאָ איז ענדגילטיק צעשלאָגן. האָבן די רעפּובליקאָנער גענו־מען אין געפאנגענשאַפט אייניקע פאשיסטישע פירער, האָט דאָס דעמאָקראטישע אויסלאנד שוין מוידע געווען, אז די פירער פון אויפשטאַנד זענען שוין גענצלעך געפאנגען געוואָרן.

פון די אָפּיציעלע און פּריוואַטע טעלעגראַמעס פון די צייטונ־גען איז שווער געווען זיך צו שאַפן א בילד וועגן דער לאַגע. נאָר די באַריכטן, ארטיקלען און פעליעטאָנען פון אייניקע ספּעציאלי־זירטע באַריכט־אָפּגעבער פון דער פאשיסטישער און אַנטיפאשיס־טישער פרעסע, האָבן דערמעגלעכט עפּעס צו וויסן און פּאָליטיש אָפּצושאַצן די אַטמאָספערע פון דעם זיך אַנטוויקלענדיקן בירגער־קריג. צוויי ענגלישע צייטונגען, צוויי סאָוויעטישע, איין פראנצוי־זיש וואָכנבלאט, איין דייטש וואָכנבלאַט, און מאָדנע אויך אַ בלאט אין דער יידישער שפּראַך, אַ פאריזער צייטונג, די „נייע פרעסע", האָבן געליווערט אזא מאַטעריאַל.

אונטער די ארטיקלען פון דערדאָזיקער יידישער צייטונג, איז

געווען אונטערגעשריבן דער נאָמען פון „ט. עלסקי". דערדאָזיקער עלסקי האָט געשריבן אָן פראַזן, אָן שום פּאָמפּע, אָבער ער האָט געשריבן זאַכלעך, זייער פּאַשעט און דער אָביעקט, וועלכן ער האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל, איז געווען דער וויכטיקסטער פון די שפּאַנישע געשעענישן ; זיין אָביעקט איז געווען דער מענטש.

דאָס זענען געווען אויסגעצייכנטע באַריכטן.

מיט דעמדאָזיקן עלסקי האָב איך זיך באַקענט אין טערועל נאָכדעם, ווען די רעפּובליקאַנער האָבן איינגענומען די שטאָט. און איך האָב אים נאָך בעסער דערקענט נאָכן איינעמען פון דער שטאָט, ווען פראַנקאָס קעגנאָפּענסיווע האָט זיך אַנטוויקלט און עס זענען פאָרגעקומען די שווערסטע און בלוטיקסטע שלאַכטן פון דעמדאָזיקן גרויזאַמען קריג.

אין א ציווילן אנצוג און אין א ווייניק מיליטערישער האַל־טונג האָט ער זיך געפונען ביי די סאָלדאַטן פון דער ערשטער ליניע. ער האָט גערעדט מיט זיי און זיך עס פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל. דאָס, וואָס ער האָט קוידעמקאָל געזוכט און פאַרציי־כנט : דעם מענטש. אַלע האָבן געהאַט צו אים צוטרוי, זיי האָבן געפילט, אז עלסקי איז א מענטש פון זייער קלאַס, פון זייער אָפּ־שטאַמונג. זיין אָפּשטאַמונג איז די אָרעמקייט, די „שמאָלע מילע־גאַס" פון וואַרשעווער געטאָ איז איינס פון די עלנטסטע געסלעך פון וואַרשע. דאָרט אַרבעט זיין מוטער זייט איר יוגנט, קעדיי צו פאַר־דינען אויפן שטיקל ברויט ; דאָרט איז עלסקי מיט 29 יאָר צוריק געבוירן געוואָרן. וואָס באַדייט, אז זיין קינדהייט און יוגנט איז אויסגעפאַלן אין דער צייט פון דער וועלט־מילכאָמע. הונגער און קריג זענען געווען זיינע ערשטע דערציער, דער צווייטער דערציער איז געווען דער פאַבריקאַנט, פאַר וועלכן עלסקי האָט געשטריקט טריקאָטאַזש־אַרטיקלען ; דער דריטער איז געווען דער פאַריין פון די טעקסטיל־אַרבעטער.

זיין שפּעטערדיקע לערערן איז געווען די ליטעראַטור. ער נעמט פון דער ביבליאָטעק ביים „פּראָפעסיאָנעלן טעקסטיל־פאַריין" אזוי פיל ביכער, וויפל מען באָרגט אים נאָר. ער לייענט ביי דעם ליכט פון א נאַפט־לעמפּל אין דער שטוב, וווּ עס שלאָפט אויך זיין מו־טער, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

זייענדיק אַלט 20 יאָר, גייט ער פון וואַרשעווער געטאָ אַרויס אין דער וועלט. ער וואַנדערט דורך טשעכאָסלאָוואַקיי, דורך דייטש־לאַנד, דורך דעם באַזעצטן רור־געביט, דורך דער פראַנצויזישער

גרענעץ קיין שטראַסבורגג, קיין פּאַריז. אין פּאַריז געפינט ער אַר־בעט ביי שטריקעריי. דעם 17־טן יולי 1936 איז ער געפאָרן מיט דער ספּאָרט־דעלעגאַציע קיין באַרצעלאָנע, ווו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען די אינטערנאַציאָנאַלע פאָלקס־אָלימפּיאַדע. די באַפעל־קערונג פון באַרצעלאָנע האָט פייערלעך באַגריסט די דעלעגירטע ספּאָרטלער פון אַלע לענדער. אַלץ איז געווען אימפּאָזאַנט און יאָנ־טעוודיק. אָוונט־צייט איז נאָך פריילעכער געווען. מען טאַנצט אין די גאַסן פּאַזאַדאָבלעס און טאַנגאָס... אָבער ניט אַזוי גייט דורך די גאַנצע נאַכט. אין די שאָען פון באַגינען האָבן די אָפיצירן באַ־פוילן די סאָלדאַטן צו פאַרלאָזן די קאַזאַרמעס, און עס פאַנגען זיך אָן די איבערפאַלן פון די מאַכט־רויבער. עס ווערן געלאָזן אין גאַנג מיטראַיעזן, האַנט־גראַנאַטן, קאַנאָנען און אַנדער געווער. די גענעראַלן האָבן באַפוילן : „באַפרייען שפּאַניע פון פאָלקס־פראָנט". „ראַטעוועט דאָס לאַנד פון באָלשעוויזם".

דער ווידערשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן הויבט זיך אָן ; מען שפּרינגט אַרויס פון די בעטן, מען זאַמלט זיך אויף די פּלעצער, מען שטורעמט. עלסקי איז אַוועק מיט דער ערשטער אַנאַרכיסטי־שער, באַוואָפנטער גרופּע, וואָס ער האָט געטראָפן דעם 19־טן יולי אין דער פרי בעת די גאַסן־קאַמפן.

נאָך דריי טעג זענען די גאַסן־קאַמפן געווען געענדיקט, די אויפשטענדלער באַזיגט. אין מאַדריד, וואַלענציע, בילבאַאָ, טאָ־לעדאָ און אין מאַלאַגאַ איז אויך אַזוי געווען. דער פּוטש איז באַזיגט. עס הויבט זיך אָן דער קריג אויף די שלאַכט־פעלדער. מיט די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע פרייוויליקע, וואָס זענען אַוועק צום פראָנט, גייט אויך מיט עלסקי. דאָס איז געווען די ערשטע גרופּע אויפן נאָמען פון טעלמאַן.

צוזאַמען מיט אים גייען מיט פיל אָנטיילנעמער פון דער אָלימפּיאַדע : שווייצער, פּאָלאַקן, דייטשן, עסטרייכער. צווישן זיי געפינען זיך עמיגראַנטן, וואָס האָבן נאָך פריער געוווינט אין באַר־צעלאָנע. זיי גייען נאָך לערידאַ, ווו מען באַקומט געווער. דאָס לעצטע קלעקט נאָר פאַר אַ העלפט פון די טעלמאַנער, די באַוואָ־פנטע גייען ווייטער. די צווייטע העלפט, — און צווישן זיי על־סקי, — בלייבן איבער. עלסקי פאָרט קיין קאַספּע.

אין דערדאַזיקער צייט באַשרייבט ער דאָס לעבן, וואָס אַנט־וויקלט זיך אַרום אים, ער שיקט זיי אַרטיקלען אין דער „נייע פּרעסע", ער ווייסט אָבער ניט, צו זיי דערשיינען און ווו זיי דער־

שיינע. דאָס זענען געווען די אַרטיקלען, וואָס האָבן אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט זיין נאָמען.

מיט קורצע איבעררייסן אַרבעט עלסקי פאַר זיין ציימונג, אין טאָלעדאָ, עסטראַמאַדורע, אַנדאַלוזיע און ער דערזעט מאַדריד אין נאָוועמבער 1936, ווען פראַנקאָ, מאָלא און קעיפּאָ דע ליאַנאָ לאָזען אויספּוצן גלאַנציק זייערע שטיוולען קעדיי ווירדיק צו קענען אַריינרייטן קיין מאַדריד.

אויך אין מאַלאַגאַ איז ער אין אַזעלכע באַדינגונגען, דאָרט אָבער גייט עס ניט אַזוי גליקלעך אָפּ, ווי אין מאַדריד. ער פליט שפּעטער קיין בילבאַאָ אין דעם באַלאַגערטן באַסקן־לאַנד און פאַרלאָזט עס ערשט מיט די לעצטע, וואָס אַנטלויפן קיין סאַנטאַנדער. מיר זעען אים אויך שפּעטער אין אַסטוריע.

אַלע פאַזן פון דעם פּוטש, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בירגער־קריג, און פון בירגער־קריג אין אַן אינטערווענץ־קריג, האָט עלסקי געשילדערט אַלס מיטקעמפער און אַלס איידעס, וואָס האָט אַלץ אַליין געזען : דעם ספּאָנטאַנישן ווידערשטאַנד פון דעם פאָלק, אין אָנפאַנג די מעכטיקע פאַרטיידיקונג פון מאַדריד, דעם העראָישן קאַמף פון די אַסטוריער און פון די באַסקן פאַר זייער פרייהייט און ענדלעך — דאָס איינעמען פון טערועל דורך די רעפּובליקאַנער, דעם אָרגאַניזירטן זיג פון אַן אָרגאַניזירטער פאָלקס־אַרמיי.

מיט פאַרגעניגן האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאַג אונטערשרייבן אַ פאָרוואָרט צום דאָזיקן בוך און איך ווינטש דעם יונגן כאַווער, וואָס איז אַן ערלעכער, שאַרף ־ אָבסערווירנדיקער און דערצו אַ זייער גוטער אַרבעטער־רעפּאָרטער, אַסאַך ליטעראַרישן דערפאָלג.

דאָס, וואָס איך וואָלט אים מער געווונטשן איז אָט וואָס: אַז זיין בוך זאָל ברענגען דעם צושטייער, וואָס זאָל העלפן ווערבירן ליבע, פאַרשטענדעניש און הילף־לייסטונג פאַר דעם קאַמף פון דעם שפּאַנישן פאָלק און זיינע אינטערנאַציאָנאַלע פריינט אין דעמדאָזיקן היסטאָרישן געראַנגל פאַר מענטשן־רעכט און מענטשן־ווירדע.

ע ג אָ ן   ע ר וו י ן   ק י ש.

שפּאַניע, 1938.

## עטלעכע באַמערקונגען

איך בין געפּאָרן קיין שפּאַניע, ניט ווי אַ זשורנאַליסט און אַ פּראָפעסיאָנעלער רעפּאָרטער. איך בין געפאָרן ווי אַן ארבעטער, צו דער „פאָלקס־אָלימפּיאַדע". פאַר מיין אוועקפאָרן האָט מיר אַ יידי־שע ארבעטער־צייטונג געבעטן איך זאָל איר צושיקן, פון צייט צו צייט באַריכטן וועגן פאַרלויף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אר־בעטער־פּארמעסט. דערווייל האָבן זיך די געשעענישן אַזוי אומגע־ריכטן און האַסטיקן קער געטון, און שפּאַניע איז געוואָרן די ארענע פון אַ היסטאָרישן וועלט - פּארמעסט, אַז אַן ערעד וויכטיקערן און טראַגישערן, ווי די אָלימפּיאַדע.

אַלס ארבעטער און אַנטיפאַשיסט, בין איך גלייך אריינגע־צויגן געוואָרן אין סאַמע מיט פון דעם היסטאָרישן געראַנגל. און אַלץ, וואָס איך האָב געזען און מיטגעמאַכט, פון די ערשטע גאסן־קאַמפן ביז די אראַגאָנער פראָנטן, האָב איך מוידיע געווען מיין צייטונג. אַזוי בין איך געוואָרן דער ערשטער יידישער באַריכט־אָפּגעבער פון די שפּאַנישע קאַמפן.

אין דער צייט פון מיינע פיר מאָל זיין אין שפּאַניע, זינט אָנ־הויב קריג, בין איך דורך דאָס גאַנצע לאַנד פון רעפּובליקאַנישן באַזיץ ; אַלע פראָנטן פון צענטער, צאָפן, דאָרעם, מיזרעך און מאַירעוו : מאַדריד, גוואַדאַראַמאַ, עסטרעמאַדורע, טאָלעדאָ, מאַ־לאַגאַ, גרענאַדע און קאָרדאָווע ; בילבאַאָ, סאַנטאַנדער, אסטוריע, צום לעצט טערועל און די איבעריקע אראַגאָנער פראָנטן.

די רעפּאָרטאַזשן האָב איך פאַנאַנדערגעטיילט אין פיר טיילן — לויט מיינע פיר מאָל זיין אין שפּאַניע. איך האָב געפונען אין די פיר טיילן — פיר צייטן, פיר עטאַפּן און די אַנטוויקלונג פון דער שפּאַנישער מילכאָמע.

די ערשטע צייט, דער אַנאַרכאָ־פּאַרטיזאַנען־כאַראַקטער פון די אַנטיפאַשיסטישע קוויכעס, קעגן אַ טעכניש אויסגעשולטע און צוגעגרייטע ארמיי פון די אויפשטענדלער ; דאָס פעלן פון אַן

איינהייטלעכע, מיליטערישע אָנפירערשאַפט און דיסציפּלין, ווי אויך טעכניש אויסגעשולטע קאַדערן.

אין דעם צווייטן טייל פילן זיך שוין די רעזולטאַטן פון דער „ניט־אינטערווענץ"־פּאָליטיק פון די דעמאָקראַטישע מעלוכעס. די אויפשטענדלער פאַרמאָגן פּערפעקציאָנירטע קריג־מיטלען: מאָדערנע אוויאַציע, טאַנקן, אַרטילעריע און טעכניקער, וואָס די פאַשיסטישע גרויס־מאַכטן שטעלן זיי צו. עס פאַלט אירון, סאַן־סעבאַסטיאַן; שפּעטער טאַלעדאָ. די רעבעלן גייען פאָרויס און קומען צו צו די טויערן פון מאַדריד. אין דער צייט ווערט געשאַפן די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע. צווישן די פרייהייט־סאָלדאַטן, פון איבער צוויי צענדליק פעלקער, געפינען זיך הונדערטער און הונדערטער יידישע מיליציאָנערן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער דרייסטקייט און העראָיזם. איך שטעל זיך אין עטלעכע רעפּאָרטאַזשן ספּעציעל אויף זיי אָפּ.

דער דריטער טייל דאַרף כאַראַקטעריזירן דעם ווייטערדיקן עטאַפּ אין די שפּאַנישע געשעענישן:

די רעבעלן, טראָץ דעם, וואָס זיי דיספּאָנירן מיט אַזעלכע געוואַלדיקע מיטלען קענען אָבער דאָך ניט גיין פאָרויס — עס פעלן מענטשן. די פאַשיסטישע רעגירונגען באַנוגענען זיך מער ניט מיט שיקן מאַטעריאַל, ספּעציאַליסטן, עס קומען גאַנצע דיוויזיעס פון דער איטאַליענישער אַרמיי; דייטשע פּילאָטן און טאַנקיסטן, וואָס נאָכן פאַרכאַפּן מאַלאַגאַ ווערן איבערגעוואָרפן אויפן צאָפן און גייען, ווי אַן עמעסע אינוואַזיע־אַרמיי אויפן באַסקן־לאַנד און די איבעריקע פּראָווינצן פון צאָפן־שפּאַניע.

צום סאָף, דאָס פערטע מאָל; דער זיגרייכער אָנגריף אויף טערועל, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַן איינהייטלעכער, מיליטערישער אָנפירונג: אַ דיסציפּלינירטע און טעכניש־אויסגעשולטע פאָלקסאַרמיי. שפּעטער די מערדערלעכע אָפענסיווע פון די פאַשיסטישע אינטערווענץ־אַרמייען אויף אַראַגאָן.

אין דעם טייל גייט אויך אַריין דאָס שאַפן פון דער באַטווין־קאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך שוין באַדעקט מיט רום און העלדישקייט אויף די פראָנטן פון עסטראַמאַדורע, אַראַגאָן און צום סאָף ביי די עבראָ־קאַמפן.

דער גרויסער מאַטעריאַל און דער כראָנאָלאָגישער סיידער פון אויסשטעלן אים האָט ביים בעסטן ווילן ניט געקענט אַריינגענומען ווערן אין איין בוך. איך בין דעריבער געווען געצוווּנגען

צו פֿאַרענדיקן דאָס ערשטע בוך מיטן פֿאַלן פֿון מאַלאַגאַ. פֿאַר די מאַטעריאַלן פֿון מײַנע לעצטע צוויי מאָל זײַן אין שפּאַניע, דאָס הייסט: בילבאַאָ, סאַנטאַנדער און אסטוריע; דאָס דראַ־בערן טערועל און די פֿאַשיסטישע קאָנטער־אָפֿענסיווע, די אַנטשטיי־אונג פֿון דער „באַטווין“־קאָמפּאַניע און איר העלדישן אָנטייל אין די וויכטיקסטע שלאַכטן וועט זײַן געווידמעט דאָס צווייטע בוך: „אויף די פֿראָנטן פֿון שפּאַניע“.

מײַנע רעפּאָרטאַזשן באַזירן זיך אויף פֿאַקטן, אַליין איבער־געלעבטע און דערציילטע פֿון מיליציאָנערן אויף די פֿראָנטן — פּירער, קאָמענדאַנטן פֿון באַטאַליאָנען און פּאָליט־קאָמיסאַרן.

בלויז אין איין פֿאַל באַנוץ איך זיך מיט איידעס־זאָגן פֿון אַ זשורנאַליסט, דאָס איז וועגן באַדאַכאָז.

מײַן בוך פּרעטענדירט ניט צו געבן אַן אויספֿירלעכע און אַל־זייטיקע אָפּשפּיגלונג פֿון דער טראַגעדיע, וואָס רופֿט זיך: שפּאַניע 1936 — 1938. דאָס זענען פֿאַרצייכענונגען פֿון אַן אַרבעטער־רעפּאָרטער, וואָס האָט ווי געזאָגט, אַליין דורכגעמאַכט אַלע פֿראָנ־טען פֿון ערשטן מאָמענט אַז זינט די פֿאַשיסטן זענען אַרויס אין אויפֿשטאַנד קעגן דער לעגאַלער רעגירונג.

דאָס בוך האָט איין אויפֿגאַבע: איבערגעבן דעם העראָיזם פֿון שפּאַנישן פֿאָלק, זײַן מאַרטירערטום, זײַנע אינערלעכע שוואַכ־קייטן און סטירעס, איבערגעבן די סאָלידאַריטעט־געפֿילן פֿון אַלע פֿרייע מענטשן און באַזונדער פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַר־יאַט, וואָס האָט באַקומען זײַן בעסטן אויסדרוק אין דער רומפֿולער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, ווי אויך די יידישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסן, האָבן צושטייער געגעבן זייערע בעסטע זין.

אָט זיי אַלע און די העלדישע באַטווינצעס איז דאָסדאָזיקע בוך געווידמעט.

מײַן דאַנק דעם מוזיי פֿון שפּאַניש־יידישן מיליציאָנער א. נ. „אַלבערט ווײַץ“ (נאַכומי), פֿאַרן צושטעלן מיר געוויסע מאַ־טעריאַלן, וואָס זענען מיר נייטיק געווען צום דאָזיקן בוך.

איך וויל דאָ אויך דאַנקען דעם ליטעראַטור־קריטיקער ב. ווינאַגוראַ און דעם פֿאַרלעגער א. ב. צעראַטאַ פֿאַר דער מיט־הילף און זאָרג, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן ביים צוזאַמענשטעלן פֿון אָט דעם בוך.

ט. עלסקי.

# 1 / פון יולי ביז סעפּטעמבער 1936

# באַרצעלאָנע, ערעוו דעם שטורעם

א שווערער, אָנגעגליטער פון דער הייסער דאָרעם־זון, פאַר־גייט דער טאָג פון 18־טן יולי 1936.

די גאסן אין באַרצעלאָנע זענען רוישיק און זאָרגלאָז: מע־נער אין ווייסע העמדער, אָן די מאַרינאַרקעס, פרויען — לייכט, זומערדיק אין העלע קאָלירן מיט גלאַנציקע פריזורעס און פאַר־פיקסירטע „ניאַבקעס" פריש, ווי פון שפּיגל אוועק שימערירן אי־בער די ברייטע, באַגרינטע „ראַמבלאַס".

דער אוילעם אויף די טראָטוארן מאַכט א שפּאַלער פאַר רוי־שיקע אויטאָקאַרן, וואָס ברענגען די אויסלענדישע ספּאָרטלער און געסט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער ספּאָרט־אָלימפּיאַדע. די אוי־טאָקאַרן רייסן זיך דורך מיט געזאַנג און פרייד־יקע אויסרופן. דער האַמוין ענטפערט מיט געבײַלטע פויסטן. אויפן גאנצן וועג קלינגען אין די אויערן אויסגעשרייען אין א פרעמדער שפּראַך פון טוי־זענטער קוילעס: „אוּאַטשעפּע! אוּאַטשעפּע!" דאָס זענען די ערשטע דריי קלאַנגען פון די ווערטער: „אוניאָן הערמאַנאָס פּראָ־לעטאַריאָס" (איינהייט ברידער פּראָלעטאַריער!) דאָס איז דאָס געשריי פון די אסטורישע קוילנגרעבער; דאָס געשריי פון דער אסטורישער קאָמונע, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט אין אָקטאָבער 1934.

דאָך פילט מען צווישן דעם יוּוולדיקן און יאָנטעוודיקן אוי־לעם א געוויסע אומרואיקייט, וואָס זאָגט אָן, אַז ערגעץ ווו געפונט זיך אָנגעזאַמלט פולווער, וואָס קען יעדע מינוט אויפרייסן...

קאַלוואָ סאָטעלאָ איז מיט עטלעכע טעג צוריק דערשאָסן גע־וואָרן. זיין קערפּער האָט מען געפונען הינטער מאַדריד.

קאַלוואָ סאָטעלאָ, דער געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער פון אַל־פאָנס דער 13־טער איז ארויסגעשוומען אויפן אָרט פון דעם יעזואיט כיל ראָבלעס. ארום קאַלוואָ סאָטעלאָ האָבן זיך געזאַמלט אַלע פינצטערע קוויכעס פון לאַנד: די קאַר־ליסטן, פאַלאַנגיסטן, די גרויסע פריצים, די קירכע, א טייל פון גרויס קאַפּיטאַל, און אַלע רעאַקציאָנערע אָפיצירן פון דער ארמיי.

זינט די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין פעברואַר, ד. ה. זינט דעם זיג פון פאָלקס־פראָנט האָבן זיך קעסיידער איבערגעכאַזערט אַטענ־טאַטן און טעראָר־אַקטן אויף די פאַרשטייער פון די פאָלקס־פראָנט־פּאַרטייען. יעדן טאָג איז פאַרשוואונדן אַ צווייטער: היינט אַ רע־פּובליקאַנער, מאָרגן אַ קאָמוניסט; אַ סאָציאַליסט א. אז. וו.

קאַלוואָ סאָטעלאָ איז דערשאָסן געוואָרן אַלס ענטפער, וואָס זיינע מענטשן האָבן דערמאָרדעט אַ סאָציאַליסטישן אָפיציר פון דער „גוואַרדיאַ אַסאַלטאַ" (רעפּובליקאַנישע שטורעם פּאָליציי) מיט אַ פּאָר טעג פריער.

אומרו קוקט אַרויס פון דאָ און דאָרט אין אָט דער יאָנטעוו־דיקער באַרצעלאָנע.

ווען אונזערע אויטאָקאַרן זענען פאַרביי די רייכע קוואַרטאַלן האָבן זיך פון די פענצטער און באַלקאָנען אָפטער אָנגעהויבן אי־בערכאַזערן די רוימישע גרוסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט רייצן און פּראָוואָצירן.

אויפן פּלאַץ ד'עספּאַניאַ האָבן זיך אָנגעצונדן די ווייסע גאַז־לאָמפּן. אַלץ בינקלט. דער באַרג מאָנטזשוויק, דער באַרג, וואָס האָט צו דערציילן וועגן אינקוויזיציעס, שייטער־הויפנס אין דער צייט פון יידן־פאַרפאָלגונגען, פירט פון דאַנען מיט בלומען־אַלטאַנעס און מעכטיקע פאָנטאַנען ביז אויבן; גאַנץ אויבן, וווּ זיין פעל־זיקער מאַסיוו אויף וועלכן עס געפינט זיך אַן אַלטער שלאָס — די הויפּט־טפיסע קוקט אין יאַם אַריין.

ביי לאַנגע, ליכטיקע טרינק־שטעלעס אין מיטן גאַס גאָרגלט מען ווערמוטן־פלעשלעך און מען פרישט זיך אָפּ מיט ציטרינען אָדער פּאָמעראַנצן־זאַפט.

די ראַמבלאַ איז איבערפולט מיט שפּאַצירנדיקע. אויף פּאַ־ראַלעלאַ, דער צענטער פון קאַבאַרעטן און טעאַטערס, שטייען טישלעך אינמיטן גאַס און פאַרלעך וויגן זיך אונטער די קלאַנ־גען פון „פּאַזאָדאָבלעס" און שפּאַנישע טאַנגאָס, וואָס מאַכן טרויעריק אויפן האַרץ...

אָבער... אין דעם באַשיידענעם לאָקאַל פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, אויף קאַליע מענדיזאַבאַל, טוישן זיך די וואַכן שוין אַ גאַנצע וואָך. באַוואָפנטע אַרבעטער היטן זייער לאָקאַל טאָג און נאַכט. דאָסזעלבע ווערט געטאָן אין אַלע אַנדערע לאָ־קאַלן פון די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און סינדיקאַטן. ביי די קאַשאַרן פון די „גוואַרדיאַ אַסאַלטאַ" שטייען פאַר די טירן

די גוואַרדיסטן אין פולער צוגרייטונג. דאָס מאַשין־געווער שטייט אַריינגערוקט אין הינטערגרונט. אָבער קיינער פון די דורכגייער לייגט ניט קיין אַכט אויף דעם. אין באַרצעלאָנע גייט אָן אַ לעבן — אַ פרייל עכס, אַ זאָרגלאָז.

איז מיין ווינונג, וואָס געפינט זיך אין נאָענטער שכיינעס פון פּאַראַלעלאַ דערגייען צו מיר אָפּגעריסענע טענער פון דער דזשאַז־מוזיק און דאָס לאַכן פון די מעצאָ־סאָפּראַן־שטימעס פון די באַרצעלאָנער מיידלעך. די 18 שאָ פּאַרן, די שרעקלעכע היץ, דאָס לאַנגע אַרומשלעפּן זיך איבער די גאַסן, האָט מיך שרעקלעך אויסגעמאַטערט. מיט אַ האַרץ פון געמישטע געפילן, וואַרף איך זיך אַ מידער אויף מיין בעטל און פאַל אַריין אין שווערן שלאָף.

## און... עס קומען הייסע טעג

אַ מוירעדיקע שיסעריי האָט מיך מיט אַמאָל אויפגעוועקט פון שלאָף. די שויבן ציטערן, דאָס הויז טרייסלט זיך. עס וואַרפט פון בעט אַרויס. איך בין צו צום פענצטער, עס איז 2 ביינאַכט.

די שיסעריי, איז צוגעקומען אַמאָל נאָענט, זייער נאָענט און אַמאָל זיך דערווייטערט. רויטע בליצן פון ביקסן און רעוואָלווער־שאָסן שניידן דורך די פינצטערניש אונטער מיין פענצטער. די שיסעריי ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די נערוון זענען אָנגעשטרענגט און יעדער ריר פון דער טיר, וואָס קומט פון לופט־דרוק, פון די זאַלפן אָדער ווינט וואַרפט אָן אַ פּאַכעד.

מיטן אָנקומען פון טאָג איז די שיסעריי שטילער געוואָרן. ביי די ראָגן פון די גאַסן, הינטער די מויערן, זענען אויסגעלייגט אַרבעטער מיט לויערנדיקע בליקן און רעוואָלווערן אין די הענט. אַנדערע דרייען זיך אַרום מיט ווילדע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן פאַר־בענדיק מיט די פּיסטאָלן. איך דערוויס זיך, אַז דאָס מיליטער האָט געפּרווט פאַרלאָזן ביינאַכט די קאַזאַרמעס, ווי אויך די „קאָ־פּיטאַניאַ", די „קאָמענדאַנציאַ מיליטאַר" און די „דואַנאַ", וואָס זענען געווען פול מיט אָפיצירן און פאַלאַנגיסטן. די אַרבעטער, וואָס האָבן גע־היטן זייערע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך באַצייטנס דערוווסט און צוזאַמען מיט גוואַרדיסטן און „קאַראַביניעראָס" זענען זיי אַוועק

איינהאַלטן דעם ארויסמאַרש פון די אויפשטענדלער. אַנטרעפענ־דיק זיך אויפן ערשטן דעצידירטן ווידערשטאַנד האָבן זיך די אויפשטענדלער צוריקגעצויגן און זיך פאַרשאַנצט אין די דער־מאַנטע געביידעס.

איך בין אַראָפּ פון מיין צימער. די גאַסן זענען אָפּגעליי־דיקט. אין די ארומיקע געסלעך פון פּאַרט האַלט אַן אַ שיסעריי. איינצלנע מענטשן שאַרן זיך ווי פאַרבלאָנדזשעטע ביי די ווענט, פאַכנדיק מיט אַ ווייס טיכל צווישן די אויפגעהויבענע הענט.

אין איינס פון די געסלעך אַרום פאַראַלעלאַ האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דער ערשטער באַוואָפנטער גרופּע. שטיקער אָפּגעדעקטע לייבער האָבן ארויסגעקוקט פון אויסגעהוילטע ספּאָרט־לייבלעך, צעשויבערטע קעפּ און צעהיצטע ווילדע אויגן. פון די פּענעמער איז גערונען דער שוויס. זיי האָבן זיך געהיצט, געאָמ־פּערט און עס האָט זיך גערעכנט, אַז אָט שיסט איינער אויף דעם אַנדערן. ארומגערינגלט זענען געשטאַנען עטלעכע סאָלדאַטן אין אייזערנע העלמס מיט אַמוניציע־גאַרטלען און זיך געאמפּערט מיט די ציווילע. אַ ציווילער האָט אויסגעצויגן זיין ביקס צו איי־נעם פון די סאָלדאַטן און געפּאָדערט ער זאָל אים אָפּגעבן זיין אַמוניציע מיטן העלם. דער סאָלדאַט האָט עפּעס געפּרוווט שטאַמ־לען. די איבעריקע סאָלדאַטן האָבן עפּעס גערעדט און זשעסטי־קולירט, ווי זיי וואָלטן אים ראַטן ניט צו זיין פּאַראַקשנט. ער האָט סאַבקאַלסאַף נאָכגעגעבן, נאָך אים האָבן די איבעריקע גע־טאָן דאָסזעלבע.

דאָס איז געווען די ערשטע גרופּע סאָלדאַטן, וואָס איז פריי־וויליק איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון פאָלק. אָבער די אַנאַר־כיסטן האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי אפילע צו די פרייוויליקע און זיי אַנטוואָפנט. איך בין געשטאַנען אין טומל אַ האַלב־פאַר־לוירענער מיטן ווייסן טיכל אין דער האַנט, ביז איינער פון די ציווילע האָט מיך באַמערקט. דאָס איז געווען אַ באָכער פון אַ יאָר 17 מיט אַ פאַרברענט פּאָנעם און אַ הייזעריק קאָל. ער האָט אויסגעצויגן צו מיר דעם רעוואָלווער און אַז אויפגערעג־טער עפּעס אויסגעשריגן. ווען איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס האָט געדאַרפט זאָגן, אַז איך פאַרשטיי ניט, וואָס ער רעדט, איז ער צו צו מיר און מיטן רעוואָלווער ביי מיין ברוסט — אָנ־געהויבן באַזוכן מיינע טאַשן. גאָרניט געפונענדיק האָט ער אָפּגעלאָזן דעם רעוואָלווער און אָנגעהויבן צו מיר עפּעס רעדן.

דאָס איינציקע, וואָס איך האָב אים געקענט ענטפערן אויף שפּאַניש איז געווען „אַנטיפאַשיסטאַ". דאָס האָב איך איבערגעבאַזערט כ'ווייס אַליין ניט וויפל מאָל. ווען איך האָב אים געוויזן דעם „אָלימפּיאַדע"־צייכן, האָט ער פרעגנדיק אויסגעשריגן: „קאַמאַראַדאַ?!" — און מיך גלייך אַריינגעצויגן אין מיטן פון זיין גרופּע. — מיר גייען צוזאַמען.

אין מיטן פּלאַץ אַרום אַ הילצערנער בודקע פון געטראַנקען ליגן עטלעכע ציווילע און שיסן אַפּער. פון צייט צו צייט, ווערט די שטילקייט פון די פאַרלאָזענע גאַסן איבערגעריסן מט אַ טרעסלעריי פון מאַשין־געווער. עס איז שווער זיך צו אָריענטירן פון וואַנען עס קומט. מען פאַלט צו דער ערד. מען הויבט זיך אויף. מען לויפט. אַזוי גייט מען קעסיידער פאָרויס פון איין ווינקל־געוועלב צום צווייטן.

עס הערט זיך אַ שאַרפער פייף, קיינער ווייסט ניט, וואָס דאָס באַדייט. איינער הייסט שיסן, אַ צווייטער שרייט: „נאָ טיראַ" — ניט שיסן. פון מיטן פּלאַץ לויפט מען אַהין און אַהער, מען ווייסט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. אויפן טראָטואַר פון בולוואַר, וואָס פירט פון פּאָרט באַווייזט זיך פּלוצלינג אַ גרופּע סאָלדאַטן אָן מונדירן, אין די בלויזע העמדער, די הענט אין דער הויך און שרייען: — „קאַמאַראַדאָס, נאָ טיראַ!" אַלע לויפן זיך צוזאַמען און מען כאַפּט זיך אַרום מיט זיי קושן. פון דער צווייטער זייט גאַס קומט אָנצולויפן אַ מענטש פון זיין נאָכהענגנדיקער האַנט רינט בלוט. פון מיטן וועג האָט מען צוגענומען אַ יונגן באָכער מיט אַ דורכגעשאָסענער ברוסט. מען האָט אים אַוועקגעלייגט לעבן אַ טויער און צוגעדעקט מיט אַ דעק.

וואָס נענטער מען קומט אין דער ריכטונג פון פּלאַץ קאַלאָן, אַלץ אָפטער שטויסט מען זיך אָן אויף טויטע קערפּערס.

די שיסעריי איז שטילער געוואָרן. אין מיטן גאַס לויפט אַ מאַן אין אַן אַטלעטיש לייבל, פון זיין שטערן רינט בלוט. ער פאָכעט מיט דער ביקס אין דער לופט — דאָס זאָגט ער אָן, אַז די „קאַפּיטאַניאַ" איז גענומען געוואָרן. יעדער איינער כאַפּט זיך אַרום מיט אים הארציק. איינער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ ברודיק טיכל און אים דערווייל פאַרבונדן די וווּנד. דאָס בלוט נעצט אַדורך דאָס טיכל און טריפט איבער דער באַק אויף דער ברוסט אַרויף.



איינע צווישן די ערשטע אימפּראָוויזירטע באַריקאַדן אין באַרצעלאָנע.

אין גרויסן פירקאנטיקן קאזארמע־הויף רוישט ווי אין א בינשטאָק. ציווילע היצן זיך און פאָדערן מען זאָל זיי ארויס־געבן די ארעסטירטע אָפיצירן. אין מיטן הויף, ארומגענומען מיט א געדיכטער רייף פון „גווארדיא אסאַלטא" — שטייען די אָפי־צירן אַנטוואָפנט מיט צעשפּילעטע מונדירן, אראָפּהענגנדיקע שטו־מע קעפּ און צעשראָקענע בליקן.

אין די לאַנגע קאַשארן דרייען זיך ארום האלב־אויסגעטועטע זעלנער. אלע זענען טויט־שיקער. אסאך פון זיי וויינען און שאָק־לען זיך אויף די פיס. אַנדערע זיצן אויף די בעטלעך און ווייסן גאַרניט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי.

— פון נעכטן ביינאַכט אָן — דערציילט מען מיר — זינט זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן האָט מען זיי געגעבן קעסיידער צו טרינ־קען, פאַר יעדן פאַל פון ניט געהאָרכזאַמקייט, האָט מען גלייך דערשאָסן. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פויערים פון אַלט־קאַסטיליע, האַלבע און גאַנצע אַנאַלפאַבעטן. אין א ווינ־קעל פון גרויסן הויף האָט מען געפינען דריי קערפּערס, וואָס זע־נען עקזעקוטירט געוואָרן דורך די פאַשיסטישע אָפיצירן.

אויף פּלאַצא דע פּאַלאַציא קומען נאָך פאָר פאַרביטערטע קאַמפן. פאַשיסטן האָבן דאָ אויסגענוצט א כיטרע שפּיצל: זיי האָבן ארויסגעהאָנגען א ווייסע פאָן, ווען מען האָט זיך דערנענ־טערט צום הויז, האָט זיך געעפנט א שיסעריי.

מיט געווער האָט זיך פארבעסערט: מען האָט אויפגעריסן אַמוניציע־געשעפטן. די נייע פארנומענע פּאָזיציעס האָבן צוגע־האָלפן צו באַוואָפענען נייע טויזנטער.

פאַרנאַכט האָט די ציווילע באַפעלקערונג אָנגעהויבן ארויס־שטעקן די קעפּ. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אויטאָס, וואָס זענען געפלויגן איבער דער שטאָט און ארבעטער אויסגעמישט מיט גווארדיסטן האָבן געהאַלטן ארויסגעשטעקט זייערע לופעס. די ציווילע באַפעלקערונג האָט אויפגענומען מיט שטורמישע אָוואַ־ציעס און מיט געשרייען: „זאָל לעבן די רעפּובליק!" ברידער־לעך אויסגעמישט זענען באַוואָפנטע קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, רעפּובליקאַנער און אַנאַרכיסטן, געלאָפן פון איין קריג־פּלאַץ צום צווייטן. מען האָט זיך געגרייט אויף גרויסע שלאַכטן. דער האָ־טעל „קאָלאָן" מיט דער טעלעפאָן־צענטראַלע איז נאָך ביי זיי אין די הענט. אין די פינצטערע גאַסן זענען געשטאַנען רעדלעך און

היים דיסקוטירט. עס איז ניט געווען קיין צווייפל, אז נאָך דעם גלענצנדיקן טאָג איז דער אויפשטאַנד שוין אונטערדריקט.

די נאַכט איז געלעגן איבער באַרצעלאָנע אַז אויסגעשטערנטע, דאָס צאַרטע יאַם־ווינטל האָט געברענגט מיט זיך איימע. יעדער בלאָז האָט געשמעקט מיט אויפבריים, מיט דינאַמיט. דורך דער פינצטערניש האָט דורכגעשטאָכן אַ רעפלעקטאָר — אַז אויטאָ איז שנעל פאַרבייגעפלויגן. מענטשן זענען געשטאַנען און ניט געוווסט וואָס צו טון — עפּשער איז עס פון סוינע... באַלד ווערט ווידער שטיל און ווידער ווערט די שטילקייט איבער־געריסן פון אַ געדיכטער שיסעריי, מען הערט שוין אויך אַ האַר־מאַטן־שאָס. דער צווייטער נאַכט־קאָנצערט ווערט פאַרגעזעצט.

אויפן צווייטן טאָג פון אויפשטאַנד, דעם 20־טן יולי. די פאַ־שיסטן זענען פונאַנדערגעוואָרפן אין קליינע גרופּעס, באַהאַלטן זיך אויס אויף די באַקוועמע, טעראַסע ־ אַרטיקע, באַרצעלאָנער דע־כער און שיסן אַראָפּ.

די סאַן־פּאַבלאָ־גאַס געהערט צו די עלטסטע און באַלעבסטע גאַסן. דאָ געפינען זיך אויך אַ גרויסע צאָל יידישע מאַגאַזינען פון שניידער־קאָנפעקציע. פון דאַנען זענען עטלעכע טריט צום באַ־רוסטן בינעזישן קוואַרטאַל — דער אָפּגרונט פון באַרצעלאָנע. ביים אַריינגאַנג אין גאַס פון דער פּאַראַלעלאַ־זייט, עס סמאַלעט זיך שוין דעם צווייטן טאָג אַז אַלטע קירכע. דער גאַנצער ברוק איז צעגומען. ביי יעדן געסל זענען אויפגעשטעלט באַריקאַדן. באַוואָפנטע אַרבעטער מיט אויסגעשטרעקטע לופעס דרייען זיך אַרום און קוקן צו די פענצטער און דעכער. פּלוצלינג, מען ווייסט ניט פון וואַנען גיט זיך אַ שיט אַראָפּ פון ערגעץ עטלעכע רעוואָל־ווער־סאַלוון און — ווייטער שטיל.

די מענדיזאַבאַל־גאַס איז איינע פון די געסלעך אויף סאַן־פּאַבלאָ. אין דעם קליינעם געסל הערשט אַ שרעקלעכער געדראַנג פון באַוואָפנטע מענטשן און אויטאָס. דאָ געפינט זיך אַ שפּיטאָל פון רויטן־קרייץ. סאַניטאַרן־אויטאָס ברענגען קעסיידער פאַר־וואונדעטע און פאַרן, מיט טומל, ברענגען אַנדערע.

אַנטקעגנּיבער ביים לאָקאַל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי הערשט אַ קעסיידערדיקע באַוועגונג: מענטשן אין פאַרשידענע קליידער; אַז ביקסן און מיט ביקסן גייען און קומען. ביים טויער

שטייט אַ באַוואָפנטע וואַך און קאָנטראָלירט יעדן, וואָס וויל אַריין. די שטיגן, וואָס פירן צום ערשטן שטאָק זענען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן נאַסע פון שוויס, — אומעגלעך זיך דורכצוקריגן. צווישן די מענטשן דערקען איך אויך יידישע פּנעמער. אָט איז דער כּאַוואַער שאַיע, דער יידישער שניידער־אַרבעטער פון קראָקע, און אונזער מאַמע־לאָשן קלינגט שוין אין טומל.

דאָס וואַקסענע פּאָנעם מיט די רויטע אויגן זאָגן איידעס, ווענן עטלעכע נעכט ניט שלאָפן. דערדאָזיקער אויסזען מאַכט זיין נידעריקן וווקס נאָך קלענער. ווען מען קוקט אים אָן, גלייבט זיך ניט, אַז ער איז שוין 8 יאָר אין טיפסע געזעסן אין פּוילן, אַז ער איז שוין אויסגעוויזן פון עטלעכע לענדער, פאַרזוכט דעם טאַעם פון אַן אַ שיער קאָנספּיראַטיווע נעכט, פון וואַלגערן זיך אויף גאַסן און וואָקזאַלן און אָפּגעבן נעכט אויף פאַרזאַמלונגען און זיצונגען.

איך צערעד זיך מיט אים און ווער געוואָר, אַז אין באַרצע־לאָנע געפינט זיך איצט אַ יידישער יישעוו, וואָס ציילט עטלעכע הונדערט נעפאָשעס. אַ גרויסער טייל האָט אויסגעוואַנדערט פון פראַנקרייך און בעלגיע אַלס רעזולטאַט פון אויסווייזן און פאַר־פאָלגונגען, וואָס עס האָבן געהאַט אויסצושטיין די אויסלענדישע אַרבעטער אין דער צייט פון קריזיס און פּאָליטישע רעדיפּעס. אַנטלאָפן פון זייערע היים־לענדער פון הונגער און אַנטיסעמיטיזם, געקומען קיין פראַנקרייך, בעלגיע — פּאַפּירן, אַרבעט־רעכט, אויסווייזן. און איצט זיך באַזעצט אין באַרצעלאָנע.

אָבער צוזאַמען מיט זייערע אויסווייזן, הונגעריקע טעג, אויסבאַהאַלטענע, ניט געשלאָפענע נעכט און געגאַנווטע גרענעצן, האָבן זיי אויך געבערענגט דעם פלאַם און דערפאַרונג פאַר געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, זייער געטריישאַפט פאַר דער אַרבעטער־באַ־וועגונג.

דער כּאַוואַער שאַיע איז איינער פון די אָנגעזעענסטע און איבערגעגעבנסטע טוער. ער האָט געהאָלפן אויפבויען אַ גאַנצע ריי אָרגאַניזאַציעס אין באַרצעלאָנע. ער געפינט זיך פון ערשטן מאָמענט אָן אויף זיין קאַמף־פּאָסטן צווישן די פאַרטיידיקער פון דער רעפּובליק.

איך באַקען זיך דאָ אויך מיט אַ צווייטן יידישן אַרבעטער — ער איז אַ פרעסער, אַ פּאָליטישער עמיגראַנט און וווינט שוין דריי יאָר אין באַרצעלאָנע.

די זואָד, וואָס מען האָט זיך געגרייט צום פּאַשיסטישן אָנ־פאַל איז ער געווען אין פּאַרטיי־לאָקאַל. פון דער ערשטער מינוט אָן געפינט ער זיך אין דער ערשטער ריי. געווען ביי די געפער־לעכסטע ערטער — ביי דער ראַמבלאַ און קאַפּיטאַניאַ.

די דריי צימערלעך זענען געפּאַקט, ניט אָנצובייגן זיך. אין גרעסערן צימער, וואָס גייט אַרויס אויף דער גאַס טרעט מען פּאַ־שעט אויף שלאָפנדיקע מענטשן. אַרומגעבונדן מיט טיכלעך די קעפּ, ליגן בלאַסע, פאַרשמאַכטע פּנעמער און ציען אין זיך אַריין מיט אָפענע מיילער די פאַרסאַמטע לופט. אין גערדראַנג טרעט מען אויף זייערע קערפּערס, אָבער די טויט־מידקייט האָט זיי פאַרזונקען אין טיפן שלאָף.

אַרלאַנדיס, דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, לויפט אַרום אין אַ ווייס צעשפּילטע העמד, נעמט צונויף אַ גרופּע און שיקט אַוועק. אין אַ קליין צימערל, וואָס האָט אַמאָל געדינט פאַר אַ סעקרעטאַריאַט איז אָנגעלייגט אַ פולער טיש מיט ביקסן־שלעסער. פּרויען מיט מענער פּיצן זיי און לייגן אָן אַ באַרג. אַלע ווײַלע ווערן אַרויס־געגעבן עטלעכע ביקסן און אַ גרופּע גייט אַוועק.

אין אַ צווייטן צימער באַקען איך זיך מיט אַן ענגלישן זשור־נאַליסט: קלאָד קאָקבורן, וואָס וואַרט, קעדיי צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַרלאַנדיסן. אָבער דאָס איז ניט פון די לייכטע זאַכן. אַרלאַנ־דיס איז איצט ווי אַ פאָן אויפן ווינט, וואָס צאַפּלט און פלאַטערט אויף אַלע זייטן. מיר שטעלן אים דאָך אָפּ. ער בעט אונדז אָבער שטאַרק איבער און... ראַט צו פאַרלאָזן דעם לאָקאַל.

— מען גייט אויפרייסן מיט דינאַמיט דעם הויפּט־קוואַר־טאַל פון דער אינפאַנטעריע — זאָגט ער אונדז.

דער דעפּוטאַט וואַלדעס מאַכט מיט דער האַנט, אַז דער אוי־לעם זאָל זיך איינשטילן און רעדט אויף קאַטאַלאַניש:

— מיר באַהערשן די לאַגע, די פּאַשיסטן זענען שוין פאַרטריבן געוואָרן פון די וויכטיקסטע פּונקטן. עס בלייבט אונדז נאָך איבער אַסאַך אַרבעט ביז דער אויפשטאַנד זאָל ענדגילטיק אונטערגע־דריקט ווערן. אונדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז שטאָלץ מיט אירע קעמפער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל העלדישקייט און אָפּפערווויליקייט. אונדזערע כאַווערים האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף אַן געווער. איצט האָבן מיר שוין די מעגלעכקייט צו באַ־וואָפענען אונדזערע כאַווערים. קאָמוניסטן דאַרפן זיין דער

ביישפּיל פון דיסציפּלין. קאָמוניסטן דאַרפן שטיין אויף דער וואַך קעגן אַלע פינצטערע עלעמענטן, וואָס ווילן אויסנוצן דעם אויפשטאַנד און דעם כאַאָס פאַר גאַנוועגען און ראַבעווען. קיין איין קאָמוניסט טאָר ניט בלייבן אויסערן קאַמף. אַלע אויף דער גאַס. מיר האָבן פאַר אַלעמען געוואַר...

די גאַסן האָבן אָנגעהויבן באַלעבט צו ווערן. לאַנגע רייען שטייען פאַר די לאָמבאַרדן, ווי עס ווערט יעדן איינעם אומגעקערט זיינע מאַשקאַנעס אַן אויסקויף־געלט.

די שיסערייען פון די דעכער מיט לאַנגע אונטערוואַלן כאַזערען זיך אַלץ איבער. פאַר די גרויסע געשעפטן אויף די ראַמבלאַ שטייען קאַמיאָנען. ציווילע מענטשן מיט ביקסן, טראָגן אַרויס קווישן מיט לעבנסמיטלען.

עס האָבן זיך באַוויזן באַוואָפנטע אויטאָס מיט אויפשריפטן: „פאַי". (פעדעראַציע פון שפּאַנישע אַנאַרכיסטן) „צ. נ. ט." (נאַציאָנאַלע אַרבעטער־פעדעראַציע) זיי לויפן דורך די הויפּט־אַרטעריעס פון דער שטאָט מיט אַרויסגעשטעקטע לופעס און ווערן אויפגענומען מיט הילכיקע „בראַוואָס" און „וויוואַס !..."

עס ווערן באַזייטיקט די לעצטע מיליטערישע פּאַטרולן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף געוויסע פּאָסטנס אין שטאָט, דאָס איז דער קלענער טייל, וואָס איז טריי געבליבן דער רעגירונג.

אין די גאַסן באַמערקט מען אויסגעהאַקטע מאַגאַזין־פענצטער פון וואַנען עס זענען אַרויסגענומען געוואָרן: קראַוואַטן, זייגערלעך און גאָלדענע פעדערס.

אויף דער האָספּיטאַל־גאַס האָבן די קאָמוניסטן פאַרנומען אַ לאַנגן הויף, ווי עס איז אַמאָל געווען אַ מאָנאַסטיר. אויף איין זייט הענגט שוין אַ קוויטל: „דאָ קען מען זיך פאַרשרייבן אין דער מיליציע". פון דער צווייטער זייט, האָט מען געמאַכט אַ טפיסע פאַר גאַנאַווים און... פאַשיסטן. אין מיטן הויף שטייט אַ לאַנגע ריי מענער און פרויען און אַ יונג באָכערל, עפּשער פון 17 יאָר, גייט פון איינעם צום צווייטן און ווייזט ווי אַזוי צו שיסן.

ביי דער רעגיסטראַציע־ביוראָ פון די פרייוויליקע שטויסן זיך מענטשן. יעדער באַקומט אַ שטיקל פּאַפּיר געשריבן אויף אַ מאַשין מיטן סטעמפּל פון דער פּאַרטיי. דאָרט זאָגט זיך, אַז דער טרעגער פון דעמדאָזיקן פּאַפּיר, האָט דאָס רעכט צו טראָגן געווער מיטן

מיליץ.
העסקעם פון דער פארטיי. אזעלכע צעטלעך גיט ארויס יעדער סינ־
דיקאט און ארגאניזאציע פאר זייערע מיטגלידער. עס ווערט גע־
שאפן די אנטיפאשיסטישע מיליץ און יעדע פארטיי שאפט איר

די פאשיסטן זענען שוין אומעטום באזיגט ; דער גענעראל

גאדעט האט זיך אונטערגעגעבן אין האטעל „קאלאן”. דאסזעלבע איז געשען אין דעם טעלעפאנען־הויז. דאך האט מען אלץ מוירע, אז די פאשיסטן זאלן ניט ארויס פון זייערע לעכער. איבער דער גאנ־צער שטאט ווערט אויסגעשטעלט א נעץ פון גלענצנדיקע באריקאדן. אויף יעדער גאס זענען אנגעלייגט שמיינער, זעק מיט שמא־טעס און זאמד ; מאטראצן און אונטערבעטן. ביינאכט הערט מען נאך א שיסעריי פון א פארבייפארנדיקן אויטא מיט אויסגעלא־שענע ליכט... אבער דער אויפשטאנד איז בארצעלאנע איז אונטער־דריקט. די פאשיסטן וועלן מער ניט אויפהויבן דעם קאפ.

ווי פון אויפגעלאזטע שלוזן שטראמען די מענטשן ארויס אויף די גאסן. רויטע, שווארץ־רויטע ; רעפובליקאנישע און קא־טאלאנישע בענדער, קוקן ארויס פון ארעמס. די אנארכיסטן שרייען: „וויוואַ לא פאי” און די קאטאלאנער — „זאל לעבן דאס פרייע קאטאלאניע און די רעפובליק”. די סאציאליסטן און קאמו־ניסטן רופן : „אוּאַטשעפּע ! אוּאַטשעפּע !” עס ווערט געשיקט די ערשטע גרופּע באזעצן דעם האטעל „קאלאן”.

צוזאמען מיט די ערשטע, בין איך אריין אין האטעל.

דער פאשיסטישער גענעראל גאדעט, וואס איז דא אריינגע־דרונגען דעם 18־טן יולי ביינאכט האט געצוווּנגען די רייכע, אויס־לענדישע געסט צו פארלאזן דעם האטעל אזוי, ווי זיי שטייען און גייען.

ווערטפולע קליידער און צירונג האבן זיך געוואלגערט אין די צימערן ווי אויך טיילן פון מאשין־געווער און טויזנטער אויס־געשאסענע גילזן.

די בעטן, קארידארן און שטיגן זענען געווען פול מיט פריש, ניט פארטרוקנט בלוט. ארויסקומענדיק אויפן גאס, האב איך שוין געטראפן פארטיילן דעם ערשטן, דערשינענעם מאניפעסט פון פסו״ק (פאראייניקטע סאציאליסטישע פארטיי פון קאטא־לאניע) די פסו״ק איז א פאראייניקונג פון פיר מארקסיסטישע

פּאַרטייען : קאָמוניסטישע, סאָציאַליסטישע, קאַטאַלאָנישע סאָציאַליסטן און די אויטאָנאָמיסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון קאַטאַלאָניע, „קאַטאַלאַ פּראָלעטאַרי". זיי האָבן זיך פאַרייניקט אין דער צייט פון די גאַסן־קאַמפן און באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל.

אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער פאַשיסטישער גאַרניזאָן, וואָס האָט שוין באַהערשט סאַראַגאָסע גייט אויף באַרצעלאָנע.

## צום פראָנט !

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם זענען די ווערטער דורכגעלאָפן דורך די מאַסן :

צום פראָנט, קיין סאַראַגאָסע !

דער אַנאַרכיסט בענאַוואַנטוראַ דורוטי, האָט אָרגאַניזירט די ערשטע אַנאַרכיסטישע קאָלאָנע און איז אַוועק צום פראָנט. זיין ביישפּיל האָבן באַלד נאָכגעטאָן אַלע אַנדערע אַנטיפאַשיסטישע גרופּירונגען. מען האָט אָרגאַניזירט קאָלאָנעס און צענטוריעס (הונדערטשאַפטן) און געשיקט צו די אַראַגאָנער בערג.

גאַנץ באַרצעלאָנע האָט איצט געהאַלטן געוואַנדן די אויגן צו סאַראַגאָסע, וואָס איז די שטאַרקסטע פעסטונג פון די אויפשטענדלער אין אַראַגאָן. אויף די וועגן פון אַראַגאָן האָבן זיך געצויגן אָן אויפהער קאָלאָנעס מיליציע.

אין האָטעל „קאָלאָן" געפינט זיך דער שטאַב פון פּסו"ק — דער שפּאַנישער „סמאָלני". דער האָטעל שטייט אויף פּלאַץ קאַטאַלאָניאַ. דער שענסטער פּלאַץ אין באַרצעלאָנע. טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט זענען געקומען באַוווּנדערן זיין שיינקייט. איצט ליגן דאָ 7 דערשאָסענע פערד מיט אויפגעבלאָזענע בייכער און אַ שרעקלעכער איפּעש פאַרשפּרייט זיך אַרום.

אויף דער אַנדערער זייט סקווער פון פּלאַץ שטייט דאָס טעלעפאָנען־הויז, וואָס הויבט זיך מאַיעסטעטיש, הויך אין הימל אַריין. אויך דאָ האָבן די פאַשיסטן געהאַט זיך פאַרפעסטיקט. פּונקט, ווי דער האָטעל „קאָלאָן" טראָגט דאָס הויז אויף זיך סימאָנים פון

פארביטערטע קאמפן: איבערגעשניטענע טעלעפאן־דראטן הענ־ געז אראפ פון די פענצטער. ווענט זענען צעלעכערט פון ביקסן־ און הארמאטן־קוילן.

דער האטעל „קאלאן" מיט זיינע 6 שטאק און 7 הונדערט צימערן זענען איינגעארדנט מיטן גרעסטן קאמפארט. דער קעלער מיט זיין דעקאראטיווע פארבנרייכקייט און קאבארעטישע איינאר־ דענונג, זאגן אידעם וועגן פארשווונדערישע נעכט, פון וועלכע עס האבן געגאסן די רייכע אויסלענדישע טוריסטן.

אין פארטער, וווּ עס געפינט זיך דער עס־סאלאן, פינקלען די געשליפענע גלעזלעך פון די באלויכטענע זשיראנדאלעס. מענ־ טשען מיט געווער אין פארשידענע קאליר־קליידער מיט מעטאלענע העלמען, שטאפענע שיפלעך, אדער מיט בערעטן אויף די קעפ, דרייען זיך ארום, קומען און גייען אוועק גרופנווייז. אין די ווינקלען אויף דער ערד אדער אויף פאטעלן זיצן ארבעטער, אנגעלענט אויף זייערע ביקסן. פון אונטער זייערע שטערנס קוקן אפער מידע אויגן פון ניט דערשלאפענע נעכט.

דער קאמענדאנט פון דער מיליץ קומט יעדע ווילע געבן באפעלן און אנווייזונגען. קיינער קען ניט פעסטשטעלן, ווען ער שלאפט אדער עסט. ווי די כאווירים גיבן איבער, איז ער שוין 7 טעג און נעכט אויף די פיס. ער איז א בארימטער קינסטלער, וואס איז געוועז פארשפארט נאך די אקטאבער־געשעענישן.

א לאסט־אויטא קומט יעדע מינוט צו מיט פראוויאנט אדער אמוניציע און ווערט אויסגעלאדן און פארט ווייטער. אזוי כאזערט עס זיך שוין איבער מער ווי צוויי טעג. מער ווי צוויי טעג זיצט מען און מען ווארט אפצופארן צו סאראגאסע.

די אטמאספער איז אן אנגעשטרענגטע, די יעדיעס זענען ניט קיין באשטימטע.

ענדלעך ווערן אלע ארויסגעפירט אויפן גאס, אויסגעשטעלט אין דרייען. מען גייט. קיינער איז אבער ניט זיכער צי מען פארט שוין טאקע צום פראנט, ווייל עס איז שוין ניט דאס ערשטע מאל, וואס מען שטעלט אזוי אוים. מען מארשירט דורך דער שטאט, די באפעלקערונג מאכט שטורמישע אוואציעס, פון אלע זייטן דער־ לאנגט מען ציגארעטן, ברויט און אפילע געלט.

מיר פארן צום פראנט.

דער צוג גייט זייער לאנגזאם, ער איז געפאנצערט פון פארנט

און צום סאַף געפינען זיך וואַגאָנען מיט מאַשין־געווער. אין דער מיט אַ וואַגאָן דינאַמיט. אַ לאָקאָמאָטיוו לויפט באַזונדער פאָרויס, אויסצושפּירן דעם וועג.

די באַפעלקערונג פון אַלע שטעטלעך, ווי מיר פאָרן דורך, וואַרט אונז אָפּ אויף די וואָקזאַלן און מאַכט אונז שטורמישע אָוואַציעס. מען דערלאַנגט צו טרינקען און צו עסן. פרויען ווישן זיך די טרערן מיט ווייסע טיכלעך; אַלטע לייט פאַכען מיט ציטערדיקע פויסטן.

10 אָוונט קומען מיר קיין לערידאַ. די שטאָט נעמט אונז אויף אַ פאַרמאַטערטע, אַ דערשעפּטע פון די לעצטע גאַסן־קאַמפן. די גרופּע פון אויסלענדער, אין וועלכער איך געפין זיך, ווערט אָנגעפירט דורכן דייטשן אַנטלאָפענעם מאַקס פרידמאַן. דאָס איז די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע גרופּע, וואָס מען האָט אַ נאָמען גענעבן „טעלמאַן". די גרופּע טעלמאַן באַשטייט פון יידישע אַרבעטער פון פּוילן און דייטשע פּליטים, וואָס וווינען אין באַרצעלאָנע; פון שווייצער, עסטרייכער, ווי אויך עטלעכע, וואָס זענען געקומען צו דער אָלימפּיאַדע. מיט אונז געפינט זיך אויך אַבראַשאַ קראַסני און דער שפּעטערדיקער קאָמענדאַנט פון דער באַטוויון־קאָמפּאַניע — מונק (מונדעק).

אין שטאָט זענען נאָך בוילעט די צייכנס פון דעם נאַרוואָס אונטערגעדריקטן אויפשטאַנד, וואָס דער איינציקער רעגימענט מיט דער ציווילער גוואַרדיע, גאַלאָכים און פאַלאַנגיסטן האָבן גע־פּרוווט דורכפירן: פאַרברענטע מעבל פון די גייסטלעכע, שטויסן שיימעס און הייליקע בילדער וואַלגערן זיך אונטער די פיס.

אין פאַרלויף פון די צוויי טעג, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו וואַרטן אין לערידאַ, האָט די שטאָט באַקומען אַן אַנדער פּאָנעם: לערידאַ איז געוואָרן באַהאַנגען מיט רויטס. פון אַלע באַלקאָנען, פון אַלע פענצטער, פון אומעטום — רויטס און רויטס. עס ווערט געשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט אין וועלכן עס גייען אַריין בלויז די אַרבעטער־פּאַרטייען. דער קאָמיטעט אָרגאַניזירט די ווירטשאַפט אין שטאָט, רעקווירירט דערנערונג און קליידער פאַר דער מיליץ. די איינצלנע פאַלן פון באַרויבן געשעפטן ווערן שטרענג באַשטראָפט — אין שטאָט הערשט אָרדענונג — זאָגט צו מיר אַ סאָציאַליסטישער מיטגליד פון קאָמיטעט אין הויז פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

אין הויז פון שטאָט־ראַט הערט מען אַ גומען, פליסיקן בראַנ־צוויזיש:

— ביסט פון פראַנקרייך, כאַווער?

— ניין, איך בין ניט פון פראַנקרייך, איך בין פון פּאַריז...

— דער הומאָר האָט דיך ניט פאַרלאָזן, ביסט אַן עמעסער פּאַריזער.

מיר זענען גוטע כאַווירים, ווי מיר וואָלטן זיך שוין לאַנג געקענט. דאָס איז דער כאַווער אַנדרע, מיטגליד פון דער קאָמ־פּאַרטיי אין דראַנסי און דער צווייטער, מיטן ברייטן שטרויע־נעם קעפּעלוש, איז פון לעוואַלואַ, מיטגליד פון ראַיאָן־קאָמי־טעט.

— מיר זענען געקומען 26 מאַן פון פּאַריז. מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן ביים קאָנסולאַט. צווישן אונז געפינען זיך אַסאַך שפּאַניער, וואָס וווינען אין פּאַריז און עמעצע פראַנצויזן. קאָמו־ניסטן און אַנאַרכיסטן. באַלד ביי דער גרענעץ האָט מען אונז באַוואָפנט.

דער כאַווער פּאָל איז דאָס עמעסע קינד פון פּאַריז, מיט זיין פּאָלקסטימלעכקייט און פריילעכקייט. ער האָט געהאַט אַ גוטן פּאָסטן האָט ער אים פאַרלאָזן און געקומען קיין שפּאַניע קעמ־פּען קעגן פאַשיזם. ער פילט זיך גוט אין זיין בלאָען קאָסטיום, דעם גאַרטל מיט די דריי טאַשן קוילן, און מיט דער ביקס און אייזערנעם העלם אויפן קאָפּ. ער פאַרלירט קיינמאָל ניט דעם הו־מאָר, שטענדיק האָט ער אַ וויץ אָדער אַ גלייכווערטל — דאָס איז דער דריטער פראַנצויז צווישן די 26 פון פּאַריז.

איך וועל זיין דער 27־טער.

דער אויטאָקאַר, וואָס פירט אונז, איז באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס. די אָנגעלאָדענע לופעס קוקן זוכנדיק אַרויס דורך די פענצטער. יעדער מעטער שמעקט מיט טויט; יעדער האַלבער קילאָמעטער האָט צו דערציילן וועגן בלוטיקע קאַמפן; יעדעס דאָרף אויפן וועג וויסט צו דערציילן פאַקטן פון גרויל, וואָס די פאַשיסטן זענען באַגאַנגען. די געגנט איז אַ קייט פון בערג און דער שאָסיי, וואָס פירט איבער זיי דרייט זיך ווי אַ שלאַנג. דאָ זענען פאַראַן גינציקע ערטער פון באַהעלטענישן פאַרן פיינט, דאָ קען מען אומבאַמערקבאַר ליגן און אַלץ אָבסערווירן. אויפן

וועג געפינען זיך זייער אסאך פארלאזענע אויטאס: טייל צעשע־דיקט פון א שיסעריי, טייל — פון אומגליקפאלן.

אין אויטאקאר הערשט א טויט־שטילקייט. ער רייסט זיך אפט ארייז אין שלאנגיקע ארומדרייעניש פון די אראגאנער־בערג. אלע־מענס בליקן נישטערן פארזיכטיק די ווייטקייט. פון אנשטרענגונג פילט מען גאנץ אפט ניט דאס קלאפן פון מאטאר. מען פארנעמט זיך אויפן גלייכן וועג. פלוצלינג... א פארצווייפלטער אויסגעשריי. א ציטער גייט דורך די ביינער. דער שאפער האלט האסטיק איין. אלע פאלן אויפן פראנט — און דא ווייזט זיך ארויס, אז די שרעק איז געווען אומזיסט: דאס האבן פיל בערג־פייגל זיך געשטעלט אויפן וועג אין א גלייכע שורע, און דער שאפער צוזאמען מיטן שפאנישן פאראנטוואָרטלעכן, וואס איז געווען פון פארנט, האבן עס אנגענומען פאר באמבעס. הארט פארן אויטא זענען די פייגל אוועקגעפלויגן און אלע האבן זיך שטארק פונאנדערגעלאכט.

מיר פארן איבערן טייך צינקא. די בריק ווערט געהיטן פון דער מיליץ און מיר גייען דורך א שטרענגע קאנטראל. אויף דער בריק שטעלן מיר זיך אפ. פון אלע זייטן ברענגען אונז די פויערים פרוכטן און צום טרונקען. אויף דעם ארט, וואס געפינט זיך 5—6 קי־לאמעטער פון קאספע, זענען דערמארדעט געווארן 40 ארבעטער דורך א פאשיסטישער גרופע פון גארד־ציוויל.

די גארד־ציוויל, וואס איז געשיקט געווארן צו אטאקירן די אויפשטענדלער, האבן זיך אויפן וועג געשטעלט אונטער זייער פא־שיסטישן קאמענדאנט, אויף דער זייט פון די אויפשטענדלער און אויסגעהארגעט די פערציק ארבעטער.

בעיס אונזער אויטא איז געשטאנען און געגעבן דעם אנטי־פאשיסטישן סיגנאל, זענען פון די בערג־באהעלטענישן ארויסגע־קומען עלטערע פרויען און מענער, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, וואס זענען געווען באהאלטן, ווען די פאשיסטן האבן גע־האט פארכאפט די געגנט. אויסגעמאגערט פון אסאך טעג ניט עסן און שלאפן, האבן זיי אויסגעזען ווי סקעלעטן, זיך קוים דערשלאגן צום אויטאקאר. די אויפעלעד, אויף די הענט פון זייערע מוטערס האבן געזויגן די ליידיקע ברוסטן. אויף זייערע פענעמער איז גע־לעגן די גאנצע שרעק און גרויזאמקייט, וואס די פאשיסטישע מער־דער האבן דא איבערגעלאזט. אנקומענדיק קיין קאספע זענען אסאך פון זיי מער ניט אימשטאנד געווען צו גיין אויף זייערע פיס. מען האט זיי געמוזט ארייַנטראגן אין זייערע וווינונגען.

מיר זענען אנגעקומען קיין קאספע דעמזעלבן טאג, ווען די פאשיסטן זענען פון דאנען פארטריבן געווארן.

## אין קאספע

די קאלאנע ווערט אנגעפירט פון צוויי אנארכיסטן: אסקאסא און ארטיז. ביידע פאשעטע ארבעטער.

די מערהייט פון די מיליציאנערן זענען אנארכיסטן, אבער מען קען דא געפונען אסאך פון אנדערע פארטייען. אויפן וואקזאל, וו עס געפינט זיך דער הויפט־קווארטיר טומלט זיך פון באַוואפנטע מענטשן. דארט וו עס איז אמאל געזעסן דער סטאציע־שעף, זיצט אסקאסא אין זיין בלאען „מעקאנא", באטראכט אלץ קאלט מיט קלוגע אויגן און אביסל ביטערקייט אין בליק. דאקעגן ארטיז לויפט ארום א צעטומלטער, מיט זיין אויטאמאטישע ביקס אויפן אקסל, שטעלט זיך אפ, רעדט היציק מיט די הענט און לויפט ווייטער.

געפאקטע אויטאקארן און צוגן ברענגען קעסיידער פרישע מיליציאנערן. די אנגעקומענע ווערן פונאנדערגעטיילט און איינ־געארדנט. א טייל אין די האטעלן פון שטאט און א טייל אין וואַגאנען.

דאס שטעטל ציילט ביי 12 טויזנט איינוווינער. דאס ראוו קליינע פויערים. אלץ איז אין שטעטל באוואפנט, זעלטן ווען מען זעט א מאן אן א ביקס. אויף די פענצמער פון די פרויען און אלטע ליגט נאך די שרעק פון די פארגאנגענע טעג.

דער אייגנטימער פון האטעל „לאטאר", ווי איך שטיי איין צוזאמען מיט אנדערע מיליציאנערן, איז דערשאסן געווארן, ווייל ער איז געווען באקאנט אלס רעפובליקאנער. די פרוי מיט קינדער צוזאמען מיט דער גאנצער דינערשאפט איז געשטעלט געווארן אין דער ערשטער ריי. אזוי האבן די פאשיסטישע אויפשטענדלער זיך באשיצט קעגן די אנטיפאשיסטן. די לעצטע גיט וועלנדיק הארגע־נען פרויען און קינדער, האבן אויפגעהערט צו שיסן. אבער אין א געוויסן מאמענט האבן זיי א געשריי געטאן פאלט! די פרויען האבן געפאלגט און אזויארום פריי געמאכט דעם וועג פאר א קויל, וואס איז געווען געצילט אין פאשיסטישן קאמענדאנט.

אויפֿן פּלאַץ פֿון שטאָט־ראַט זענען פֿאַרזאַמלט הונדערטער מענ־טשען. די רויטע טיכלעך אויף די העלזער און אויף די לופּעס פֿון די ביקסן מאַכן רויט דעם פּלאַץ. עס איז 10 אינדערפֿרי. די זון ברענט גרויזאַם. פֿון אונטער די שטאָלענע העלמען רינט אַראָפּ דער שווייס איבערן גאַנצן פּנים. פֿון די ברעמען און פֿון דער נאָז קאַפּעט טראָפּן נאָך טראָפּן. דער עולם היצט זיך און טומלט. אויפֿן באַלקאָן באַווייזט זיך אַ פֿאָרשטייער פֿון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, ער הייבט אויף די האַנט, אַ צייכן דער עולם זאָל שטיל ווערן און זאָגט:

— מיר שטעלן צום מישפּט פֿון פֿאָלק דעם פֿאַשיסט כיראַל, וואָס פֿאַרא שטראָף פֿאַרדינט דאָס פֿאָלק?

הונדערטער מיילער האָבן אויסגעשריגן:

— טויט! — טויט!

און דער פֿאָרשטייער פֿון קאָמיטעט האָט פֿאַרגעזעצט:

— ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געאַרבעט, שטענדיק געפּרעסן און געזויפֿט, מיר וועלן אים היינט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן מאַכן אַרבעטן. ער וועט אַליין אויסגראָבן זיין אייגענעם גרוב.

דער צימער אויפֿן ערשטן שטאָק, וווּ עס זיצט דער קאָ־מיטעט איז אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. אין אַ ברייטן פֿאָטעל ביים ביוראָ־טיש, זיצט ער, דער פֿאַשיסט. כיראַל איז זיין נאָמען. אַ קאָ־לאָנעל אין עמעריטור. ער צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט פֿון דער ציווילער גוואַרדיע זענען געווען די פֿירער פֿון פֿאַשיסטישן אויפֿ־שטאַנד אין שטעטל. דריי טעג איז ער געווען באַהאַלטן, ביז זיינס אַ ברודער־זון האָט אים אַנטדעקט און אויסגעגעבן, איצט שטייט דער ברודער־זון מיט אַ רויטער באַנד אויפֿן אָרעם און קוקט מיט שטאָלץ אָלעמען אין די אויגן אַריין און דערציילט וויאַזוי זיין פֿעטער איז געווען באַהאַלטן.

כיראַל זיצט רואיק. ער ענטפֿערט אויף אַלע פֿראַגן, וואָס מען שטעלט אים. מיליציאָנערן ברענגען אים קאַווע, ער טרינקט אויס, באַגריסט זיך מיט אַסאַך, דרוקט זיי די הענט און מאַכנדיק דערביי אַ ראַכמאָנעסדיקן אויסדרוק. זיין פּנים איז קיילעכדיק ווי אַ מע־לאָן. אַ נאָכהענגענדיקן גוידער באַוועגט זיך ווען ער רעדט. צו מיר ווענדט זיך אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט:

— איר זענט אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט? איר וועט זיכער איבערגעבן ווי אַזוי מיר „פֿייניקן" אונזערע געפֿאַנגענע.

מען בעט מיך צו צום טיש און אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט

זעצט מיר איבער: ער איז זיך מוידע אין אלעם, וואס מען ווארפט אים פאר אבער ער באדויערט. ער ווארפט די שולד אויף דעם קאָ־מענדאַנט...

אין דער צייט פון דער אויספאָרשונג, טומלט דער פאַרזאַ־מעלטער עולם אויפן פלאַץ און פאַרלאַנגט מען זאָל באַווייזן דעם אַרעסטירטן. מען פירט אים אַרויס אויפן באַלקאָן. מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ שטייט ער און וואַגט ניט אויפהויבן די אויגן. ענדלעך ווערט ער אַראָפּגעפירט און באַגלייט פון גאַנצן עולם.

וואַלקאַנס שטויב הויבן זיך אויף איבערן דרייקילאָמעטערדיקן שאָסיי, ווו מען פירט עקזעקוטירן דעם געפאַנגענעם. דער האַמוין לויפט אַ צוווילדעוועטער, איינער איבערן צווייטן מיט באַבענדי־קע ביקסן אין דער לופטן. עס איז שוין גוט פינצטער. ווייט הינ־טער דער שטאָט אויף אַ שטיינערדיקן שטיק פעלד פירן אים צוויי אוועק ביי 15 ־ 20 מעטער אין דער טיף. דער עולם איז פאַר־זאַמלט אויף אַ בערגל. די צוויי האָבן קוים באַוויזן אָפּצורוקן זיך פון אים, און שוין האָט זיך אַ שיט געטאָן אַ האָגל קוילן פון ביקסן, רעוואָלווערן און אויטאָמאַטיש געווער. פון אַלע זייטן שרייט מען — אויפהערן! עס ווערט אָבער ניט שטילער. ענדלעך איז רואיק געוואָרן און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט טאַשן־לעמפּלעך און שוועבעלעך, קעדיי צו זען דעם דורכ־געלעכערטן קערפּער. געשטילט פון נעקאָמע־דורשט, איז זיך דער עולם פון אַנדערגעגאַנגען.

צווישן דעם טומל אין האָטעל „לאָטאַר" קען מען הערן פאַרשי־דענע שפּראַכן. דאָ געפינט מען טשעכן, פראַנצויזן פון מאַרסעיל, פערפּיניאַן און פון אַסאַך אַנדערע גרענעץ ־ שטעט. מען שליסט דאָ זייער שנעל באַקאַנטשאַפט און מען דערציילט זיך אינטערע־סאַנטע זאַכן איינער דעם אַנדערן:

— פון וואָס פאַרא שטאָט ביסטו?

— איך? פון מאַרסעיל...

— און דו?

— איך פון לאָזאַן.

קיינער פרעגט ניט קיינעם צו וואָס פאַרא פּאַרטיי ער געהערט,

אויב איינער טוט עס, איז מיט גרויס פאַרזיכטיקייט. און דער ענטפער איז קימאַט שטענדיק : דאָ זענען ניטאָ קיין פּאַרטייען, דאָ זענען מיר אַלע אַנטיפאַשיסטן.

אַלע זענען זיך שוין פאַנאַנדערגעגאַנגען אין זייערע צימערן. שנעל איינגעשלאָפן נאָכן פאַרמוטשנדיקן טאָג. אַרום צוויי ביינאַכט הערט זיך אַ שטאַרקער טומל, אַ קלאַפּן פון טירן, אַ געגייעריי אויף די גאַסן. די גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען. (דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איז ניט צעשטערט געוואָרן אין די קירכעס). מען לויפט פון די וווינונגען מיטנעמענדיק דאָס אָנטועכץ אויף דער גאַס. אין דער פינצטער שטויסט זיך איינער אָן אין צווייטן. אַלע לויפן צום טויער פון דער שטאָט, וווּ עס שטייען אויפגעשטעלט באַריקאַדן פון שטיינער. עס איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה, אַז אַ רעגימענט פון פאַשיסטישן מיליטער, וויל זיך דורכרייסן אַ וועג און גייט אויף אונזער שטעטל. מיר ליגן אַ שאָ, צוויי, עס ווערט שוין טאָג און מען הערט ניט און מען זעט ניט.

7 אינדערפרי איז געקומען דער קאָמענדאַנט און געמאָלדן, אַז מען קען זיך שוין פונאַנדערגיין. אַלע זענען אומצופרידן. ספּעציעל אומצופרידן איז דער פירער פון דער גרופּע. ער איז אַ רעזערוו-אָפיציר, וואָס איז פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט אין דער צייט פון פרימאָ דע ריוויערא. שוין געווען אין אַסאַך לענדער אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט. ער איז פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעלויש, און הייסט זיך רופן פאַנשאָ ווילאַ. ער האַלט, אַז דער נאָמען קומט אים, ווייל ער איז געווען אין מעקסיקע. ער וויל ניט אַנדערש ווי אַריין קיין סאַראַגאָסע מיטן געזאַנג פון „קוקאַראַטשאַ”.

אויך דער קאָמענדאַנט פון דער אַרטילעריע איז אומצופרידן, ווייל עס איז אַ שאָד, וואָס די האַרמאַטן שטייען אָן אַרבעט. ער איז אַ געוועזענער סערזשאַנט אין מיליטער — אַן אַנאַרכיסט. אָט דער בלאָנדער באָכער מיט זיין באַשיידנקייט און רואיקייט, וואָס איז מער ענלעך אויף אַן ענגלענדער ווי אַ שפּאַניער, האָט שוין צו פאַרצייכענען אַסאַך העלדנטאַטן. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פאָלק. גע-הערנדיק צו אַ פּולק, וואָס איז געווען אונטער אַ פאַשיסטישער אָנפירונג איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דריי כאַווירים, מיטנעמענדיק אַ קליינעם קאַנאָן. אָט מיט דעם קאַנאָן האָט ער

אַפּערירט אויפֿן פּלאַץ קאַטאַלוניאַ, וואָס האָט געצוווּנגען די פֿאַ־שיסטן צו קאַפּיטולירן.

## דער ערשטער אַטאַק

לאַנג ציִען זיך די טעג און ווילן זיך גאָרניט ענדיקן. טעג וואַרט מען און עס איז ניטאָ קיין נייעס. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז זיי שטעלן באַדינגונגען — קיין שום רייד פֿון באַדינגונגען קען ניט זיין — דאָס איז די איינשטימיקע מיינונג פֿון אַלעמען. אָבער פֿאַרוואָס באָמבאַרדירט מען ניט סאַראַגאָסע? מען גיט אַן אַ מאָטיוו, אַז מען ווויל ניט פֿאַרשאַפֿן קיין קאָרבאַנעס ביי דער ציווילער באַפֿעלקערונג. דאָס איז אַן אומזין, — בייזערט זיך אַ יונגער באַרצעלאָנער, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פֿון פֿראַנקרייך — אויב ניט פֿון דער באַפֿעלקערונג, וועט דאָך פֿאַלן פֿון אונז, צי איז ניט אַלץ איינס?

דאָס יונגוואַרג האָט קעמפֿערישן פֿיבער און עס רעגט זיי אויף דאָס זיצן און גאָרניט טון פֿרווון זיי שיסן אין דער לופֿט, אין אַ ברעט אַריין. עס ווערן געמאַכט שטרענגע וואָרענונגען, אָבער עס איז אומעגלעך צו באַהערשן דעם פּסיכאָז.

ענדלעך קומט אַ באַפֿעל, אַז מען פֿאָרט קיין לאַ־סאַילאַ. עס ווערן אָנגעפּאַקט די אויטאָקאָרן מיט מיליציאַנערן און מיר פֿאָרן.

לאַ־סאַילאַ איז אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט. דאָרט געפֿינט זיך אַ שטאַרקע פֿאָרטיפֿיקאַציע מיט אַסאַך געווער. דאָס אַלץ איז נאָך אין די הענט פֿון די פֿאַשיסטן. מיר קומען אָן ביינאַכט און אָרדענען זיך איין אַ צוויי קילאָמעטער פֿאַרן אָרט, צווישן קוסטעס און פֿאַרקאָנעס שטיינער, וואָס די פּויערים האָבן אַרומגעצוימט אַרום זייערע שטיקלעך ערד. די אַרטילעריע האָט געדאַרפֿט מאַכן דעם אָנהויב, נאָכדעם זאָלן די מיליציאַנערן אַרויס אין אָפֿענעם פֿעלד אַריין. מען וואַרט אין דער גרעסטער שפּאַנונג אַ שעה נאָך אַ שעה — גאָרניט. ערשט 7 אינדערפֿרי זענען געקומען האַרמאַטן־שאָסן. די אַרטילעריע האָט באָמבאַרדירט ביי אַ קנאַפּע שעה מיט לאַנגע אונטערוואַלן.

פֿון לינקן פֿליגל זענען די מיליציאַנערן שוין אַרויס אין אָפֿע־



די מיליציאָנערן אַטאַקירן לאַ סאַילאַ.

נעם פעלד. מיר פון רעכטן — פאָלגן זיי נאָך. ברייט, צעוואָרפן איבערן פעלד שפאַנען עטלעכע טויזנט מענטשן מיט ביקסן אין די הענט אין פאַרשידענע קאָלירטע קליידער, האַלב-באָרוועס, אין פאַרשידענע סאָרטן שטעק־שיך, העמדער, בלוזן, שטרויענע היטן־העלמען און בערעטן. איינער האָט אַ לאַנגע ביקס, אַ צווייטער — אַ קורצע, דער דריטער גאָר אַ יאַגד־ביקס אָדער אַן אַלט־מאָדישן פּיסטאָלעט, וואָס ער האָט גענומען אין אַ הויז פון אַ „סעניאָר־ריטאַ".

פון אַלע זייטן שלעפּט מען טיילן פון מיטראַיעזן. איינער שרייט — אַהין! איינער — אַהער! מען ווייסט ניט וועמען צו הערן, מען ווייסט ניט, ווער עס באַפעלט. שפּאַנענדיק איבער קוסטעס פאַרטשעפּעט מען זיך. מען פאַלט. מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם הייבט מען זיך שנעל אויף, ניט צו בלייבן הינטער־שטעליק. מען גייט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. ביי יעדן שאָרך רייסט מען זיך אויף. די אָנשטרענגונג ווערט אַלץ געשפּאַנטער און געשפּאַנטער; עס דאַכט זיך, אַז מען גייט שוין אַזוי שאָען, טעג. נאָכן דורכגיין בערערך אַזוי אַ קילאָמעטער, עפנט זיך אויף אונז אַ געדיכט פייער פון מאַשין-געווער. אַסאַך וואַרפן זיך אויף דער ערד. אַנדערע לויפן ווייטער פאָרויס מיט אַ הוראַ אונטערן פייער. אייניקע לאָזן אַרויס די ביקסן און פאַלן אויף פאָרנט, אַנ־דערע — אויף הינטן אָדער זעצן זיך אַראָפּ צו דער ערד צוהאַל־טענדיק מיט דער האַנט די וווּנד.

פראַנציסקאָ - לאָפּעז - פערנאַנדאָ איז אַ מעטאַל־אַרבעטער פון באַרצעלאָנע. איך האָב זיך מיט אים באַקענט אַהערפאָרנדיק אויפן אויטאָקאָר. איך האָב זיך מיט אים געקענט פאַרשטענדיקן אויף פראַנצויזיש (ער האָט געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין פראַנק־רייך) און דאָס איז עפּשער די הויפּט־סיבע, וואָס מיר זענען שנעל געוואָרן גוטע כאַווײרים. ער האָט מיר דערציילט וועגן שווערן לעבן אויף דער עמיגראַציע, ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָלט אויס אַן אַלטע מאַמע און האָט אַ פרוי מיט דריי קינדער אין באַר־צעלאָנע. פערנאַנדאָ איז געווען אַ פאָשעטער אַרבעטער מיט אַ גאָלדן האַרץ. פון קיין פּאָליטיק האָט ער ניט געהאַלטן. ער איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירטער אַנאַרכיסט. ער האָט בלויז געהערט צו די צ. נ. ט. מיר פלעגן אָפט דיסקוטירן. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף יעדן מענטשן געבן ניט לויט זיינע קויכעס, נאָר לויט זיינע באַדערפעניש.

— יעדער מענטש — פלעגט ער צו מיר טאַינען — דאַרף באַקומען דאָס אַלץ, וואָס איז אים נויטיק, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס ער פּראָדוצירט. — אויב מיין פרוי האָט ניט אַזויפיל קויעך, ווי איך, דאַרף זי דעריבער ניט האָבן דאָס רעכט אַזוי צו עסן, ווי איך?...

און נאָך פלעגט ער זאָגן:

— דער אַנאַרכיזם גייט אַסאַך ווייטער ווי דער קאָמוניזם. לאָמיר זיך נאָר אָפּפאַרטיקן מיט די פאַשיסטן, דאַן וועלן מיר זיך נעמען צו די איבעריקע קאַפּיטאַליסטן און קאָרומפּירטע פּאָליטי־קער. צופיל האָבן מיר פון זיי געליטן!

ער פלעגט זיך טיילן מיט זיין לעצטן ביסן; דעם לעצטן ציגאַרעט אַוועקגעבן און אַליין אַרומלויפן נאָך אַביסל טאַבאַק.

איצט איז פערנאַנדאָ געפאַלן לעבן מיר. מיט אַ דורכגעלע־כערטן ברוסט־קאַסטן ליגט פערנאַנדאָ. ער לעבט נאָך, אָבער ער קען מער קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען. מיט פאַרגלייזטע אויגן און פאַרקלעמטע ציין, ליגט אומבאַוועגלעך דער שוואַרצער געקרייזלטער קאָפּ.

אונזער מאַשין־געווער גיט שוין פייער. דער סוינע געפינט זיך אויף אַ בערגיקע און גוט־באַפעסטיקטע פּאָזיציע — אין אַן אַלטן שלאָס.

ניט קוקנדיק אויפן געדיכטן פייער פון די פאַשיסטן, האָט זיך די ערשטע גרופּע אַדורכגעריסן דעם פייער־קרייץ און זיך צו־באַקומען צום מויער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער צוזאַ־מענשטויס פון קערפּער קעגן קערפּער, און דאָ האָט זיך אַרויסגע־וויזן אונזער געוואַלדיקע איבערמאַכט פון מענטשן. עס איז פאַר זיי ניט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי קאַפּיטולירן.

לאַ־סאַילאַ איז דעראָבערט געוואָרן דורך מענטשן אָן מילי־טערישע קענטענישן, אָן מיליטעריש־אויסגעשולטע אָפיצירן, אָן דיסציפּלין און אָן מאָדערנע קריג־מיטלען. לאַ־סאַילאַ איז דעראָ־בערט געוואָרן דורך העראָיזם און אָפּפערוויליקייט פון אַרבעטער און פויערים־מיליציאַנערן.

## צו דורוטין

עס זענען אנגעקומען רואיקע טעג. מען עסט גוט, מען שלאפט אין די האטעלן פון שטעטל און אין די הייסע טעג גייט מען זיך באדן צום טייך. יעדער איינער האט זיך שוין פארזארגט א גרויסן שטרויענעם הוט און יעדער איינער איז שוין א פאנשא־ווילא...

איך באשליס פארן זען, וואס עס טוט זיך אויף אנדערע פראנטן. אלס זשורנאליסט באקום איך א דערלויבעניש פריי צו באוועגן זיך איבער די קריגס־זאנעס. אין קאספע באקען איך זיך מיט דער פראנצויזישער זשורנאליסטקע מאגדאלען זשאקאב — און אין דער באגלייטונג פון אסקאסא און די פרוי פון גארציא אליווער פארן מיר אין דעם דערפל עסקאטראן, וואס געפינט זיך צווישן קאספע און לא־סאילא. מיר באוויזן ניט אפצופארן די ערשטע 5 קילאמעטער פון אונזער עלעגאנטן „סטודיבעקע", פאלט ארויס א ראד און מיר קערן זיך אלע איבער מיטן קאפ אראפ און די פיס ארויף — אפגעקומען מיט לייכטע וואונדן און מיט שרעק.

אין עסקאטראן זענען רעקווירירט געווארן די דערנערונג־מיטלען ביי די רייכע און ווערן אומזיסט פונאנדערגעטיילט צווישן די ארעמע פויערים. לאנגע רייען, אפגעריסענע פויערים און פויערטעם שטייען ביי די לאגערן און ווארטן אויף שפייז. אין דער פארברענטער קירכע איז ניט גערירט געווארן דער מארמארענער בארעליעף פון אלטאר, וואס איז פון א גרויסן קינסטלערישן ווערט. מיט זעלבסטצופרידנקייט, ווייזן אונז דאס אלץ אלטע פויערים און רעדן וועגן דעם, ווי זיי זאלטן געוועזן מעווינים.

דאס האט א גרויסן קינסטלערישן ווערט. — די פויערים פון קליינעם אראגאנער דערפל, האלבע אנאלפאבעטן, האבן אפגעשאצט, אז אין דעם שטעקט אסאך מענטשלעכע ארבעט, אז דאס איז קונסט און דערפאר דארף מען עס שוינען.

ביים צופאלן פון דער נאכט, שניידן מיר דעם שלעכטן וועג קיין בוכאראלאז, צו דורוטיס קאלאנע. ווען מען קומט אריין אין שטעטל איז שוין גאנץ פינצטער. ביי יעדן הויז שטייען אדער ליגן באוואפנטע מענטשן. קליינע יאטלעד מיט בערעטן אויף די קעפ שטייען ארום און קוקן ארויף צו די מיליציאנערן. באלד ביים אויסשטייגן מאכט זיך ארום אונז א רעדל און באטראכטן אונז

מיט אומצוטרוי. איינער פרעגט אויף פאפירן. באלד אבער מישט זיך אריין א צווייטער מיט א הייזעריקע שטימע:

— אבער שיים אויף גאט, וואס גייט מיך אן פאפירן! קיין שום פרעמדן אויסער מיליציאנערן איז דא ניט דערלויבט צו זיין. גייט אין מיליטער־קאמיטעט. אויב זיי וועלן אייך דערלויבן, קענט איר בלייבן; אויב ניט — וועט איר באלד נעמען דעם וועג...

גלייך באגלייט מען אונז צום מיליטער־קאמיטעט.

ביי א נידעריק, פויעריש הייזל שטייען צוויי מיליציאנערן. איי־נער גייט אריין מעלדן און מען פירט אונז אריין. דאס צימער פון קאמיטעט איז אנגעפילט מיט רויך און זעלנערישן שוויס... פון נידעריקן סופיט לייכט אראפ אן עלעקטריש לעמפל, וואס רייסט קוים דורך די געדיכטע לופט... ביים קיילעכדיקן טיש זיצט דער קאמיטעט. דורוטים פרוי, וואס קלאפט אויף דער שרייב־מאשין, ווענדט זיך צו אונז אין א גוטן פראנצויזיש, מען זאל איר ווייזן די פאפירן. (שפעטער דערוויסן מיר זיך, אז זי איז טאקע א פראנ־צויזישע...) זי גיט איבער די פאפירן א מאן, וואס זיצט מיט אלע ביים טיש און טיילט זיך מיט קיין שום זאך פון זיי ניט אויס. דער מאן נעמט אונז דורך מיט זיינע דורכדרינגלעך־פארשערישע אויגן און זאגט שטרענג:

— דא זענען ניט דערלויבט קיין שום ציווילע. עס איז דער פראנט און איר האט דא ניט וואס צו טון.

— צי וואלט ניט מעגלעך געווען צו רעדן מיט דורוטין? — פרעג איך.

— דאס איז דורוטי — ענטפערט די פרוי. מיר שטוינען און קוקן זיך איבער. די פאשעטקייט און איינפאכקייט פון דעם מענ־טשען האט ניט געלאזט גלויבן, אז דאס איז א שעף פון א קאָ־לאנע...

נאכן געוואר ווערן, אז מיר זענען זשורנאליסטן און ווילן זיך באקענען מיט דער לאגע אויף די פראנטן, האט ער נאכאמאל שטרענג קאנטראלירט אונזערע דאקומענטן און אונטערגעשריבן פאפירן מיט א דערלויבעניש צו בלייבן 24 שא איז בוכא־ראלאן.

מיר נוצן אויס די געלעגנהייט און שטעלן אים גלייך עטלעכע פראגן:

— וואס איז אייער מיינונג וועגן סאראגאסע?

דורוטי קוקט אויף אונז מיט פארכמורעטע, ניט־אויסגעשלא־

פענע אויגן, שוין ניט דיזעלבע, ווי פריער... און ענטפערט מיד, אָבער מיט זיכערקייט:

— מיר וועלן איז 8 טעג ארום, העכסטנס — 10 זיין אין סאראגאָסע. (דאָס איז געווען דעם 20־טן אויגוסט 1936 — ט.ע.).

— הערשט ביי אייך דיסציפּלין?

— מיר זענען אָנהענגער פון פרייער דיסציפּלין; מיר וועלן אָבער ניט דערלויבן, אז מען זאָל מיסברויכן מיט אָט דער פרייהייט... ביי אונז זענען ניט פאראן קיין שעפן. יעדער האָט דיזעלבע פליכטן און דיזעלבע רעכטן. אלע האָבן מיר אייגאיינציקן פירער — אונזער קוראַזש...

קיין האָטעלן זענען דאָ ניטאָ, נאָר מיר האָבן דאָס רעכט — זאָגט מען אונז — אריינצוגיין צו יעדן פּויער. אומעטום איז אָבער איבערגעפולט מיט מיליציאָנערן. פּויערים האָבן זיי אָפּגעטרעטן די בעטן. א באַרעדעוודיקער, טעמפּעראַמענטפולער מיליציאָנער, וואָס אויף זיין העלם איז אויפגעשריבן מיט רויטע פארב די איניציאַלן פון אלע אנטיפאשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט מיך מיטגענומען צו זיין פּויער.

אין פּויערישן שטיבל זענען ביים אוונט־ברויט פאראנען 8 עסערס, די פאַמיליע און מיליציאָנערן. אויפן טיש שטעלט מען אוועק א גאנצן קעלבערנעם קאָפּ, אזוי, ווי ער שטייט און גייט, אפילע מיט די האָר. יעדער רייסט א שטיק, אזוי עסט מען. דער פאָטער פון דער פאמיליע, ביי וועמען מיר זענען דאָ, האָט גענארבעט ביים רייכן גוט־באַזיצער פאר דריי פּעזעטן א טאָג, פון קיין פלייש האָט מען ניט געוווסט.

— זינט די קאַלאָנע געפינט זיך דאָ, לעבט מען אזוי רייך — זאָגט צו מיר דער אלטער.

נאָכן עסן, ווייזט מען מיר אַז אן אָרט אויפן קאָלעקטיוון גערלעגער, וואָס איז אויסגעבעט אויף דער ערד און ניט ליינענדיק קיין אכט אויף די שטומע ביקסן־שאָסן, וואָס דאָס עכאָ פון דער נאָכט ברענגט אהער — ווער איך שנעל אנטשלאָפן.

איז לויטערן פרימאָרגן שטייען שוין מיינע ביישלעפער און רייניקן די ביקסן. אין דרויסן וואַרט מען שוין מיט טעפּלעך נאָך הייסע קאַווע. צווישן טומלדיקן אוילעם אויפן זוניקן פּלאַץ, דערקען איך דורוטין מיט א טעפּל קאווע, וואָס ער האָט באַקומען שטייענדיק גלייך מיט אלעמען אין דער ריי... איך האָב אויך מיין

פּאַרציע באַקומען. דורותי, איז באַגלייטונג פון צוויי מענטשן, פּאַרט מאַכן אַן אינספּעקציע איבער דער אומגעגנט. און מיר זעצן פאָר אין דער ריכטונג צו די פראָנטן פון הועסקאַ.

די ערשטע קאָלאָנע פון קאָלאָנעל ווילאַלבאַ האָט זיך געפינען אין באַרבאַסטראַ, די פאָרויסגערוקטע פּאָזיציע איז בלויז 3 קי־לאָמעטער פון הועסקאַ, פאַר סיעטאַמאַ.

די צווייטע קאָלאָנע, אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן דעל־באַריאַ און טרועבאַ, געפינט זיך אין טאַרדיענטאַ, דאָס איז ביי 16 קילאָ־מעטער פון דער שטאָט מער אויף דאָרעם.

די קאָלאָנע, וואָס קומט פון סאַרינינאַ, האָט אויך מיט זיך די גרופּע טעלמאַן. אַ צוג מיט 12 הונדערט מאַן, וואָס האָט גע־פירט 2 טויזנט קילאָ דינאַמיט, איז ביים דאָרף גראַניען באַמבאַר־דירט געוואָרן פון פיינטלעכע אַוויאָנען. דורך אַ צופאַל איז דער וואַגאָן מיט דינאַמיט ניט אָנגערירט געוואָרן.

פון גראַניען איז דעל־באַריאַ אַוועק ביז פּאָמפּעניליאָס און דאָ זיך פאַרפעסטיקט. דאָ אין אָנבליק פון הועסקאַ האָבן די קאָ־מוניסטישע מיליציאָנערן אויסגעבויט אַ נעץ פון טראַנשייען, וואָס האָבן געהאַלטן די פאַשיסטן אין קעסיידערדיקער דעפענסיווע.

## וואַלענציע

אויגוסט, 1936.

דורך גרינע, זאַפטיקע פעלדער פון פּאָמעראַנצן, טרויבן און איילבירטן; דורך לאַנגע און ברייטע באַוואַסערטע רייז־פעלדער — גליטשט זיך דער צוג אַריין אין דעם בלומענדיקן און זוניקן וואַלענציע. די לופט איז אַ לויטערע, אַ דורכזיכטיקע און שמעקט מיט רייכעם פון די גאָלדענע פּירעס. ניט אומזיסט האָבן פּאָעטן באַזונגען די לויטערקייט פון וואַלענציעס הימל, די בלוי־קייט פון יאַם און די הערלעכע לאַנדשאַפטן פון די ברעגן. און... די פּרויען פון וואַלענציע, האָבן באַאומרואיקט די פאַנטאַזיעס פון די טרוימער־פּאָעטן מיט זייער שלאַנקייט, מיט זייער דאָרעמדיקן טעמפּעראַמענט, און ברענענדיקע שוואַרצע אויגן...

אָבער אין וואַלענציע איז אויך דאָ אַ פאָלק, וואָס לעבט אין דאַחקעס, אין אָרעמקייט; אין וואַלענציע איז אויך דאָ אַן אָרגאַ־

ניזירטער אַרבעטער־קלאַס, א פאַרגעשריטענע אינטעליגענץ, וואָס שטרעבט נאָך פרייהייט און פּראָגרעס.

דער קלער, די „אַקציאָן פּאָפּולער" און א טייל פון גאַרניזאָן האָבן אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד פון 18־טן יולי. דאָס פאָלק פון וואַלענציע צוזאַמען מיט די רעפּובליק־טרייע עלעמענטן אין דער אַרמיי האָבן נאָך עטלעכע טעג פאַרביטערטע קאַמפן אים אונ־טערגעדריקט. דער לייטענאַנט פּאַבראַ, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט די פאַשיסטישע אָפיצירן אין דעם „קוואַרטעל־פּאַטערנאַ" און אויפגעעפנט די טויערן פון דער קאַזאַרמע פאַר דער אַנטיפאַשיס־טישער מאַסע, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אויף דער גאַס, איז אויסגעוואַקסן צו א לעגענדאַרן פאָלקס־העלד.

דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט פּלא אי בעלטראַן פירט מיך אין זיין אויטאָ צו באַקוקן די שטאָט. מיר באַזוכן עטלעכע קאַ־זאַרמעס. אין איינע פון זיי שטעלט מען מיר פאָר א קאָלאָנעל.

— איך בין — זאָגט ער מיר — א מיליטער־מאַן און מיש זיך ניט אין פּאָליטיק. אויב איך בין מיט דער רעגירונג איז עס דערפאַר, ווייל זי איז באַשטימט דורכן ווילן פון פאָלק.

— צי זענען ביי אייך געווען אָפיצירן, וואָס האָבן זיך גע־שטעלט קעגן דער רעגירונג ? — פרעג איך אים.

— זיכער זענען געווען ! זיי האָבן אָבער גאָרניט געקענט אויפטוען.

— צי האָט איר באַמערקט א געוויסע צוגרייטונג מיצאַד אָט די עלעמענטן, ערעוו דעם אויפשטאַנד ?

— די, וואָס זענען באַמערקט געוואָרן האָט מען געהאַלטן אויפן אויג...

— און איצט די לעצטע פראַגע : וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם אויפשטאַנד ?

— איך קען אייך וועגן דעם גאָרניט זאָגן, ווייל, ווי געזאָגט פאַרנעם איך זיך ניט מיט קיין פּאָליטיק...

ביים אוועקגיין, זאָגט מיר מייז באַגלייטער : דאָס האָט דער דעצידירטער ווידערשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן זיי געצוווּנגען זיך מער ניט צו פאַרנעמען מיט קיין פּאָליטיק...

מיר פאָרן איצט באַזוכן א גאַנצע ריי ערטער, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן פון קירכעס און מאַרקיזן־פּאַלאַצן אין קלובן, שולן און קאַזאַרמעס.

אָט איז דער פּלאַץ פון דער הייליקער יונג־פרוי. דאָ האָט

זיך דער קלער פֿאַרמויערט אין אַ גאַנצן בלאָק הייזער, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט בריקן איינס מיטן אַנדערן; דאָ האָבן זיך גע־פֿונען קירכעס, שולן, הייזער פֿון די נאָנעס, סעמינאַרן; דאָ ליגט אַ פֿאַרמעגן פֿון מיליאַרדן. אויף דעם פּלאַץ פֿלעגן זיך שטענדיק געפֿינען צענדליקער אָפּגעריסענע קינדער, וואָס פּילגרימען און גאָט־בעטער פֿלעגן זיי צוּוואַרפֿן גראָשנס. דער מיסכער איז איצט פֿאַר־באָטן געוואָרן. איצט זענען געעפֿנט געוואָרן שולן פֿאַר אָט די קינדער.

מיר פֿאָרן אין אַ הויז, וואָס איז פֿאַרנומען פֿון אַ פּיאָנערן־שול און געפֿינט זיך אין סאַמע שטאָט. דאָס איז אַ געוועזענער פּענ־סיאָנאַט פֿאַר יונגע מיידלעך פֿון אַדעליקער אָפּשטאַמונג. דאָ איז אַן עמעסער קינדער־גאַניידן: אַ גאָרטן מיט פּאַלמען און בלומען, העל־עכע סאַלאָנען, לאַבאָראַטאָריעס, פֿאַר פֿיזיק און כעמיע. אַ סטודענטקע, וואָס איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן הויז, אַ מיטגלידערין פֿון דער פֿאַראייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט, דערקלערט מיר:

— טראַכט דעם, וואָס מיר געפֿינען זיך בלויז עטלעכע טעג, זענען מיר שוין צוגעטרעטן אַלץ איבערבויען: פֿון קליינעם קלויסטער וועט מען מאַכן אַ קינדער־טעאַטער. דאָרט וועט זיין אַ שפּיל־זאַל. אין גאָרטן וועט מען מאַכן אַ שווים־באַסיין. מיר שאַפֿן אַלע מעגלעכקייטן, אַז די קינדער זאָלן פֿאַרגעסן, וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס און ביי זייערע עלטערן.

— דער פֿאָטער פֿון אָט דעם קליינעם איז געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט, — ווייזט מיר די לערערן אָן אויף אַ 10 יאָריק ייִנגל מיט ברוינע אויגן און שוואַרץ־געקרייזלטע האָר — דער קליינער ווייסט וועגן דעם, אָבער ער איז ניט טרויעריק. ניט דערפֿאַר, וואָס ער גיט זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג פֿון דער טראַגעדיע, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן דעם פֿאָטער. פֿאַרקערט, דאָס איז זייער אַן אינטעליגענט קינד, זייער פֿעיִקער: שפּילט אויף גיטאַרע, קען צייכענען און לערנט זיך זייער גוט. ער איז ניט טרויעריק, ווייל עס פֿעלט אים דאָ גאָרניט און, ווייל ער ווייסט פֿאַרוואָס זיין פֿאָטער איז געפֿאַלן.

ווען מיר פֿאַרלאָזן דאָס הויז אין דעם גאָלדענעם אויגוסט־נאָכמיטאָג, באַגלייט אונדז דאָס זאָרגלאָזע, קינדערישע געלעכטער, פֿון דעם פּאַלמע־גאָרטן, ווו עס שפּילן זיך זאַטע און ריינע קינ־דער.

אין דער קירכע פֿון הייליקן פּיאָטר, אין וואַלענציע, געפֿינען זיך איצט די אַנטיפֿאַשיסטישע שרייבער און קינסטלער. גלייך ביי

אונזער אריינקומען דערפילן מיר אן אטמאספער פון ארבעטזאמקייט, וואס הערשט דא. די צימערן זענען דעקארירט מיט בילדער פון סטאלין, לענין, מארקס — פארטרעטן פון א הויכן קינסטלערישן ווערט. א ריזיקע וואנט־צייטונג, פון עטלעכע מעטער די לענג מיט פאטא־מאנטאזשן, אקטועלע לאזונגען און צייכענונגען, האלט ביים פארענדיקט ווערן און ווערט גלייך ארויסגעהאנגען פאר דער קירכע. ביי א קוילן־צייכענונג, וואס שטעלט פאר א באוואפנטן ארבעטער מיט א קאסקע און א בינטל פריש, אפגעשניטענעם קארן, איז פארנומען א יונגער קינסטלער. די צייכענונג איז געמאכט מיט אסאך קראפט און עקספרעסיע. איך ווער געוואר, אז דאס איז איינער פון די בארימטסטע קינסטלער אין וואלענציע. דער דיכטער פלא אי בעלטראן שטעלט מיר פאר א סטודענט פון פיזיק, וואס שטייט ביי א לאנגן טיש און צייכנט עפעס א וועלאסיפעד מיט פליגלען און א פראפעלער. דאס איז זיין דערפינדונג. דער געדאנק מאטערט אים שוין אסאך יארן אבער ער האט אים געמוזט אויפגעבן פונקט, ווי ער האט געמוזט איבעררייסן זיין שטודיום צוליב ארעמקייט. ער האט אויך דערפינדן — זאגט ער — אן אפאראט מיט וועלכן מענטשן וועלן קענען פליען אין דער לופטן. דער אפאראט וועט וועגן בלויז צען קילא. דאס נוצט ער אויס די פרייע צייט אלס מיליציאנער, קעדיי צו רעאליזירן זיינע פלענער און זיי שטעלן צום דינסט פון דער רעוואלוציע. דער לערער, וואס צייכנט אויסיעס פאר דער וואנט־צייטונג, דערציילט מיר, ווי צוריקגעשטאנען און רעאקציאנער, איז געווען דאס שול־וועזן אין שפאניע.

— די קירכע איז געווען דער הויפט־באלעבאס איבערן שול־וועזן — זאגט ער מיר — קיין באזונדערע וועלטלעכע שולן האבן ניט עקזיסטירט. יעדער פרווו פון וועלן אפטיילן די רעליגיעזע לימודים האט זיך אויסגעלאזט מיט גארניט — און ער גיט צו — עס האט ניט געקענט זיין קיין רייד פון וועלכע עס איז רעפארם, ווי לאנג די איינציקע באלעבאטים איבערן שול־וועזן זענען געווען די קירכע. איצט וועט זיך אנהייבן א ניי לעבן.

אין לאקאל פון געוועזענעם סעמינאר, וואס האט צוגעגרייט אפאסטאלן צו פרעדיקן גאטס טוירע, גרייט זיך איצט א דאר איבערצובויען דאס לעבן. פון דאנען וועלן דאס ארויסגיין די פאלקסקינסטלער, און פאעטן. דא גרייטן שוין אינזשעניערן אפאראטן, קעדיי מענטשן זאלן קענען פליען אין דער לופטן, ווי פייגל.

דער יעזואיט כיל ראבעלס האט געזאגט : „דעם פאלק דארף

מען גענבן ברויט, ניט קיין קולטור", אָבער אפילע ברויט האָט ער ניט געקענט געבן צו דער זעט...

## אין די בערג פון גוואדאראמאַ

די פאראייניקטע סאָציאַליסטישע יוגנט פון מאַדריד שיקט אַ טראַנספּאָרט לעבנס־מיטלען צום פראָנט. די סימפּאַטישע יוגנט־פירער רעזערווירן מיר גערן אַ פּלאַץ.

די לאַסט־אויטאָס אָנגעפּאַקט מיט ברויט, מילך, אייער, טאָ־מאַטן, ארבוזן און ציגאַרעטן, שטייען שוין גרייט אויף דער גראַן־וויאַ, פאַרן הויז פון מאַדרידער קאָמיטעט.

מיט אונז פאָרט אויך מיט אַ „כאַשעוּוער פּאַרשוין" — אַ לעבעדיקער טאָראַ, וואָס דאַרף פאַר זיך אַליין אַן אייגענעם וואָגן.

— דאָס איז — זאָגן מיר מעווינים — אַ געהאָדעוועטער טאָראָ פאַר די אַרענעס, מען רופט אפילע אָן זיין ראסע. אָבער איצט זענען די אַרענעס איבערגעטראָגן געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער...

אין שפּיץ פון דער דערנערונג־עקספּעדיציע לויפט אַ קליינער אויטאָ מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע. אויף די 50 קילאָמעטער פלאַך־לאַנד קומען פון צייט צו צייט ארויס די וועג־פּאַטרולן, זיי הויבן אויף די ביקסן, אַז מען זאָל זיך אָפּשטעלן, קאָנטראָלירן די פּאַפּירן און מען פאָרט ווייטער. דאָס טויער צו די גוואַדאַראַמאַ־בערג איז דאָס מאָנאַסטיר־שטעטל עסקאָריאַל.

דער מאָנאַסטיר פון עסקאָריאַל איז געבויט געוואָרן פון 1563טן ביזן 1587־טן יאָר, אין דער צייט פון פיליפּ דעם 2־טן. מער ווי אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג האָבן געלעבט פון טוריסטן און פּיל־גרימען, וואָס זענען געקומען באַזוכן דעם מאָנאַסטיר. היינט איז עס אַ מוזיי. אין דער ריזיקער ביבליאָטעק ביים מאָנאַסטיר געפינען זיך אויך העברעישע שריפטן, געשריבן אויף פּאַרמעט.

ביז צום אויסברוך פון די געשעענישן איז אַ טייל פון מאָ־נאַסטיר געווען פאַרנומען פון גאַלאַכים און נאָנעס. איצט דינט ער פאַר אַ שפּיטאָל און פאַר אַ קאַזאַרמע.

ווען מען דערמאָנט, אַז דער מאָנאַסטיר האָט 207 מע־

טער די לענג און 161 מעטער די ברייט, איז זיך לייכט פֿאָרצו־שטעלן זיין פֿאָרנעם. עסקוריאַל איז איצט דער הינטער־פּראָנט, דאָ קומען אָן יעדן טאָג טויזנטער מיליציאָנערן פֿון וואַלענציע און מאַדריד און פֿון דאַנען ווערן זיי פֿונאַנדערגעשיקט אין די פֿאָ־דערשטע פראָנט־טיילן.

דאָס שטעטל גוואַדאַראַמאַ אַליין איז ניט ווייט פֿון דאַנען, אָבער מיר וועלן עס דערווייל לאָזן אויף שפּעטער. מיר וועלן איצט דורכלויפֿן די גוואַדאַראַמאַ־בערג אויף מיזרעד־צו, ווו עס געפֿינט זיך דער פּאַרפּאַסטן, בלויז צוויי קילאָמעטער פֿון סאַן־ראַפּאַעל (אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט איז די הענט פֿון די פֿאַשיסטן). די קייט בערג שאַפֿט אַ הערלעכן לאַנדשאַפֿט, מען האַלט עס פֿאַרן שענסטן ווינקל אין שפּאַניע. מיר שניידן דורך קילאָמעטערס פֿון פֿעלזן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר פֿאַרשידענע פֿיגורן און כאַיעס. וואָס פֿאַרא וווּנדערבאַרע קאַפּריזן פֿון דער נאַטור!

דאָס שטעטל סאַנטאַ מאַריאַ ליגט אויף אַ הייך פֿון 15 הונ־דערט מעטער. די באַפֿעלקערונג איז זייער אָן אָרעמע. די ערד, וואָס זיי פֿאַרמאָגן, איז אַ פֿעלזיקע און ניט פּראָדוקטיווע. דער וואָס האָט באַוויזן אויסצורייניקן זיין שטיקל פֿעלד איז מעשעד פֿון יאָרן, האָט עס אַרומגעצוימט מיט שטיינער. די אַרומגעצוימטע גרינע שטיקלעך לאַנד און די טאָלן זעען אויס פֿון די הויכן, ווי אַ מעכטיקע, פֿילקאָלירטע לאַנד־קאַרטע מיט צייכנס פֿון גרענעצן, וועגן און טייכן.

די הייזקעס זענען געבויט פֿון שטיינער אויף אַ זייער פּרי־מיטיוון אופֿן, און די ניט־סימעטרישקייט פֿון זייער געשטעל איז ניט שווער צו באַמערקן... ביים אַריינפֿאָר אין שטעטל ווערט מען פֿאַרהאַלטן פֿון דער שטאָט־מיליציע, וואָס קריכט אַרויס מיט די ביקסן אין די הענט פֿון הינטער אַ באַרג שטיינער. זייערע פּנימער ענלעך צו די פֿעלזן פֿון דער געגנט, וואַרפֿן אָנהויב אָן אַ שרעק. אָבער שפּעטער, נאָכן קאָנטראָלירן די פּאַפּירן, ביילן זיי בויסטן, ווי שטיינער; זייערע פֿעלזיקע פּנימער צעשמייכלען זיך און עס ווייזט זיך גרויסע געזונטע ציין. די קליידער, וועלכע זיי טראָגן, זע־נען מיט אַזויפֿיל לאַטעס, אַז עס איז שווער בעסטצושטעלן, וועל־כער עס איז דער עמעסער שטאָף.

די פּויערים פֿון דער געגנט האָבן זיך ניט געקענט דערנענטערן פֿון זייער ערד. אַסאַך פֿון זיי האָבן געאַרבעט ביי די גרויסע אייגנטימער פֿון די אַקסן־שטאַלן. דער ראַיאָן איז אַ גרויסער צענ־

טער פון אָקסן־צוכט. דאָ געפינען זיך קאָלאָסאַלע פערמעס, וווּ דאָס גרעסטע פאַרוויילונג־מיטל פון די קריסטלעכע ציוויליזאַטאָרן — די אָקסן פאַר די אַרענעס — ווערן געהאָדעוועט און קולטיווירט. די מעכטיקע אייגנטימער פון די שטאַלן האָבן זיך געפירט מיט די פּויערים פון דאַנען ווי מיט לייב־אייגענע: שמיץ, פּייניקונגען, שטראָפן פלעגן דאָ זיין נאַטירלעכע זאַכן. די אַדמיניסטראַטאָרן האָבן ערלעד געדינט זייער האַר, וואָס איז געזעסן דעם גרעסטן טייל פון יאָר אין אויסלאַנד. די פּויערים האָבן געלעבט אין גרויס דאַכקעס און נויט.

איצט האָט זיך אַלץ געענדערט: די אַדמיניסטראַטאָרן זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט זייערע באַלעבאַטים. די פּויערים, די נייע באַלעבאַטים, היטן זייער געמיינזאַם אייגנטום, ווי אַן אויג אין קאָפּ: אָ, איצט גלויבן זיי ניט אַזוי לייכט... עמעס זיי דרייען טאַקע דאָס פּאַפּירל פון אַלע זייטן... אָבער זיי האָבן שוין אַ סימען אין סטעמפּל, זייערס דערקענען זיי שוין.

מיר הויבן זיך אַלץ העכער. מען זעט שוין דעם באַקאַנטן באַרג לעאָן, ווו עס קומען שוין פאַר איבער 20 טעג קאַמפן.

אין פּענגערינאַס געפינט זיך דער הינטער־פראָנט, אויף מאַי־רעוו. דאָס איז אַ קליין דערפל. פון דאַנען ביז סאַן־ראַפאַעל זענען 12 קילאָמעטער. קיין געבויטער שאָסיי ביז דאָרט איז ניטאָ. מיליציאָנערן, וואָס זענען פאַרביטן געוואָרן פון דער ערשטער ליניע — דרייען זיך דאָ אַרום מידע, פאַרבלאָטיקטע און באַוואַקסענע.

ביי אונזער אָנקומען ווערט מען גלייך אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. מען שטעלט פראַגן, וועגן מאַדריד, וועגן אויסלאַנד. ביי יעדער אָפּטימיסטישער ידיעה, צינדן זיך אָן פייערלעך אין די צענדליקער אויגן.

אַ שטאַרקער רעגן צווינגט אונז דאָ צו בלייבן איייניקע שעה. די אַלטע פּויערים פון דאָרף נעמען אונז אַריין צו זיך אין די כאַטעס און מיט רירנדיקער גוטסקייט שטעלן זיי אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן צו אונזער דיספּאָזיציע. אין דאָרף זענען געבליבן בלויז אַלטע לייט און קינדער. דאָס יונגוואַרג איז אַוועק זיך שלאָגן.

דער רעגן האָט זיך איינגעשטעלט. מיר זענען אַרויף אויף די קאַמיאָנען. דער גוואַרדיסט, וואָס האָט אַ רעוואָלווער מיט אַ ביקס, טרעט מיר אָפּ זיין ביקס און מיר פאָרן צו די פּאָזיציע. דאָס זענען

10 קילאָמעטער שרעקלעכע טרייסלענישן, וואָס דויערן צוויי שאָ, — גריבער, שפּיציקע שטיינער, וואַסערן און געדיכטע וועלדער. עס ציט זיך דער שרעקלעכער וועג און עס דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. די ארומיקע שטילקייט פון דער ווילדער געגנט איז אָנגעלאָדן מיט שרעק. ביי יעדן וואָרף פון אויטאָ דאַכט זיך, אַז אָט שפּרינגט ווער ארויס פון אונטער אַ פעלז... די ביקסן זענען אָנגעלאָדן, דער פינגער ביים צינגל און דאָס האַרץ... ענדלעך קומען מיר אָן אויף אַ גרויסן פּלאַץ. פון די זייטיקע ביימער הויבן אָן אַפּערצוקריכן מיליציאָנערן, איינגעוויקלט אין די קאָלדרעס, דורכגענעצטע פון רעגן.

איינער פון אונזערע באַגלייטער האָט געמאַכט אַן אומגעלומפּערטן שפּאַס — ער האָט געוואָרפן אַן ארבוז צווישן די פאַרזאַמעלטע מיליציאָנערן. באַלד איז דער קאַמיאָן געוואָרן באַהאַנגען, ווי צוקער פון בינען און אין פאַרלויף פון עטלעכע מינוט איז דער גאַנצער קאַמיאָן מיט ארבוזן געוואָרן אויסגעליידיקט ביז איינעם. אַנמעכטיק זענען מיר געשטאַנען און צוגעקוקט צו דער מאָדנער סצענע, אָבער העלפן האָבן מיר ניט געקענט. אַן אויפגערעגטער איז צוגעלאָפן דער אָפיציר מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַ פאַרביטערטער האָט ער אויסגעשריגן:

— וועגן אַזאַ אַנאַרכיסטישן זשעסט, וועלן הונדערטער מיליציאָנערן גאָרניט עסן, דאַקעגן וועלן אַ פּאָר צענדליק האָבן איבער דער מאָס.

די ווייטערדיקע קאַמיאָנען ווערן שוין שטרענג באַוואַכט און מען וואַרנט מיט געווער יעדן איינעם, וואָס וועט זיך דערנענטערן.

— ווער קען דאָ פון אייך רעדן פראַנצויזיש ?

באַלד ווערט אַ רעדל ארום און מען פירט מיך צום קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט, אַ יונגער באָכער פון אַ יאָר 24 — 25, מיט אַ פּאָר גוטמוטיקע שוואַרצע אויגן, וואָס שמייכלען אַפּער פון אונטער די ברילן, באַטראַכט פאַרזיכטיק מיינע דאָקומענטן און פאַרבעט מיך צו זיך אין ביידל.

— מיר זענען די קאָלאָנע אָקטאָבער — הויבט ער אָן זיינע דערקלערונגען — ניט דער רוסישער אָקטאָבער, נאָר דער שפּאַנישער, מיר האָבן אויך אַן אָקטאָבער — גיט ער צו — ביי אונז זענען איצט פאַראַן 15 הונדערט מאַן. שוין 23 טעג געפינען מיר זיך דאָ. אונזער פראָנט איז דער נאָענטסטער צו סאַן־

ראפאעל, בלויז צוויי קילאמעטער. אונזער קאלאנע גרייפט אן דעם סוינע פון מאירעוו. די הויפט־אפעראציעס ווערן געפירט פון דער מיזרעד־זייט, דאס הייסט, פון גוואדאראמא. דארט איז קאנצענטרירט דעם סוינעס קאוואלעריע. מיט 15 טעג פריער זענען אונזערע 20 כאווירים אריינגעדרונגען אין דארף אריין. דער סוינע האט זיך דא באנוצט מיט דעם כיטרען שפיצל פון ארויסהענגען ווייסע פענער, ווען זיי האבן אנגעהויבן פארנעמען דעם ערשטן האטעל, האבן די פאשיסטן פון זייער באהעלטעניש געעפנט א שיסעריי און געהארגעט פיר כאווירים.

— דער פלאץ איז ארומגערינגלט מיט בערג. פון דער צווייטער זייט, אויף צאפן, געפינט זיך סאן־ראפאעל, אויף מיזרעד — דער בארג לעאן, וואס זענען פארנומען דורך פאשיסטן און מיר געפינען זיך אין א טאל. דער סוינע איז, אזוי ארום, פאוואריזירט דורך זיין נאטירלעכע לאגע און האט די איבערמאכט איבער אייך. איר קענט אזוי געפאנגען ווערן אין זיין נעץ — זאג איך אים מיט אומרו.

— מיר האבן דאס אלץ פארויסגעזען — בארואיקט מיך דער קאמענדאנט — דער בארג אויף מאירעוו איז פארנומען דורך אונז, מיר האבן דארט אן אבסערוואציע־פונקט, וואס איז פארזארגט מיט קוילן־וואַרפער און לייכטע הארמאטן. מיר אונטערשעצן ניט די שוועריקייטן פון אונזער פראנט, ווייל די פאשיסטן האבן זיך דא שטארק פארפעסטיקט. אין מעשעך פון לאנגע וואכן האבן זיי דא צוגעגרייט זייער סטראטעגישע באזע, אויסבויענדיק אונטערערדישע הייל מיט פארטיפיקאציעס. מיטן פארנעמען סאן־ראפאעל וועלן מיר האבן באזיגט דעם גאנצן צאפן־טייל, ווייל פון דארטן האבן מיר גלייכע וועגן צו אווילא און סעגאוויא און אזוי ארום קענען צו קומען אויף צאפן־מאירעוו צו אסטוריע און מיזרעד צו אראגאן.

— און איצט — זאגט ער — אז דו ביסט שוין באקאנט מיט אונזער מיליטערישער לאגע, וועט מען דיך באקענען מיט אונזער מענטשן־מאטעריאל. אונזער קאלאנע ווערט אנגעפירט פון דער פאריייניקטער יוגנט. דער עלעמענט באשטייט דא ס׳ראוו פון אט דער יוגנט ווי אויך פון קאמוניסטן, סאציאליסטן און סינדיקאליסטן.

מיר גייען ארויס פון פעלד און מען ברענגט צו אונז צוויי פראנצויזישע כאווירים, ביידע זענען זיי פון פאריז. איינער פון 4־טן ארראנדיסמאן, א מיטגליד פון דער קאמפארטיי, דער צווייטער פון 18־טן — פון דער סאציאליסטישער. מוטע, הייסט דער פון

4־טן אַראָנדיסמאַן. ער האָט זיך באַקענט מיט זיין סאָציאַליסטישן באַזוער אויף דער באַן. ביידע זענען זיי געפאָרן פאַר זייער געלט ביז דער גרענעץ.

— דו ביסט דער ערשטער אויסלענדישער זשורנאַליסט, וואָס איך זע דאָ — זאָגט צו מיר דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער — אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ יידישער אַרבעטער־צייטונג אין פּאַריז איז געוועזן דער ערשטער, וואָס איז דאָ צו אונז געקומען.

— דאָס איז טאַקע אַ באַווייז, ווי די יידישע אַרבעטער פאַר־אינטערעסירן זיך מיטן קאַמף פון זייערע שפּאַנישע ברידער קעגן פאַשיזם — גיט צו מוטע.

— ניט בלויז מיר פאַרינטערעסירן זיך. די יידישע אַרבע־טער באַטייליקן זיך אַקטיוו אין אַלע סאָלידאַריטעט־אַקציעס לע־טויוועס די שפּאַנישע פאָלקס־מאַסן — גיב איך צו.

ארום אונז האָט זיך צונויפגעקליבן אַ רעדל פון אַ פּאָר הונדערט מיליציאַנערן. יעדער שטעלט צו אַן אויער און וויל הע־רען אַ וואָרט. אַסאַך שטייען אַרום און שמייכלען פון אומפאַר־שטענדלעכקייט, וואָס עס קלינגט פאַר זיי די פרעמדע שפּראַך. איי־נער פרעגט דעם אַנדערן ווער איך בין.

— אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט פון אַן אַנטיפאַשיסטישער צייטונג — גיט איינער איבער דעם אַנדערן. אַ וואַלד מיט הענט שטרעקן זיך אויס מיך צו באַגריסן. פון אַלע זייטן פאַלן פראַגן:

— וואָס זאָגט מען עפּעס אין אויסלאַנד וועגן אונז?

— צי ווייסט מען גענוי, וואָס ביי אונז טוט זיך?

— ווי באַציט זיך די פּרעסע?

— וואָס מאַכט דער פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך?

— גיב איבער דיינע כאַווירים — ווענד איך זיך צו איינעם, וואָס רעדט פראַנצויזיש — אַז דאָס גאַנצע אַנטיפאַשיסטישע פאָלק פון פראַנקרייך איז מיט אייך, אַז אין אַלע ווינקלען פון לאַנד קור־מען פאַר צענדליקער מאַסן־מיטינגען אַלס אויסדרוק פון סאָלידאַ־ריטעט מיט אייער קאַמף, אַז מיליאָנען פראַנקן ווערן צוזאַמענגע־נומען אייך צו שיקן הילף און אַז אויך די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן זענען מיט אייך און טוען אַלץ צו העלפן אייער זיג איבערן באַרבאַרישן פאַשיזם.

נאָכן איבערזעצן ברעכט אויס אַ שטורמישע אָוואַציע.

מען גיט מיר איבער, אַז מיט אַ טאָג פריער זענען דורכגע־פלויגן צוויי איטאַליענישע אַוויאָנען און געוואָרפן פלי־בלעטלעך

פון גענעראַל פראַנקאָ. דאָרט רעדט זיך, אַז זיי ווילן שאַפן אַ נאַ־ציאָנאַל שפאַניע און ווילן באַפרייען דאָס לאַנד פון די אויסלענ־דער, קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן. אין צוויי שאָ שפּעטער זענען פון דיזעלבע אַוויאָנען געוואָרפן געוואָרן באָמבעס. אַפּאָנעם, אַז זיי האָבן ניט געגלייבט אין דער ווירקזאַמקייט פון זייער ליטעראַ־טור — באָמבעס ווירקן בעסער... מען גיט מיר איבער אַזאַ בלעטל מיט אַ טייל פון אַן אויפגעריסענער באָמבע.

דורך דער צייט האָבן די קאָמיאָנען זיך אויסגעלאָדן און מיר מוזן זיך אומקערן דורכן שרעקלעכן וועג קיין פּעגערינאָס. הונדער־טער געביילטע פויסטן באַגלייטן אונז מיט אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן די סאָלידאַריטעט פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָ־לעטאַריאַט, נידער מיטן פאַשיזם! ביים געזעגענען זיך גיט צו דער קאָמענדאַנט:

— דערצייל דאָרט אין פּאַריז וועגן אונזער קאַמף, וועגן אונ־זער ענטוזיאַזם און וועגן העראָיזם פון אונזער פאָלק, דערצייל וועגן אונזערע שוועריקייטן, אַז מיר האָפן אויף דער הילף פון אינ־טערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ווייל דער קאַמף פון שפּאַנישן פּראָ־לעטאַריאַט אין איצטיקן מאָמענט איז ניט בלויז קעגן שפּאַנישן פאַשיזם, נאָר איז אויך קעגן פאַשיזם אין דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1936.

## באָמבעס אויפן שפּיטאָל

מיר זענען איינגעהילט אין אַ געדיכטע פינצטערניש. אַ קילער ווינט פּרישט אָפּ דעם הייסן אָטעם. צווישן די געקרייזלטע זיגזאַג־וועגן אין די בערג דרייט עס און וואַרפט פון אַלע זייטן.

מיר זענען שוין אויף צוריק אין עסקאָריאַל. לענגאויס דעם וועג שטייט אויסגעשטעלט אַ שורע פון אויטאָס, קאָמיאָנען און אויטאָקאַרן, וואָס ציט זיך אויף דער גאַנצער לענג פון מאָנאַסטיר — נייע רעזערוון צום פראָנט. פאַר דער געבוידע אויפן גרויסן פּלאַץ שטייען אויסגעשטעלט טישן פאַר הונדערטער עסערס. פון די אויטאָקאַרן און וועגענער שיטן זיך אַרויס מיליציאָנערן, ווי הונגע־ריקע וועלף. באַלד ווערט דער גרויסער פּלאַץ פון מאָנאַסטיר באַ־לעבט פון זעלנערישע פיס, וואָס רוישן אויף די קליינע שטיינדלעך,

פון א געקלאפעריי פון טעלער און געשיר און א געקלאפעריי פון הונדערטער באוועגלעכע מיילער...

אויפן טונקל־באלויכטענעם פלאץ לויפן ארום די טישן, יונגע מיידלעך און עלטערע פרויען, וואס באדינען מיט וואסער, ברויט און זופ. איין פארטיע עסט אפ און די צווייטע איז שוין גרייט. אזוי בייטן זיך די באזונדערע פארטיי־קאלאנעס ביז שפעט אין דער נאכט.

די שטאט איז איבערפולט פון מיליציאנערן. די האטעלן זענען איבערפולט, פריוואטע וווינונגען — איבערפולט. אין די קאפעס איז אלץ אויסגעליידיקט און אין די גאסן רוישט פון מענטשן.

דער בירגערמייסטער פון עסקאריאל פארמאגט אויפריכטיקע פריינדלעכקייט. ער איז א סאציאליסט. א יונגער מענטש, אבער, אן אלטער מיליטאנט. וויסט ער צו דערציילן פון דער מאכט פון קלער אין זיין שטעטל און אלע פארפאלגונגען קעגן די דעמאקראטישע פארטייען.

— נו, עס איז דאך פארשטענדלעך — דער מאנאסטיר, דער קלער איז דאך געווען דער איינציקער קוואל פון פארנאסע פאר א גרויסן טייל פון דער באפעלקערונג. מיר האבן אסאך ארעסטירט, אסאך קאמפראמיטירנדיקע מאטעריאלן געפונען.

— ביים דירעקטאר פון מאנאסטיר — זאגט ער — האט מען געפונען א ליסטע פון אלע אנטיפאשיסטן, וואס מען וועט דארפן שיסן נאכן איבערנעמען די מאכט. אויך איך בין דארט געווען — באמערקט ער מיט א שמייכל — מיר האבן ביז איצט קיינעם ניט געשאסן אן א מישפעט. אסאך פאשיסטן באהאלטן זיך נאך אויס אין די בערג אוןווארטן, אז מאלא זאל ארייננמארשירן אין שטאט. אבער זיי וועלן זיך ניט דערווארטן.

ער דערציילט מיר אויך, אז ביי אים איז דער צענטראלער אפשטעל־ארט פאר אלע פארטיי־קאלאנעס, וואס פארן צום פראנט. און די שטאט דארף צוגרייטן עסן פאר אלע מיליציאנערן, וואס פארן דא פארביי.

עס איז שוין איינס ביינאכט און ער זיצט אלץ און ארבעט. אלע וויילע קומען מענטשן, איינער מיט א פאפיר אונטערצושרייבן א צווייטער נאך א באשטעטיקונג. אזוי פון פרי ביז שפעט ביינאכט.

א, עס איז דא ארבעט, ס׳איז דא ! מיין מיטשמועסער דערקלערט מיר אויך, ווי אזוי עס איז ארגאניזירט די ווירטשאפט אין שטאט.

— מיר האָבן געשאַפן אַ שטאָט־קאָמיטעט. דער קאָמיטעט איז צונויפגעשטעלט פון אַלע רעפּובליקאַנישע און פּראָלעטאַרישע פּאַר־טייען, וואָס קאָנטראָלירט און פירט אָן מיט דער גאַנצער ווירט־שאַפט. קיין שום קאָנפיסקאַציעס און עקספּראָפּריאַציעס זענען ביי אונז ניט פאָרגעקומען. בלויז אין די הייזער, ווו די באַלעבאַטים אָדער אייגנטימער פון אונטערנעמונגען זענען אַנטלאָפן, דאָרט האָבן די אַרבעטער אָדער אַנגעשטעלטע עס איבערגענומען און פאַר־וואַלטן מיט זיי דורך באַזונדערע הייזער־קאָמיטעטן אונטער דער קאָנטראָל פון סינדיקאַט.

אויף צומאָרגנס פאַרנאַכט האָט מיך אַ סאַניטאַר־אויטאָ גע־פירט צום ערשטן סאַניטאַרן־לאַגער הינטערן פראָנט. דאָס איז 15 קילאָמעטער פון עסקאַריאַל און צוויי קילאָמעטער פון שטעטל גוואַדאַראַמאַ.

ביים אָנקומען שטויס איך זיך אָן אין אַ וואַנט פון פאַרזיכ־טיקייט — פּאַפּירן, דאָקומענטן אויף טריט און שריט.

מען פאַרענטפערט זיך, אַז מען געפינט זיך דאָ אויף דער קריג־זאָנע און, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק איז אַרעסטירט געוואָרן אַ דייטש, וואָס האָט זייער טיכטיק געאַרבעט ביי טאָג אַלס סעקרע־טאַר, אָבער אין די נעכט פלעגט ער פאַרשווינדן... מען האָט אים אָבסערווירט און באַמערקט, ווי ער צייכנט פלעגנער מיט מאַפּעס. מען האָט אים אָפּגעפירט קיין מאַדריד און פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אַ שפּיאָן.

ענדלעך האָט מען זיך אָנגעהויבן צו מיר באַציען מיט צו־טרוי. איך פיל אַרום מיר אַ וואַרעמע, כאַווערישע אַטמאָספערע. מען נעמט מיך מיט צו באַזוכן די אַרומיקע שפּיטעלער.

— די אַלע שפּיטעלער ווערן יעדן טאָג באָמבאַרדירט פון סוינע, יעדן טאָג טראָגן זיי זיך איבער אויף אַן אַנדער אָרט — דערקלערט מיר אַ דאָקטאָר, וואָס איז געקומען אַלס פריוויליקער פון פראַנקרייך.

מיר קערן זיך אום צום ערשטן לאַגער, עס איז שוין גוט פינצטער. קיין ליכט טאָר מען ניט אָנצינדן. מיר פאָרן פאַרביי דאָס דאָרף גוואַדאַראַמאַ, וואָס ליגט אויף דער רעכטער זייט פון שאָסיי. צוליב דער פינצטערניש איז גאָרנישט צו באַמערקן.

אין איינע פון די פינף סאַניטאַרן־ביידלעך אָרדנט מען מיר איין אַ געלעגער. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער אָפּטייי־לונג זאָגט מיר, אַז איך זאָל זיך ניט אויסטאָן, ווייל עס איז ניט

אויסגעשלאָסן, אַז מיר זאָלן ווערן באָמבאַרדירט איז מעשעד פון דער נאַכט.

די ערשטע דריי שאָ איז אומעגלעך איינצושלאָפן צוליב די קעסיידערדיקע אויפרייסן און טרילערײַ פון מאַשינען־געווער, וואָס פילט אָן די נאַכט. ענדלעך ווערט די „מוזיק" היימישער און מען כאַפּט אַ קורצן דרימל.

אין דער פרי פאָרט מען קיין גוואַדאַראַמאַ. דער אויטאָ שטעלט זיך פאַרן שטעטל. שאַרנדיק זיך ביי דער וואַנט האַלב געבויגן, דערקייקלט מען זיך צו דער קאָמענדאַנטור פון פראָנט. דאָס שטעטל איז אַ כורווע, זעלטן וווּ עס איז געבליבן אַ גאַנץ הויז. אויך דאָס הויז פון דער קאָמענדאַנטור איז טיילווייז צעשטערט. אויפן וועג וואַלגערן זיך עטלעכע באָמבעס, וואָס האָבן ניט אויפגעריסן. צעריסענע פערד מיט ארויסגעקראָכענע געדערעמס פאַרשפּרייטן אַ שרעקלעכן איפּעש. לעבן אַ לאָך פון אַן אויפגעריסענער באָמבע אין דער זייט פאַרקאָן, וואַלגערט זיך אַ קינדעריש הענטל; אביסל ווייטער — דער איבעריקער טייל פון קערפּערל. קיין לעבעדיקער מענטש געפינט זיך איצט ניט אין גאַס אויסער דער שאָפער און איך. אַלץ איז פאַרלאָזן. סטאַדעס הינער שפּאַצירן זיך פריי אויפן וועג.

20 טעג, ווי עס קומט דאָ פּאָר שיסערייען טאָג און נאַכט. דאָס דאָרף ווערט יעדן טאָג באָמבאַרדירט.

פּונקט אַנטקעגן דעם שאָסיי געפינט זיך דער באַרג לעאָן. ווען מען גייט אין דער מיט פון שאָסיי ווערט מען באַמערקט פון סוינע, און באַלד עפנט זיך אַ שיסעריי.

מיר קומען צום הויז פון קאָמענדאַנט. אַ טויטע שטילקייט הערשט דאָ. ביים טעלעפאָן זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ יונגערמאַן, אָנגעטאָן אין אַן ארבעט־בלוזע מיט אַ מיליטערישן מונדיר פון אויבן. דער טעלעפאָן קלינגט מיט אַ טויבן קלאַנג. האַלבע ווערטער, פאַרשלאָפענע שלעפּן זיך פון זיין מויל ארויס. אַן אָפיציר מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן פוס זאָגט עפּעס, און מען פירט מיך אריין צום קאָמענדאַנט.

דאָס איז דער קאָלאָנעל אָסענסיאָ, קאָמענדאַנט פון די אָפּעראַציעס אויף דעם פראָנט, אַ טיפּיש פּאָנעם פון אַן אינטעלעקטועלן, ער רעדט אַ פיינעם פראַנצויזיש.

— ווי קומט איר דען דאָ אַהער ? דאָ הערשט דאָך טויט.

— עס אינטערעסירט מיך דאָ די לאַגע פון אייער פראָנט,

קאַלאָנעל, און דאָס אייגנטלעך האָט מיך דאָ אַהערגעבראַכט. איך ווייס באַשטימט, אַז אייער פראָנט האָט ביים איצטיקן מאָמענט אַ וועלט־נאָמען, אַז אַלע אַנהענגער פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע וואַרטן מיט אומגעדולד אויף יעדע ידיעה, וואָס קומט פון דאַנען.

ער הויבט אויף דעם קאָפּ און אַ פּאָר גלעטנדיקע, סאַמעטענע אויגן קוקן אויף מיר.

— ביז איצט איז קיין נייעס ניטאָ. די פאַשיסטן ווענדן אָן אַלע קרעפטן זיך דורכצורייסן. אָבער עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן דעם. אונזערע מיליציאָנערן קעמפן העלדיש, זיי וועלן ביז דעם לעצטן בלייבן און דעם סוינע ניט דורכלאָזן. מיר ווילן איצט איינהאַלטן די פּאָזיציע און וועלן זיך באַמיען וואָס ווייניקער קאָר־באַנעס צו געבן. אונזער גענעראַל־אַטאַקע איז זייער נאָענט און מיר זענען זיכער אין דערפאָלג.

איך באַקום אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו באַזוכן די ערשטע ליניע.

אויף אַלע פיר דערקייקלט מען זיך צו דער ערשטער ליניע. אין אַ גרוב, פון פאָרנט אָנגעלייגט מיט שטיינער, וואָס זענען באַדעקט מיט צווייגן, ליגן דאָ אַ 25 מאַן, איבער דער גאַנצער ברייט, אָפּגערוקט אַ מעטער איינער פון אַנדערן. זיי ליגן און קוקן צום שפּיץ בארג, וו עס געפינט זיך דער סוינע. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אויף דער אַנדערער זייט אַ קאָפּ אָדער עס באַוועגט זיך עפּעס, דאַן שיסט מען. אויב ניט, ליגט מען אָנגעשטרענגט און מען קוקט. וועגן כאַפּן אַ שמועס קען ניט זיין קיין רייד. אַסאַך זע־נען נאָך אין זייערע ציווילע קליידער מיט ווילדע בערד. עס שפּירט זיך פון אַסאַך טעג ניט וואַשן. מיין פּעקל סיגאַרעטן ווערט צעטיילט און מען געזעגנט זיך. אין דרייען געבויגן קריך איך צוריק צום קאָמענדאַנט.

מען האָט גראָד איצט געברענגט דריי געפאַנגענע פאַשיסטן, וואָס מען האָט געכאַפּט אין די בערג. געקומען זענען זיי פון עס־קאָריאַל; 2 „פאַלאַנגיסטן" מיט אַ גאַלעך. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די בערג און פון דאָרט אַרויסגעשאָסן. זיי האָבן געגלויבט אַרויסצורופן אַ פּאַניק ביי דער באַפעלקערונג. אָבער פּויערים מיט נעיעג־הינט האָבן זיי געכאַפּט. אַלע דריי שטייען שוין ביי דער וואַנט.

מיר קערן זיך אום אין שפּיטאָל־לאַגער. מען האָט איצט גע־

ברענגט צוויי פֿאַרוווּנדעטע, איינעם מיט אַ פֿוס־שאָס, ניט געפֿערלעך, דער צווייטער — אַ יונגטלעכער פֿון 18 יאָר, וואָס האָט בעיִס אַ באָמבאַרדירונג באַקומען אַ היסטעריע־אַטאַק און פֿאַרלוירן דאָס לשון. ער הערט אַלץ, מאַכט מיט די ליפּן, אָבער קען ניט אַרויסברענגען קיין קלאַנג. ביידע ווערן אָפּגעפֿירט קיין עסקאָריאַל.

אויף אַן אויטאָ פֿירט מען איצט אַ שווער־פֿאַרוווּנדעטן קיין מאַדריד. דאָס איז איינער פֿון די הונדערטער נאָמענלאָזע אַנטיפֿאַשיסטישע העלדן. דעם 10־טן אויגוסט איז ער אַ פֿאַרוווּנדעטער פֿון אַ לונגען־שאָס, געפֿאַנגען געוואָרן פֿון די פֿאַשיסטן. 3 טעג איז ער געווען ביי זיי. דערשיסן האָבן זיי אים ניט געוואָלט, זיי האָבן אים אויף אַ סאַדיסטישן אופֿן געוואָלט ביסלעכווייז דערמאָרדן. 3 טעג אָן אַ טראָפּן וואַסער מיט אַ לונגען־שאָס. זיי האָבן אים געצוווּנגען צו טרינקען זיין אייגענע אורין. דעם 13־טן איז אים געלונגען צו באַפֿרייען זיך פֿון זייערע הענט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געקראָכן פֿון די בערג, צעריסן דאָס לייב פֿון די נאָדלביימער. פֿאַרטאָג איז ער אָנגעקומען צו זיינע כאַווייִרים אַ דערשעפּטער פֿון קויכעס. ער האָט אַסאַך בלוט פֿאַרלוירן און איז ניט מער אימשטאַנד אפֿילע צו פֿאַרנעמען קיין עסן. ער ווערט איצט געפֿירט קיין מאַדריד. אין אויטאָ ליגט אַ שקעלעט מיט אַ פּאָר אָפֿענע אויגן. ווען מען קוקט זיך גוט אין זיי איין, ווערן זיי גרעסער און גרעסער — און עס דאַכט זיך, אַז אָט קריכן זיי פֿון די לעכער אַרויס.

עס איז איצט האַלב 11 אינדערפֿרי, קיין פֿאַרוווּנדעטע ברענגט מען ניט. די מאָנאָטאָנע שיסעריי הערט ניט אויף. די זון איז דאָסמאָל מער ניט צו פֿאַרטראָגן, יעדער זוכט זיך אַ שטיקל שאָטן. אין דעם — אַ סווישטש מיט אַ פּייפֿעריי. אינסטינקטיוו באַהאַלט מען דעם קאָפּ, און ביי 15 מעטער פֿון דעם אָרט וווּ מען געפֿינט זיך הערט זיך אַן אויפֿרייס. דאָס איז די ערשטע באָמבע. פֿון אָנהויב אָריענטירט מען זיך ניט. עס גייט ניט פֿאַרביי קיין 10 סעקונדעס — אַ צווייטע, אַ דריטע און אַזוי ווייטער. דאָ געפֿונען זיך ביי 150 סאַניטאַרן, קיינער איז ניט באַוואָפֿנט, אויף אַלע ביידלעך הענגען פֿענער מיט רויטע קרייצן, אינמיטן פֿעלד ליגט אַ פֿלאַכטע מיט אַ רויטן קרייץ. עס קען ניט זיין קיין רייד פֿון ניט וויסן, אַז דאָ געפֿינט זיך אַ שפּיטאָל.

יעדער שיצט זיך ווי ער קען. עטלעכע יונגע מיידלעך, סאַני־

טאַרקעס הויבן אָן צו ספּאַזמירן און מען מוז זיי אָפּפירן אויף אויטאָס. מען פּרוווט זיך צו דערוויטערן פון אָרט, אָבער איין באָמבע נאָך דער צווייטער רייסט אויף זייער נאָענט. אַלטע פרויען, וועלכע זענען געקומען אַלס פריוויליקע, שאַרן זיך אויף דער ערד, דערנאָך מיטן לעצטן אָטעם לויפן זיי אויף דער זייט וועג...

— פונקט ווי אין אַביסיניע מאַכן זיי דאָ — זאָגט איינע

— מערדער, קרימינאַליסטן, אַז עס איז פאַר זיי גאָרניט דאָ קיין אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן — זאָגט נאַיוו אַ צווייטע.

נאָכן איבערוואַרטן אַ שאָ צייט קערט מען זיך אום צום אָרט. 3 פעלד־ביידלעך זענען אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. 15 באָמבעס האָבן אויפגעריסן. אין גרוים איילעניש צענעמט מען די איבעריקע ביידלעך און מען טראָגט איבער דעם לאַגער אַ קילאָ־מעטער ווייטער, וואָס וועט זיין מער באַשיצט. די פענער פון רויטן קרייץ ווערן מער ניט ארויסגעהאַנגען...

## דער אַלקאַזאַר פון טאָלעדאָ

טאָלעדאָ, די רעזידענץ־שטאָט פון די קעניגלעכע הויפן אין פאַרלויף פון יאָר־הונדערטער, ליגט 70 קילאָמעטער אויף דאָ־רעם פון מאַדריד. דאָס איז דער מוזיי פון דער שפּאַנישער קול־טור. דאָ געפינען זיך אַלטע קולטור־אויצרעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פאַר דער אייביקייט : אין דער ארכיטעקטור, מאַלעריי און אין סקולפּטור.

אירע ייכעס־בריוו שטאַמען נאָך פון 4־טן יאָר־הונדערט. אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון וויסקאָטן־הויף, שפּעטער דער באַזיץ פון אַ מאַרן־הערשאַפט. און אין 1085 דעראָבערט דורך אַלפאָנס דעם 6־טן, ווערט טאָלעדאָ די פאַקטישע רעזידענץ פון קאַסטיליע־הויף, ביז פיליפּ דער 2־טער טראָגט איבער זיין רע־זידענץ קיין מאַדריד.

ביים אַריינפאָר אין דער שטאָט שיינט אויף „דאָס טויער פון דער זון”, וואָס איז געבויט געוואָרן אין 12־טן יאָר־הונדערט. פון דאַנען ציען זיך די מויערן פוןביידע זייטן, וואָס נעמען אַרום די שטאָט ווי אַ רייף.

די הייזער געבויט אין שמאָלע גאַסן, הויבן זיך שטאַפּנווייז

איינס איבערן אַנדערן און קוקן אַראָפּ צום טייך טאַכאָ. אָט איז דער פּלאַץ זאָקאָדאָווער. דער פּלאַץ האָט נאָך גענצלעך דערהאַלטן זיין אַנטישן אַספּעקט. פון דאַנען דראַפּעט זיך דער אויטאָ פון קריג־מיניסטעריום דורך די בערגיקע, שמאָלע געסלעך. אָט זענען מיר ביים הויז „קאַסאַ דע סעוויליאַנאַ", וווּ עס שפּילט זיך אָפּ די אַקציע פון סערוואַנטעס ראָמאַן : די באַרימטע פּרעגאָנאַ". די קאַטעדראַל פון טאָלעדאָ, געבויט אין גאָטישן סטיל אין 13־טן יאָר־הונדערט, געהערט צו די שענסטע פון שפּאַניע און די רייכסטע אין דער וועלט פון קונסט־ווערק. דאָ געפינט מען לייוונטן פון גאָיאַ, גרעקאָ, וואַן־דיק און גערארד דאָוויד. פרעסקן פון לוקאַס זשאָרדאַנאָ, סקולפּטאָרן פון אַלעמאַנע און פּעדראָ דע מענאַ. דאָ געפינען זיך אויך גרויסע אוצרעס פון גאָלד און זילבער.

פאַרבייפאָרנדיק די שטאָטישע מויער ניט ווייט פון דער בריק פון הייליקן מאַרטין שטויסן מיר זיך אָן אויף דעם „באַריאָ דע לאַ כודעריאַ" (דער יידן־קוואַרטאַל) אויף לינקס די געוועזענע סינאַגאָגע, וואָס איז געבויט געוואָרן אין 14־טן יאָר־הונדערט פאַרן פּראָסטן פאָלק. זינט די יידן־פאַרפאָלגונגען פון יענער צייט איז די סינאַגאָגע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קירכע און איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען : „סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ". אַביסל ווייטער אַרויפצוצו מיט דערזעלבער גאַס, אין דער שכייניעם מיטן הויז און מוזעום פון גרעקאָ — אַ צווייטע סינאַגאָגע, איצט די קירכע „טראַנסיטאָ". די סינאַגאָגע איז אויך געבויט געוואָרן אין 14־טן יאָר־הונדערט, ספּעציעל פאַר אויסדערווייילטע, דורכן פּערזענלעכן פריינט און באַנקיר פון פּיער דעם 1־טן — „דעם פיינלעכן", סאַמועל לעווי. אינעווייניק זענען נאָך געבליבן עפּיטאַפן מיט ליוב־געזאַנגען, פאַר פּיער דעם 1־טן — „דעם פיינלעכן" און סאַמועל לעווי.

ניין, די יאָר־הונדערטער, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון יענע שרעקלעכע אינקוויזיציע־צייטן, האָבן נאָך אַלץ ניט געקענט אָפּווישן די שפּורן פון דעם יידישן אַנטייל אין ווירטשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן אין שפּאַניע פון יענער צייט. דער „גיד", וואָס פלעגט אַמאָל פירן רייכע טוריסטן, וועלכער באַגלייט מיך צוזאַמען מיט די פראַנצויזישע זשורנאַליסטן, רענע לאַפּאָן, אַרום די שטאָט, לאָזט אַראָפּ די אויגן, ווען ער דערוויסט זיך, אַז איך בין אַ ייד. מיר האָבן זיך אָבער גלייך פאַרשטאַנען און מיר

האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו די פיר מורעמס פון מעכטיקן שלאָס אויפן העכסטן פּונקט וועלכע קוקן גרויזאַם איז אַלע פיר ווינקלען פון דער שטאָט — דער „אַלקאַזאַר". דער אַלקאַזאַר — דער הערשער שאַרל לע קען האָט אים נאָך געבויט אין 16־טן יאָר־הונדערט און אים באַוואָרנט מיט דיקע מויערן ; מיט אונטער־ערדישע היילן, וואָס קענען אויסהאַלטן דעם שטאַרקסטן שטורעם. דער אַלקאַזאַר האָט לעצטנס געדינט פאַר קריג־מוזעום און אַ מי־ליטערישע אַקאַדעמיע. אָדער — „די אַקאַדעמיע פון דער אינפאַנ־טעריע" — ווי מען האָט זי גערופן.

אונטער די דיקע מויערן פון דער מעכטיקער פעסטונג געפונען זיך פיר הונדערט פרויען און קינדער. צווישן זיי 250 אומשול־דיקע נעפאַשעס, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די פאַשיסטן — פון דער ציווילער באַפעלקערונג, אַלס „זאַקלאַדניקעס".

דער קאָלאָנעל מאָסקאַרדאָ, דער קאָמענדאַנט פון גאַרניזאָן און פירער פון אויפשטאַנד, האָט זיך צוריקגעצויגן, אונטערן דרוק פון די באַוואָפנטע אַרבעטער, נאָך דריי טעג קעמפן, פון אַלע פּאָזיציעס אין דער שטאָט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן צוזאַמען מיט 15 הונדערט פאַשיסטן און זיך פאַרשאַנצט אין דעם מיטל־אַלטערלעכן שלאָס — אַלקאַזאַר.

מאָסקאַרדאָ, צוזאַמען מיט זיינע לעגיאָנערן, ציווילע גוואַר־דיע, אָפיצירן און „פאַלאַנגיסטן", האָבן זיך צוריקגעצויגן אין אַל־קאַזאַר אונטער דער שוץ פון די קליידער, פון פרויען און קינדער, פון די מיליציאָנערן — און די מיליציאָנערן האָבן הערצער — זיי האָבן ניט געשאָסן אויף אייגענע פרויען און קינדער.

שוין 50 טעג, ווי דער אַלקאַזאַר איז באַלאַגערט ; שוין 50 טעג, ווי עס ווערן געשיקט מעסאַזשן צום קאָלאָנעל : „באַפרייט אונזערע פרויען און קינדער ! מיר וועלן אייך פאַרזיכערן דאָס לעבן פון אייערע פאַמיליעס, וואָס געפינען זיך דאָרט ; שלאָגט זיך מיט אונז, אָבער מיט וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט די שוואַכע, די אומשולדיקע ?!"

אָבער מאָסקאַרדאָ ענטפערט : — ניין, זיי וועלן שטאַרבן מיט אונז צוזאַמען ; די 250 אייזלען, 19 פערד, 250 זעק טווועץ, 3 הונדערט טויזנט ליטער וואַסער אַלץ איז שוין אויפגעגעסן. די שטאָט איז פּאַראַליזירט. עס איז שוין ניטאָ קיין אויסוועג, מען גייט אויפרייסן די פעסטונג אָבער... וואַרט... עפּשער... עס איז

דאָך פאַרט איינן בלוט און פלייש. עס איז דאָך פאַרט אומשולדיק בלוט. עפּשער וועלן זיי זיך איבערלייגן.

האָט מען געשיקט דעם רעפּובליקאַנישן קאַלאָנעל ראָכאַ. פּראָ־פעסאָר פון דערזעלבער מיליטערישער אַקאַדעמיע, וואָס איז דורך אַלעמען געשעצט און געאַכטעט. מען האָט דערקלערט וואָפן־שטיל־שטאַנד. פארן אַלקאַזאַר זענען ארויסגעקומען צוויי ציווילע גוואַר־דיסטן, מען האָט אים פאַרבינדן די אויגן און אַזוי אים אריינ־געפירט.

אין דרויסן וואַרט די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד, אויף זיין טשוווע. יעדע מינוט איז אַן אומענדלעכקייט. מען וואַרט מיט שפּאַנונג, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. מען וואַרט שוין אַ האַלבע שאָ, באַלד אַ שאָ, שוין נאָענט צו צוויי שאָ. וואָס איז דאָרט געשען? צי האָט מען אים ניט געטאָן קיין שלעכטס? צי וועלן זיי האַלטן וואָרט? ענדלעך! — פאַר די טויערן פון דער פעסטונג האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ טוד אויף די אויגן. צוויי מי־ליציאַנטן האָבן אים אָפּגענומען פון די ציווילע גוואַרדיסטן, אַראָפּ־גענומען דאָס טיכל פון די אויגן און אים איבערגעפירט אויף דער צווייטער זייט.

אין די אויגן ביי אַלעמען ליגט פיינלעכער אומגעדולד, די ליפּן ווילן פרעגן; אָבער קיינער ברענגט ניט ארויס קיין קלאַנג. הונדערטער מיליציאָנערן שטייען אויפן־וועג, וווּ עס גייט צוריק פון אַלקאַזאַר דער קאַלאָנעל ראָכאַ, קיינער וואַגט ניט ארויסצו־דריקן פון זיך דעם צוגעגרייטן קלאַנג מיט פרעג־צייכן. אַ בלאַ־סער, אַ דערשעפּטער, מיט בלאָע רינגען אונטער די אויגן, גייט ראָכאַ אין זיין פאַרשלאָסענער שטומקייט גלייך אין דער קאָמענ־דאַנטור פון דער שטאָט.

— זיי זאָגן אָפּ — דערקלערט ראָכאַ — זיי וועלן שטאַרבן אַלע, און די פרויען מיט די קינדער — מיט זיי צוזאַמען. און ווען עס וואָלט אָפּהענגיק געווען אין זיי, וואָלט די גאַנצע וועלט גע־שטאַרבן מיט זיי צוזאַמען — אַזוי זאָגט מאַסקאַרדאָ.

— מען באָמבאַרדירט דעם אַלקאַזאַר מיט שווערע אַרטי־לעריע. אָבער די פעסטונג איז נאָך ווידערשטאַנד־פעיק; די מויערן האַלטן זיך נאָך. פון די פינצטערע קעלערס הערן זיך יעדע נאַכט שווידערלעכע געשרייען און געוויינען. יעדע נאַכט דעזערטירט מען און מען אַנטלויפט פון אַלקאַזאַר און מען דערציילט שווידערלעכע זאַכן: פרויען און קינדער ווערן מעשוגע. יונגע מיידלעך

ווערן פארגוואלדיקט פון די אפיצירן. ניטא מער קיין עסן, ניטא מער קיין וואסער — אײן שטיק גרויל. צוויי פרויען האבן געבוירן קינדער אין די היילן פון אלקאזאר. מען דערשיסט אז שום סיבע פארן קלענסטן סימען פון שוואכקייט אדער ווילן אונטערצוגעבן זיך.

מען האט געברענגט אסטוריער קוילן-גרעבער צו מינירן און אויפרייסן די מויער:

מען קלינגט פון אלקאזאר: „שיקט אונז א גאלער זיך מיסוואדע צו זיין פארן טויט".

מען ברענגט קיין מאלעדא דעם העכערן גייסטלעכן פון דער מאדרידער קאטעדראל: דאן ענריקעס וואסקעז קאמאראסא, וואס די באשיסטן האבן שוין געהאט דריי מאל באשטעטיקט, אז ער איז פארברענט געווארן לעבעדיקערהייט דורך די קאמוניסטן. נאך א שא פארברענגען מיט די באלאגערטע קומט ער צוריק מיט זיין ציילעם אין האנט און א פעקל זאכן, וואס זענען אים נויטיק פאר זיין רעליגיעזער פונקציע; ער קומט מיטן ענטפער, אז זיי האבן צוגעזאגט אין פארלויף פון 24 שא צו באשליסן וועגן ארויסלאזן די פרויען און קינדער.

א שא פארן אויסגיין פון דער צייט — דער טעלעפאן קלינגט פון אלקאזאר. (די טעלעפאן-פארבינדונג מיטן אלקאזאר האט נארמאל פונקציאנירט):

— מיר ווילן שטארבן צוזאמען!

— די מיליציאנערן קענען זיך אליין ניט דעצידירן אויפצורייסן און באגראבן אונטער די כורבות אלץ, וואס איז לעבעדיק אין אלקאזאר. עס ווערט נאך געמאכט די לעצטע אנשטרענגונג. דער עלטסטער מיטגליד פון דיפלאמאטישן קארפוס און אמבאסאדאר פון טשילי אין מאדריד, דער געערטער זאקן נונעז מארגאנדא, שלאגט זיך פאר צו גיין אונטערהאנדלען אין אלקאזאר. אבער פון דארט ווארפט מען אים ברוטאל אפ זיין אפערטע.

— אויב דער אמבאסאדאר פון טשילי וויל עפעס פון אונז זאל ער זיך ווענדן דורך דער פארמיטלונג פון זיין רעגירונג צו אונזער רעגירונג אין בורגאס — דאס איז דער ענטפער.

די רעפובליקאנישע רעגירונג האט דערווייל פארלוירן צייט, ווערטפולע צייט, פאר וועלכע זי וועט שפעטער זייער טייער באצאלן. די רעגירונג האט געוואלט באווייזן די וועלט איר נאבלקייט און הומאניטארע געפילן; האט געוואלט באווייזן פארן אייגן פאלק,

ווי טייער עס זענען איר די אייגענע אומשולדיקע קינדער, הינ־טער וועלכע די „העלדישע" פאשיסטן פון אַלקאַזאַר באַשיצן זיך.

אַנשטאַט 400 פרויען און קינדער, זענען שפּעטער געפאַלן 9 הונ־דערט מיליציאָנערן, 2 טויזנט געפאַנגענע זענען דערשאָסן געוואָרן און פון דאנקבאַרקייט פאַר די איידעלע געפילן פון אומציווילי־זירטע אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן, איז די ערשטע אַרבעט פון די באַפרייטע פון אַלקאַזאַר געווען — אויסשעכטן און אויפרייסן מיט דינאַמיט אַלע פאַרוואונדעטע פון די שפּיטעלער אין טאַלעדאָ.

...און אַלץ, וואָס איז שוואַרץ אויף דער וועלט האָט באַגריסט און באַוואונדערט : „די לעגענדאַרע העלדן" פון אַלקאַזאַר...

אין סאָף אויגוסט 1936, בין איך געווען אין טאַלעדאָ. איך בין געווען צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער זשורנאַליסטקע פון סאָציאַליסטישן „פּאָפּילער" אין פאַריז רענע לאַפּאַן. (רענע לאַפּאַן איז מיט צוויי טעג שפּעטער געפאַלן באַזוכן די פראָנטן פון קאָרדאָ־ווע. פאַרנדיק ביינאַכט, האָט דער שאָפער פאַרבלאָנדזשעט אויף דער פאַשיסטישער טעריטאָריע. די פאַשיסטן האָבן געעפנט אויף זיי א שיסעריי און רענע לאַפּאַן צוזאַמען מיטן מיליציאָנער, וואָס האָט זי באַגלייט זענען געהאַרגעט געוואָרן. איך האָב זיך דאַן באַשטימט צוזאַמען מיט איר צו פאָרן, צופעליק האָב איך זיך פאַרשפּעטיקט און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם טויט). זי האָט מיר דעמאָלט געזאָגט וועגן די מיליציאָנערן, אַז זיי האָבן גרויסע הערצער. מיר האָבן געקלעטערט איבער די שמאָלע געסלעך באַרג אַרויף, וווּ עס זענען געווען וועגט פון זעק זאַמד אָדער מאַטראַצן, פון דאָרט האָט מען אַריינגעשאָסן אין די פענצטער פון אַל־קאַזאַר.

מיר זענען אוועק באַזוכן די גרויסע אַמוניציע־פאַבריק אין טאַלעדאָ, וואָס איז דעמזעלבן טאָג באָמבאַרדירט געוואָרן, און די אַנאַרכיסטישע וואַך האָט אונדז ניט דורכגעלאָזן. דער קאַפּיטאַן האָט געפּרוווט אינטערווענירן אָבער זעענדיק די געפערלעכע אַקשאַנעס פון די צעהיצטע וואַך־לייט, האָט ער זיך שרעקעוודיק צוריקגעצוי־גען.

די אַלע פּאַפּירן פון קריג־מיניסטעריום גייען זיי ניט אָן. זיי אָנערקענען ניט די רעגירונג — נאָר א סטעמפּל פון דער מי־ליציע...

מיר פאָרן צוריק אין שטאָט. די גאַנצע צייט הערט זיך א שיסעריי. מיר לאָזן שטיין דעם אויטאָ פאַרן פּלאַץ פון דער קאַ־

טעדראַל און לאָזן זיך צופוס צו די הויכן פון דער שטאָט, ווו עס געפינען זיך די פאַרפעסטונגען ארום אַלקאַזאַר. פון דאַנען זעט מען דעם צעשטערטן טייל פון דער רעכטער זייט.

די גאַסן זענען פול מיט מענטשן. ביים אריבערגיין פון איין גאַס אויף דער אַנדערער קען מען געטראָפן ווערן פון א קויל. אָבער די מענטשן ווייזן אויס שוין צו זיין צוגעוווינט צו דעם און לייגן ניט קיין גרויס אַכט... צווישן די באַוואָפנטע, וואָס דרייען זיך דאָ ארום זעט מען צומערסטן שוואַרץ־רויטע טיכלעך.

מיר זענען אוועק צום שטאַב פון דער מיליציע. דער קאָמענדאַנט באַרצעלאָ, א מענטש מיט אן אַטלעטישע פיגור, מיט פאַרבאַלעמטע אויגן נעמט אונז אויף.

— צי איז עמעס, אַז די פרוי פון קאָמענדאַנט מאָסקאַרדאָ איז פריי ?

— יאָ — ענטפערט באַרצעלאָ, ווי עס וואָלט געווען א זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט.

— דאָס איז גרויסמוטיקייט !...

רענע לאַפּאַן איז געווען גערעכט : — זיי האָבן גרויסע הערצער...

יאָ, זיי האָבן דערפאַר באַצאָלט א טייערן פרייז ; זער א טייערן פרייז !...

## די שכיטע אין באַדאַכאָז

די פּראָווינץ עסטראַמאַדורע, ליגט אויף מאַירעוו, לענגוים די פּאָרטוגעזישע גרענעץ.

די ערשטע וואָכן נאָכן אויסברוך פון פאַשיסטישן אויפשטאַנד זענען די פראָנטן געווען פונאַנדערגעריסן אויף קליינע סעקטאָרן איבערן לאַנד, אָן פאַרבינדונג איינע מיט די אַנדערע. אזוי איז געווען ביי די רעבעלן און נאָכמער — ביי די רעפּובליקאַנער.

דער גענעראַל פראַנציסקאָ פראַנקאָ איז אין אָנפאַנג אויגוסט געקומען קיין סעווילע און איבערגענומען אונטער זיין קאָמאַנדע די גאַנצע דאָרעם־אַרמיי. זיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען, פאַרייניקן דעם דאָרעם־פראָנט מיטן צאָפן, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער פירונג פון גענעראַל מאָלאָ. דורכן צענטער, דורך מאַדריד

און גוואַדאַראַמאַ, איז עס אומעגלעך געווען; אָפּגערעדט פון מיזרעך־וואַלענציע.

בורגאָס, אויף צאָפן איז אָפּגעטיילט פון סעווילע, אויף דאָ־רעם, מיט אַ שטאַרקן בלאָק פון די רעפּובליקאַנישע פּראָווינצן: — וואַלענציע, ניי־קאַסטיליע, עסטראַמאַדורע. קיין שום שנעלע אָפּענסיווע איז ניט מעגלעך געווען אויף אַנדערע פראָנטן, אויסער לענגווים דער פּאָרטוגעזישער גרענעץ און עסטראַמאַדורע. דערצו איז עסטראַמאַדורע גענוג ווייט פון רעפּובליקאַנישן צענטער און פּאָרטוגאַל, ווי אַ זיכערער באַשיצער, ליגט הינטער די פּלייצעס דורך וועמענס גרענעצן היטלער, מוסאָליני און סאַלאַזאַר וועלן קענען באַשפּייזן מיט געווער, טעכניקער און טרופּן.

באַדאַכאָז געפינט זיך זעקס קילאָמעטער פון דער פּאָרטוגעזי־שער גרענעץ און ציילט 40 טויזנט איינוווינער. זי געהערט, צוזאַ־מען מיט קאַסערעס צו די צווייַ רעזידענצן פון דער פּראָווינץ.

דער אַנגריף האָט באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן לענגווים פון דער באַן־ליניע, וואָס פירט פון באַדאַכאָז קיין מערידאַ. נאָכדעם ווי מערידאַ איז געוואָרן פאַרנומען פון די רעבעלן, איז באַדאַ־כאָז איין פיר טעג ארום ארומגערינגלט און אָפּגעשניטן געוואָרן פון יעדער פאַרבינדונג. די רעגירונג פון מאַדריד האָט געשיקט אַ קאָלאָנע פון 950 מיליציאָנערן צוהילף קיין באַדאַכאָז, אָבער זיי זענען אויפן וועג צעקלאַפּט געוואָרן. פיר הונדערט פון זיי זענען געפאַלן אין די קאַמפּן. די איבעריקע, האָבן זיך אונ־טערגעגעבן און זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן, איינס ביי איינס, פון די לעגיאָנערן און מאַראָקאַנער טרופּן.

דעם 12־טן אויגוסט איז באַדאַכאָז ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, איבערן הימל פליען אומבאַשטראָפט די יונקערס און שאָען נאָך שאָען פאַלן באָמבעס מיט... טראַקטן אויף דער פרייער, שוצלאָזער שטאָט, וואָס איז שוצלאָז קעגן די לופט־אַנגריפן. אין די בלעטלעך, וואָס ווערן געוואָרפן פון די פאַשיסטישע אַוויאָנען זאָגט זיך: „מיר פאָדערן פון אייך, אז איר זאָלט זיך אונטער־געבן, וואָס לענגער איר וועט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אַלץ טייע־רער וועט איר באַצאָלן. גיט אונז ארויס אייערע פירער; בלויז דורך דעם, וועט איר קענען אויסמיידן אַ שכיטע. אונזער זיג איז זיכער. קיין שום ווידערשטאַנד וועט אונז ניט קענען איינ־

האַלטן. גיט זיך אונטער ווי לאַנג איר האָט צייט. מאָרגן וועט זיין צו שפּעט".

אַלס ענטפער האָבן די באַלאַגערטע פון באַדאַכאָז ארויסגענומען די צוויי אַלטמאָדישע מינען־וואַרפער, וואָס זענען שוין געווען באַשטימט פאַרן קריג־מוזעום, מיט די געבליבענע צוויי מיטראַיעזן און אוועקגעשטעלט אויף די דעכער, ביים אריינגאַנג פון שטאָט, קעדיי אויפצונעמען די אינוואַזיע־אַרמיי פון די מאַראָקאַנער, וואָס די קריסטלעכע ציוויליזאַציע האָט אין מיטלאַלטער פאַריאָגט פון שפּאַניע און האָט זיי איצט צוריקגעבראַכט, קעדיי צו ראַטעווען זייער ציוויליזאַציע... פויערים מיט רידעלס, מיט יאַגד־ביקסן, האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער און זיך פאַרבאַריקאַדירט; פרויען האָבן געגרייט הייס וואַסער צו גיסן דורך די פענצטער.

אָבער, ווי זאָגט זיך דאָרט אין פאַשיסטישן אויפרוף: „קיין שום קראַפט וועט זיי ניט אָפּהאַלטן..." די שטאָט האָט געברענט פון די קעסיידערדיקע אונטערצינד־באָמבעס, וואָס די אַוויאָנען האָבן געוואָרפן אויף איר. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע טאַנקען. די לעגיאָנערן מיט די מאַראָקאַנער זענען אוועק פון הויז צו הויז, פון שטיין צו שטיין און יעדער מעטער איז פאַרנומען געוואָרן נאָכדעם, ווי דער לעצטער פאַרטיידיקער איז געפאַלן.

נאָכדעם ווי די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער קאַרנאַוואַל: יעדער פאַרטיידיקער אָן אונטערשיד, פרוי, קינד, יונג, אַלט, ווערט אַוועקגעפירט אויפן טאָראָ־פּלאַץ און מאַסנווייז צעשאָסן. די גאַסן זענען איבערפולט מיט טויטע. מאַסן־עקזעקוציעס קומען פאָר אין דער אָנוועזנהייט פון טויזנטער צוקוקערס. קיין לעבעדיקער אַנטיפאַשיסט, וואָס איז געווען אין באַדאַכאָז האָט ניט אויסגעמיטן זיין גורל. די פאַשיסטישע פּרעסע אין פּאָרטוגאַל האָט מיט טריומף דערציילט, וועגן 4 טויזנט עקזעקוציעס. דאָס הייסט פון 40 טויזנט איינוווינער, וואָס די שטאָט פאַרמאָגט זענען 10 פּראָצענט געוואָרן אויסגעקוילעט. אָבער אפילו דאָס איז אונטערגעשאַצט.

לאָמיר אָקאָרשט אויסהערן אַ לעבעדיקן איידעס, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייטן צו זען מיט אייגענע אויגן דאָס גרויזאַמסטע און שרעקלעכסטע, וואָס די מענטשהייט האָט אַמאָל געקענט. דאָס איז דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט דזשעי אַלען. ער איז צו יענער צייט גראָד געווען אין פּאָרטוגאַל. די שורעס זענען געשריבן

אין א פּאָרטוגעזיש גרענעץ־שטעטל, ווו ער האָט זיך געהאַט נאָר וואָס אומגעקערט פון באַדאַכאָז און שטעלט מיט זיך פאָר א קלאַסישן שאַנד־דאָקומענט קעגן די געקויפטע באַנדעס פון די „נאַציאָנאַליסטן".

אָט וואָס אַלען דערציילט :

דאָס איז די שוידערלעכסטע געשעעניש אין מיין לעבן, וועלכע עס איז מיר ווען עס איז אויסגעקומען דורכצולעבן. איך שרייב פאַרטאָג. נעשאָמע און גוף צעוויטיקט.

איך קום פון באַדאַכאָז, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמע־טער אויף דער צווייטער זייט גרענעץ.

קומענדיק אַהער בין איך ארויף אויפן דאך, קעדיי צו וואַרפן נאָך א בליק אויף הינטן. אַ פייער ברענט אין באַדאַכאָז. מענטשלעכע קערפּערס זענען געוואָרן פאַרברענט. 4 טויזנט מע־נער און פרויען זענען געשטאָרבן אין באַדאַכאָז. לעגיאָנערן און מאָרן פון גענעראל פראַנקאָ, זענען אריין אין דער שטאָט טרע־טענדיק איבער די טויטע קערפּערס פון זייערע אייגענע מענטשן.

עס פייניקן מיך די אַלע בילדער פון דעם, וואָס איך האָב געזען. איך האָב אין מיינע אייגענע האָר דעם רייך פון בלוט. איך האָב איבער דער וואַנט אַ פרוי, א שאָכנטע, וואָס שלוכצט און ספּאַזמירט.

— וואָס איז איר אײַנגעטלעכער ? — פרעג איך דעם פאַרשלאָ־פענעם פאַרשוין, וואָס דרייט זיך ביים הויז אַלס נאַכט־וועכ־טער.

— דאָס איז א שפּאַנישע — זאָגט ער — זי איז געקומען, ווייל זי האָט געגלויבט, אז איר מאַן איז געלונגען צו אַנטלויפן פון באַדאַכאָז. — נו, עס איז אים ניט געלונגען ? — יאָ, עס איז אים געלונגען. מען האָט אים אָבער דאָ געפינען און צו־ריקגעשיקט... און היינט באַגינען איז ער דערשאָסן געוואָרן.

— ווער האָט אים צוריקגעשיקט ? — אונזער אינטערנאַ־ציאָנאַלע פּאָליציי ! נאָך קיינמאָל האָב איך ביי אַ מענטש ניט געפילט אזוי פיל אויסדרוק פון שאַנדע און רעוואָלט אין די אויגן, ווי ביי אָט דעם פאַרשלאָפענעם נאַכט־וועכטער.

איך וועל פּרוון איבערגעבן מיינע איינדרוקן לויט א כראָ־נאָלאָגישן סיידער — שרייבט ווייטער אַלען.

עס איז געווען 8 אין דער פרי, ווען איך בין מיט מיינע

באגלייטער אנגעקומען צום בארג עלוואס. איך בין געווען גלייב איך דער ערשטער רעפּארטער, וואָס איז אריין אין שטאָט.

איך האָב שוין געקענט באדאכאָז. דאָס פאַרגאַנגענע יאָר האָב איך פיר מאָל באזוכט די שטאָט, קעדיי צו פאַרשאַפן זיך די נויטיקע דאָקומענטן, פאַר מיין בוך וועגן דער אגראַר־רעפאָרם. וואָס האָט געקענט ראטעווען די רעפּובליק. די רעפּובליק, וואָס פּאַרא זי האָט ניט געזאָלט זיין, האָט געגעבן דעם לאַנד שולן און האָפענונג — זאכן, וואָס שפּאַניע האָט ניט געקענט זינט יאָר־הונדערטער.

איך בין אָנגעקומען קיין באַדאכאָז ניין טעג נאָכן פאַלן פון דער שטאָט. די רעבעלן האָבן פאַרגעזעצט זייער מאַרש.

פון פּרעסע־שטאַנדפּונקט זענען ניין טעג א געוואַלדיקע צייט, אָבער באַדאכאָז איז איינע פון די היסטאָרישע מיסטעריעס, ווו דער עמעס וועט זיך ניט אָדורכשלאָגן אזוי פרי. אָט פאַרוואָס די פאַרשפּעטיקונג פון 9 טעג האָט מיך אינגאַנצן געלאָזן גלייכגילטיק.

ווייטער דערציילט אַלע, ווי אזוי די גרענעץ־וואך, אויפן באַפעל פון דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג, גיט איבער די פאַרפאָלגטע, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו ראטעווען, אויף דער פּאָרטוגעזישער זייט, אין די הענט פון די רעבעלן.

דער גרענעץ־פּאָליציאַנט, א פלאַפלער, זאָגט מיר:

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז מיר געבן זיי איבער די אַנטלאָפענע. זיי זענען געפערלעך פאַר אונז. אין איצטיקן מאָמענט דאַרפן מיר ניט קיין רויטע אין פּאָרטוגאַל.

— און אזיל־רעכט ?

— מען לאַכט זיך אויס — זאָגט דער פּאָליציאַנט — באַדאכאָז פאַרלאַנגט מען זאָל זיי ארויסגעבן.

— קיין שום געזעץ דערלויבט ניט ארויסצוגעבן פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס.

— אָבער מיר מאַכן עס שטענדיק אויפן באַפעל פון ליסאַבאָן

— פאַרענדיקט ער, ווי ער וואָלט געוואָלט, אז מען זאָל שוין לאָזן צורו.

מיר קומען אריין קיין עלוואס.

— נעכטן — זאָגט מען מיר — איז אין באַדאכאָז פאָרגעקומען א פייערלעכע צערעמאָניע. מיטן אָנטייל פון דער שטאָ־

טישער מוזיק און מיט אלעם, וואָס מען דאַרף ; מען האָט עקזע־קוטירט גרופּנווייז אויף א פּייערלעכן אופן. 7 שעפן פון „פּרענ־טע פּאָפּולאַר" זענען עקזעקוטירט געוואָרן ביי דער אָנוועזנהייט פון דריי טויזנט צוקוקער. דער ציל איז דערביי געווען צו באווייזן, אז די רעבעלן שיסן ניט קיין אנדערע, ווי ארבעטער און די, וואָס געהערן צום פּאָלקס־פראָנט.

מיר שטעלן זיך אָפּ אין דער גאס פון סאן־כואן... אלע גע־שעפטן זענען געוואָרן אויסגעליידיקט פון די נאַציאָנאַליסטן. אין די לעצטע טעג האָט מען ביי דער פּאָרטוגעזישער גרענעץ געקענט קויפן זייגערס מיט ביזשוטעריע פאר שפּאָט־ביליק : — „זיי האָבן דאָך געדאַרפט צאָלן א קריג־שטייער, ווייל מיר האָבן זיי דאָך באַפרייט" — זאָגט צו מיר מיט געבייזער, אז אָפּיציר פון די רעבעלן.

ביים סאָף פון דער גאס סאן־כואן באמערקט מען די מאסיווע קאָנטורן פון א פעסטונג. די פארטיידיקער פון דער שטאָט האָבן זיך דאָ פארשאנצט, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן און זיך באשיצט אין איינעם פון די 4 טורעמס. זיי זענען דאָ אלע לע־בעדיקערהייט פארברענט געוואָרן אָדער דערשאָסן.

לענגאויס דער מויער שפּאַנען מיר צו דער ארענע. אמאָל האָט מען דאָ געזען דעם בארימטן אָקסן־קעמפער כואן בעלמאָנטע, וואָס פלעגט ערעוו דעם קאַמף, קומען באזוכן זיינע טאָראָס, מיט וועל־כע ער וועט זיך מיט א טאָג שפּעטער דאַרפן פּאַרמעסטן. היינ־טיקן אָוונט האָט מען זיך אויך געגרייט צום מאָרגנדיקן יאָנטעוו אויף דער ארענע. נאָר אַנשטאָט טאָראָס, וועט מען זען א מאסע מענטשן, מיט געבונדענע הענט אין דער הויך.

זיי זענען געווען יונג, און די גרעסטע צאָל פּויערים אין בלויע בלוזן. אינדוסטריעלע ארבעטער אין זייערע ארבעט־קליי־דער : „די רויטע" שטענדיק, שטענדיק ווערן זיי פאַרפאָלגט.

צומאָרגנס 4 אין דער פרי, זענען זיי געוואָרן ארויסגעשטופּט אויף דער ארענע, דורכן טויער, ווו די טאָראדאָרן פלעגן ארויס־גיין צום פאַראַד פארן אָנהויב פון ספּעקטאַקל.

אויף דער ארענע האָט אויף זיי געוואַרט מאַשין־געווער. נאָך דער ערשטער נאַכט, האָט דאָס בלוט, אויף דער צווייטער זייט פון דער אָרענע, דערגרייכט די טיפעניש פון א פינגער אין פארלויף פון 12 שאָ — 18 הונדערט מענטשן, צווישן זיי עטלעכע פרויען.

18 הונדערט קערפּערס אנטהאַלטן איז זיך מער בלוט, ווי מען קען זיך עס פּאָרשטעלן. איז די נעכט איז געווען אויסער־געוויינלעך היים. מען האָט געפילט אַ שרעקלעכן רייעך... איך קען ניט און וויל עס ניט באַשרייבן.

אַזוי האָט באַשריבן די שכיטע אין באַדאַכאָז דער אַמעריקאַנער רעפּאָרטער דזשעי אַלען. דאַרף מען דען נאָך עפּעס צוגעבן ?

אין יאַנואַר 1937 האָב איך אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט אין וואַלענציע, געטראָפן דעם ערשטן אַנטיפאַשיסט, וואָס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון באַדאַכאָז ; דאָס איז געווען אַ 19־יאָריקער פויער, אַ מיטגליד פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דערזעלבער יוגנט אין עסטראַמאַדורע. אויף דער טריבונע איז ער געשטאַנען, אַ הויכער פויער מיט אַ פאַרברענט פּנים. די לאַנגע הענט זענען אומגעלומפּערט אַרויסגעקראָכן פון די אויסגעוואַקסענע אַרבל. בעיס ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין רעדע, האָבן אים טרערן גענומען שטיקן און ער האָט מער ניט געקענט רעדן. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער :

— מען האָט דערמאָרדעט מיין פאָטער, מוטער און צוויי שוועסטערן ; מען האָט פאַרגוואַלדיקט מיין געליבטע און זי שפּעטער דערשאָסן. בלוט איז שוין אַסאַך פאַרגאָסן געוואָרן, אויב עס איז נאָך ניט גענוג, וועט אויך מיינס ניט זיין צו טייער.

## די קולטור־עקספּעדיציע קיין עסטראַמאַדורע

די געזעלשאַפט פון פאָלקס־קולטור האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פירן דעם קולטור־קאַמף קעגן פאַשיזם ; צו פאַרשפּרייטן אַנטיפאַשיסטישע ליטעראַטור אויפן פראָנט, אין שפּיטעלער און קאַזאַרמעס. די געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערע שרייבער און קינסטלער. איינער פון אירע באַשעווסטע מיטאַרבעטער איז ראַמאָן סענדער, וואָס האָט באַקומען דעם שפּאַנישן ליטעראַטור־פּרייז פון 1936 פאַר זיין בוך „זיבן רויטע זונטיקן”.

דער יונגער פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפט, טאָמאַס גאַר־



פויערים־פארטיזאנער פון עסטראמאדורע באַשיסן די ארמיי פון גענעראל פראנקאָ.

ציא, דערציילט וועגן זיינע פארדינסטן פאר דער רעוואָלוציאָנע־רער ליטעראטור און זיין ארבעט צווישן די אַנטיפאשיסטישע שרייבער און קינסטלער. אויסערדעם גיט אונז גארציא איבער, אז סענדערס פרוי איז דערשאָסן געוואָרן פון די פאשיסטן. ראַ־מאָן סענדער איז אַ מיליציאָנער און ער איז איצט געקומען פון פראָנט אויף אורלויב. טאָמאָס גארציא נוצט אויס אַ מאָ־מענט, ווען סענדער איז אוועק אין אַ זייט, קעדיי דאָס צו דער־ציילן. ער פארענטפערט זיך דערביי פאר דער באַשיידנקייט פון זיין כאַווער סענדער, ווייל ער אַליין דערציילט וועגן זיך גאָר־ניט...

— די קולטור־געזעלשאפט — זאָגט מיר גארציא — איז אן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע. מיר פאַרשפּרייטן ליטעראטור פון אַלע פאַרטייען, וואָס געפינען זיך איצט אין קאַמף קעגן פאַ־שיזם. מיר פאָרן מאָרגן צו די פראָנטן פון עסטראַמאַדורע, קומט מיט אונז מיט און איר וועט זיך באַקענען מיט אונזער ארבעט.

איך שטים גערן איין.

אין אַ מאַרקיזן־הויז אויף דער סאַקראַמענט־גאַס איז איינ־געאָרדנט דער שטאַב פון קולטור־קאַמף קעגן פאַשיזם. די נאַכט פאַרן ארויספאָרן פון דער עקספּעדיציע ווערן צוגעגרייט די פּעק־לעך צייטונגען, בראָשורן און ביכער.

צוגעגרייט דאָס אַלץ, באַווייזט מען צו כאַפּן אַ דרעמל ביז 4 פאַרטאָג. מען הערט שוין דעם סיגנאַל פון אויטאָ, מען דאַרף אים אָנפילן מיט די צוגעגרייטע פּעקלעך. דער אויטאָ — דאָס איז אַ באַוועגלעכער קולטור־הויז, מיט אַלע איינריכטונגען פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. פון ביידע זייטן שופלאַדן מיט ביכער, בראָ־שורן און צייטונגען ; אַ מעכטיקער הויך־רעדער, אַ פּאַטעפאָן מיט פּליטן, ראַדיאָ און לייוונט אויף צו דעמאָנסטרירן פילמען. פון פאָרנט צוויי גרויסע אַפּישן אַריינצוטרעטן אין 5־טן רעגימענט, און אויף די זייטן די אויפשריפטן : „1־טער עקיפּ פון פאָלקס־קולטור און קולטורעלן קאַמף קעגן פאַשיזם".

אין אויטאָ געפינען מיר זיך 7 מענטשן, צווישן וועלכע דער באַקאַנטער יידישער ארבעטער־טוער אין אַמעריקע, רעדאַקטאָר פון „מאָרגן פרייהייט", מיילעך עפּשטיין. דער אָנפירער פון דער עקספּעדיציע איז אַ יונגער סטודענט פון דער פאַראייניקטער סאָציאַ־ליסטישער יוגנט.

דער אויטאָ שטופּט זיך דורך די ענגע געסלעך, און שניידט די שטילקייט פון די מאַדרידער גאַסן.

פאַרשלאָפענע פּאַטרולן באַגריסן אונז אויפן וועג. ביי די קאַזאַרמעס זיצן די וועכטער, אָנגעלענט אויף זייערע ביקסן און האַלטן האַלב־פאַרמאַכט די אויגן. זיי רייסן זיך אָפּ פון זייערע ערטער, הערנדיק דעם גערויש פון אויטאָ. מיר זענען שוין הינטער דער שטאָט. די פּויערים אויף די פעלדער גרייטן זיך צו זייער טאָג־ארבעט. אויף די האָריזאָנטן, פון הינטער די בערג, שטעקט שוין די זון אַרויס אַ פּייערדיקע האַלב־קויל. ווי אַ פּאָמעראַנצן־רעפּ־טעל און, ווי באַגלייטנדיק אונז, רוקט זי זיך ביסלעכווייז, ביסלעכ־ווייז אַריין אין מיטן הימל.

דאָס ערשטע דערפל, וווּ מען שטעלט זיך אָפּ, הייסט נאַ־וואַלקאַרנעראָ. דער פּאַטעפאָן שפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" מיט דעם ריעגאָ־הימן. די צייטונגען און בראָשורן ווערן שנעל צעכאַפּט, ארום אויטאָ זאַמלען זיך אַ הונדערט פּויערים. זייערע אָפּגעריסענע, מיט צווישן־נאַכהענגענדיקע קליידער, זאָגן איידעס אויף אַ שרעקלעכער אָרעמקייט. דער אָנפירער פון דער עקספּע־דיציע האַלט אַ קורצע רעדע, רופנדיק צו פּאַרטיידיקן די רעפּובליק און די פרייהייט. ביים שטאָט־ראַט איז מען אונז מעכאַבעד מיטן נאַציאָנאַלן מאַיכל „משוראָ", אַזעלכע געבויגענע שטעקלעך גע־מאַכט פון מעל און געפּרעגלט אויף אייל. מיר כאַפּן אַ קאַפּע און פאָרן ווייטער.

די שניטער אויף די פעלדער באַגריסן אונז. לאָזן שטיין די ארבעט און לויפן כאַפּן די צייטונגען. פּויערים, רייטנדיק אויף זייערע מויל־אייזלען, ביילן פויסטן, לאָזן זייערע אייזלען און לוי־פען נאָך די פליענדיקע צייטונגען, וואָס דער אויטאָ וואַרפט פון זיך אַרויס.

טעלאַווערא דע לאַ רענאַ. דאָ זעט מען צווישן די רויטע פענער אויך אַסאַך רעפּובליקאַנישע. דאָס שטעטל געפינט זיך אין דער פּראָווינץ פון טאָלעדאָ און פאַרמאָגט אַסאַך פּויערים, באַ־לעבאַטים פון קליינע ווירטשאַפטן.

אין שטעטל געפינט זיך אַן אַנאַרכיסטישע קאָלאָנע אויפן וועג צום פראָנט. אַ קאָלאָנע אָן דיסציפּלין און אָן אַ פירער... צוויי טעג געפינען זיי זיך שוין אויפן וועג און וואָלטן שוין פון לאַנג געדאַרפט זיין אויפן פראָנט אָבער קיינער ווייסט ניט פאַר־וואָס זיי זוימען זיך אַזוי לאַנג.

אונזער אויטאָ געפינט זיך אין צענטער פון שטאָט און אַר־בעט אינטענסיוו. ווער עס פאַרלאַנגט אַ „מונדאָ אָברעראָ", ווער אַ „צ. נ. ט." (צענטראַל־אָרגאַן פון די אַנאַרכיסטישע סינדיקאַטן) — יעדער באַקומט וואָס ער וויל. קינדער זשומען ווי די פליגן, שטייען אַרום אויטאָ און שרייען: „גוטער מענטש, גיט אַ פּאַפּיר!" מאַמעס קומען אַרויס, גאַנצע פאַמיליעס שטעלן זיך אין דער ריי. ביים באַקומען די צייטונג רעכנט יעדע אויס פאַר וויפל נע־באַשעס זי דאַרף אַלץ: פאַר דעם מיידל, פאַר דעם קליינעם און פאַר דעם יינגסטן...

דער אויטאָ רירט זיך און ווערט באַגלייט פון טומלדיקן קליינוואַרג, וואָס הערן ניט אויף נאָכצולויפן און בעטן מען זאָל זיי געבן „פּאַפּיר". די וואַד־פּאַסטנס אויפן וועג ווערן גוט באַ־דינט. פאַר די שפּיטעלער ווערן געמאַכט ספּעציעלע פּעקלעך פון ביכער, בראָשורן און צייטונגען. פון ווייטנס זעט זיך אַ כורווע פון אַ שלאָס, וואָס שטאַמט נאָך פון 15־טן יאָר־הונדערט. מיר דערנענטערן זיך צו אַראָפּעסאַ. דאָ געפינט זיך דער שטאַב. פון דאַנען ביז צום פראָנט זענען 30 קילאָמעטער. מיר זענען דאָ נאָך אַלץ אין דער פּראַווינץ טאָלעדאָ. דאָ זענען נאָך געבליבן די שפּורן פון דער אַראַבישער הערשאַפט. ביים אַריינגאַנג צום מאַרק פון שטאָט אַ טויער און איבערן טויער, אַ הויכער טורעם מיט אַ גלאָק. דער מאַרק — אַ פּירקאַנטיקער, אַרומגערינגלט מיט הייַ־זער באַפּוצטע מיט קאַפלעס און מאָזאַיקעס.

צווישן די קאָלאָנעס מיליציאָנערן, וואָס געפינען זיך דאָ, איז פאַראַן אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: „מיר אַביסינטשיקעס"...

מיר פאָרן צום פראָנט.

נאַוואַלמאָראַל דע לאַ מאַטאַ. די געגנט קאַסערעס. דאָס ער־שטע שטעטל פון עסטראַמאַדורע. גוואַדאַלופּע איז ניט ווייט פון דאַנען. דאָרט געפינט זיך אַ מאָנאַסטיר. אין מאָנאַסטיר האָבן זיך פאַרשאַנצט די פאַשיסטישע אויפשטענדלער און ווילן זיך ניט אונטערגעבן. פונקט, ווי אין אַלקאַזאַר פון טאָלעדאָ.

אַנטלויפנדיקע פּויערים מיט זייערע פרויען און קינדער, קו־מען אונז אַנטקעגן אויפן וועג און דערציילן, אַז די פאַשיסטן גייען פאָרויס. מיר פאָרן ווייטער. מיר שטעלן זיך אומעטום אָפּ פונאַנדערצוטיילן ליטעראַטור. נאָכן אָפּפאָרן ביי 20 קילאָמעטער — מען הערט שיסן. מיליציאָנערן אויסגעמישט מיט פּויערים

שלעפן זיך מאַסנווייז צוריק : „זיי אוואַנסירן — מעלדעט מען אונז פון אַלע זייטן — קערט אייך אום און אַנטלויפט !" דער יונגער פירער פון דער עקספּעדיציע הערט ניט די אַלע טאַינעס און הייסט דעם שאָפער פאָרן פּאַמעלעך פאָרויס.

איבער אונדז האָט זיך צעברומט אַן אַוויאָן. אין אַ ווײַלע אַרום — אַן אויפרייס, אַ צווייטער. פון אַ מאַשין־געווער פאַלן שוין אַהער קוילן — מען באַשיסט די עקספּעדיציע. ערשט איצט דרייט זיך אויס דער אויטאָ און אַנטלויפט אין גרויס איילעניש.

מיר קערן זיך אום קיין אַראַפּעסאַ. עס איז שוין פאַרנאַכט. ווען מיר פאָרן אַרויס פון אַראַפּעסאַ, באַגעגענען מיר די אַנאַר־כיסטישע קאָלאָנע וואַרטן ביי דער שטאָט, אויף זייערע אויטאָס, אין דערוואַרטונג אומאָרדענונג, נאָך ניט באַוויזנדיק צו זיין אויפן פראָנט. זיי שטעלן אונדז אָפּ און פאַרלאַנגען מיר זאָלן מיטנעמען צוויי דעזערטערן. ווען אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכער זאָגט זיך אָפּ דאָס צו טאָן, לאָדן זיי אָן די ביקסן און דראָען ניט צו לאָזן אָפּפאָרן. דערווייל זענען צוויי ציטערדיקע פאַרשווינען אַריינגע־שפּרונגען אין אויטאָ און פאַרוקט זיך אין אַ ווינקל. פאַרן אויטאָ שטייען די צעהיצטע אַנאַרכיסטן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, קריגן זיך און שרייען מיט ווילדע קולעס : — קיינעם קען מען ניט צווינגען — זאָגן זיי — צו זיין אויפן פראָנט... יעדער איינער איז פירער איבער זיך.

אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכער, זעענדיק, אַז דאָ מיינט מען ניט אויף קיין שפּאַס ; אַז די אָנגעלאָדענע ביקסן זענען אָנגעשטעלט אויפן אויטאָ און דאָס אָפּזאָגן מיטצונעמען די צוויי דעזערטערן קען מיט זיך ברענגען טראַגישע קאָנסעקווענצן — באַשליסט זיי מיטצונעמען.

אין נאָענטסטן שטעטל ווערן די צוויי דעזערטערן איבער־געגעבן אין די הענט פון מיליטער־קאָמיטעט.

מיר לאָזן זיך אויף די צוויי הונדערט קילאָמעטער, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון מאַדריד און שניידן דעם וועג מיט אַ שנעל־קייט פון 80 קילאָמעטער אַ שעה.

אין דער ווייטקייט ברענט אַ גרויסע רויטע קויל, וואָס באַ־האַלט זיך אָפּט אין אַ גראָען וואָלקן און שאַפט אַ פאַרבן־קאָמ־פּאָזיציע פון גרוי, ראָז, רויט, וויאָלעט. אַ מידע קייקלט זיך די זון אַראָפּ אין די בערג אַריין און פאַרשווינדט ביסלעכווייז פון האָריזאָנט. אויך די עקספּעדיציע פון פאָלקס־קולטור האָט איר

טאָג־אַרבעט פאַרענדיקט. זי שניידט איצט די פינצטערניש אויפן וועג קיין מאַדריד.

## אַנדאַלוזיע

מיר זענען צוויי יידישע זשורנאַליסטן. דאָס שפּאַנישע קריג־מיניסטעריום שטעלט צו אונזער דיספּאָזיציע אַן אויטאָמאָביל, אַ שאָפער און אַ מיליציאָנער. מיר פאָרן קיין אַנדאַלוזיע; מיר פאָרן באַזוכן די דאָרעם־פראָנטן אַרום קאָרדאָווע.

די וועגן פון אַנדאַלוזיע שפּאַלטן זיך דורך אייל־בירטן־פעל־דער און וויין־גערטנער אַן אַ סאָף, אַן אַן אָפּהאַלט. אַ גאָלדענע, בריענדיקע זון באַגלייט אונז דעם גאַנצן וועג. ווען ניט דאָס ווינטל, וואָס קומט אַריין דורך די אַראָפּגעלאָזטע פענצטער פון לויפנדיקן אויטאָ און צעטרייבט די היץ, וואָלטן מיר, דוכט זיך, צעשמאָלצן געוואָרן. די אַנדאַלוזיער שטעטלעך זענען ענלעך צו זיך. די הייזער — ווי זיי וואָלטן אויסגעגאָסן געוואָרן פון דער־זעלבער פאָרעם: נידעריק, ווייס־געקאַלעכט, פירקאַנטיק מיט דיקע מויערן און קליינע פענצטער. אַמאָל טרעפן זיך, אַז שורעס הייזער שטייען באַרג־אַרויף איינס איבערן אַנדערן. אַנדערע ווייטער אין גלייכע, פלאַכע שורעס, ווי אויסגעשטעלטע ווייסע קאַסטנס.

אויפן וועג קומען אַנטקעגן פּויערים, רייטנדיק אויף אייזלען און מויל־אייזלען מיט שווערע, אָנגעהאָנגענע טאָרבעס פון פריש־אָפּגעריסענע אייל־בירטן. הארטע פויסטן הויבן זיך אויף אונז צו באַגריסן; און די אויגן פון אונטער די שטרויענע היטן אָבער, קוקן לאַנג נאָך דעם לויפנדיקן אויטאָ.

אַמאָל טרעפט זיך אַ פּאַטראָל אויף פערד מיט אָנגעהאָנגענע צוויי־לויפעדיקע יאַגד־ביקסן אויף די אַקסלען. זייער אויסזען און קליידונג שיידט זיך מיט גאָרניט אונטער פון די, וואָס מיר האָבן געזען רייטנדיק אויף די מויל־אייזלען מיט אייל־בירטן. וואַכן שטע־לען אונז אָפּ אָפּ און דרייען דאָס פּאַפּירל, וואָס דער שאָפער ווייזט זיי, פון אַלע זייטן. דער מיליציאָנער פון קריג־מיניסטעריום נעמט זיי אַרויס פון אַ פאַרלעגנהייט און שרייט אויס: „סערוויסיאָ דע פּרענסאַ עסטראַנכעראַ דע מיניסטעריאַ דע גיעראַ!” (אויסלענדישער פּרעסע־דינסט ביים קריג־מיניסטעריום) צופרי־

דענע גיבן זיי אַ מאַך מיט דער האַנט. מיט אַ געשריי „אַדעלאַנטע!" פאָרויס.

אַנדאַלוזיע — די פּאָעזיע פון שפּאַניע. אַנדאַלוזיע, דאָס לאַנד פון „פלאַמענקאָס" און גיטאַרעס; דאָס לאַנד פון פרויען מיט פעך־שוואַרצע אויגן — לאַנגע, פאַלדענע קליידער, הויכע פריזורעס און „קאַסטאַניעטן". פון דאַנען שטאַמען דאָס די אַראַבישע, מעלאַנכאָלישע „פלאַמענקאָס". אָט די קרעכצנדיקע, לאַנגע שטימע־וויבראַציעס, וואָס ווערן געזונגען איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס ציען די געשאָמע אַרויס און שפּאַניאָלן שרייען פון עקסטאַז: „אָלעי! אָלעי!"

אַנדאַלוזיע איז אויך דאָס קלאַסישע לאַנד פון „סעניאָריטאָס" און „לאַטיפונדיעס". צו זיי האָבן געהערט אָט די מעכטיקע וועלדער און פעלדער פון איילבירטן און ווייַן. די פּויערים, ווי לייב־אייגענע, האָבן געאַרבעט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג און זעלטן פאַרזוכט פון אָט די פרוכטן.

אַנדאַלוזיע איז באַרימט מיט גרויסע פּויערים־שטרייקן פון 1935 און מיט קאַמפן צווישן די פּויערים און ציווילער גוואַרדיע. נאָכן 18־טן יולי 1936 האָבן די פּויערים פאַרטריבן מיט רידלעס און יאַגד־ביקסן זייערע הערן און גענומען פאַר זיך די פעלדער.

מיר האָבן זיי געזען אין די באַגילטע פרימאָרגנס גיין צו דער אַרבעט מיט געזאַנג. עס איז עפּשער דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, ווי זיי זענען אוועק אין פעלד אַריין, ווען די זון איז שוין געווען אין מיטן הימל; עס איז עפּשער דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, ווי זיי זענען אוועק אַפּאַרבעטן אַ מענטשלעכן אַרבעט־טאָג, קעדיי צו עסן צו דער זעט די פרוכטן פון זייער פּראַצע. מיר האָבן זיך איינגעקוקט אין זייערע שיינענדיקע, פאַרברענטע פּנעמער, צו די האַרטע פויסטן מיט וועלכע זיי האָבן אונז באַגריסט. ווער האָט ניט געקענט אַרויסלייענען די פרייד פון אַ נייַ לעבן!...

מיר זענען שוין פאַרבייַ וואַלדעפּעניאַס מיט זיינע ווייַנקעלערן וועלכע האָבן אַ שעם אין לאַנד. קיינער, ווער עס פאָרט פאַרבייַ מיידט ניט אויס צו פאַרזוכן דעם גאָלדענעם טראָפּן פון לאַטס קעניגרייך. מיר גליטשן זיך איבער די שלאַנגנדיקע, געדרייטע וועגן פון די דעספּעניאַ־פּעראַ־בערג. הערלעכע לאַנדשאַפטן אַנטפּלעקן זיך פאַרן אויג; די פאַרבנרייכקייט פון די גראַניט־פעלזן, באַגלייטן אונז לאַנג, זייער לאַנג.



אַנדאַלוזער פויערים גייען צום פראָנט.

דאָס שטעטל באַילען איז באַקאַנט פון דער נאַפּאָלעאָנישער אינוואַזיע אין שפּאַניע. דאָס האָט נאַפּאָלעאָן ביי באַילען געליטן איינע פון זיינע שווערע מאַפּאָלעס. דער נאָמען באַילען איז דער־ריבער רומפול אריין אין דער געשיכטע פון דער גרויסער שפּאַנישער אומאָפּהענגיקייט־מילכאָמע.

דער סאָציאַליסטישער בירגערמייסטער פון באַילען פילט זיך אַבּיסל פאַרלוירן פון אונזער וויזיט אין זיין שטעטל. ער לויפט אַרום און ווייסט ניט מיט אונז, וואָס פריער צו טאָן. מיר באַקומען ענדלעך אַ „וואַלע" (אַ באַן) אויף עסן און שלאָפן און ווערן באַגלייט אין האָטעל אַריין. פון די האָטעל־ווענט קוקן אַראָפּ די ליידיקע רעמלעך אין וועלכע עס זענען אַמאָל געווען איינגערעמט גענעראַלן און הייליקע. דער באַלעבאָס קוקט אונז אָן מיט אויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן : יאָ, אַנדערע צייטן געווען.

פאַר אונז שטעלט זיך אָבער אַ צווייט פּראָבלעם: ווי אַזוי באַקומען אַ געלעגער אָן וואַנצן. עס איז ניט פון די לייכטע זאַכן אין באַילען... מיר האָבן טאַקע געפירט אַ גאַנצע נאַכט אַ בלוטיקע מילכאָמע מיט זיי. אינדערפרי האָבן מיר אויך געטראָפן אונזער שאָפער מיטן מיליציאָנער ביים אויטאָ מיט ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן שעלטנדיק באַילען מיט די „טשינטשעס" (אויף שפּאַניש וואַנצן).

מיר קומען אָן צום שטאָב קיין מאַנטאַרא. דאָס זענען בערערך 25 קילאָמעטער פון קאָרדאָווע. מיר ווערן אויפגענומען פון קאָמענדאַנט־קאָלאָנעל סאַראַביאַ. סאַראַביאַ איז אַן אָפיציר פון דער אַלטער אַרמיי. ער גלויבט, אַז קאָרדאָווע וועט פאַלן אין די נאָענטסטע טעג, עס פעלט אים נאָר אַוויאַציע... ער נעמט אַרויס אַ מיליטערישע קאַרטע און ווייזט אונז פון וועלכע זייטן די שטאָט איז אַרומגענומען : פון סערא מוריאַנא און וויליא פראַנקא אויף צאָפן־מיזרעך, אויף דאָרעם — לעבן קועסטאַ דעל עספּינאַ. מיר באַקומען אַ דערלויבעניש צו באַזוכן די פאָדערשטע ליניעס, און מיר פאָרן צו די אָמערסטן פאַרויסגערוקטע פּאָזיציע, וואָס געפינט זיך ביי 4 קילאָמעטער פון קאָרדאָווע. פון דער קאָמענדאַנטור באַגלייט אונז אַ קאַפּיטאַן און מיר קלעטערן באַרג־אַרויף צום אָבסערוואַציע־פּונקט.

לאַנג קריכן מיר באַרג־אַרויף און די היץ ברענט אָן ראַכמאָנעס. סאָלדאַטן ליגן באַדעקט מיט צווייגן צעוואָרפן אויפן וועג,

א פּאַנעם צו גענאַרן די אַוויאַציע. ביי אונזער פאַרבייגיין שטעקן זיי אַרויס די קעפּ און באַגריסן אונז פריינטלעך.

מיר קומען ענדלעך צו צום העכסטן פּונקט. דאָ געפינט זיך אַ כּורווע, וואָס שטאַמט, לויט דעם, ווי מען זאָגט מיר, נאָך פון די אַראַבישע צייטן. דורך די אַרטילעריע־גלעזער זעט מען דייטלעך די שטאָט, דעם סוינעס פלי־פעלד און די אַמוניציע־פאַבריק. פון אַט דער הייך ביז דעם טאָל פירט אַ ווערטיקאַלע וואַנט פון פעלזן: „דורך דאַנען וועט דער סוינע קיינמאָל ניט צוקומען" — האָט מיר דער קאַפּיטאַן געזאָגט. עס האָט זיך דערטראָגן צו אונז אַ זשומען פון אַן אַוויאָן, וואָס איז אַרויס אויפן האָריזאָנט, פון הינטער די בערג אַפער. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אומצוקערן. דער אַוויאָן איז פאַרשוווּנדן פון האָריזאָנט אויף דער צווייטער זייט, און מיר זענען אָנגעקומען צופוסנס פון באַרג.

דער הימל האָט געברענט מיט פּילפאַרביקע פלאַמען. די זון האָט אָנגעהויבן זינקען צווישן די בערג. ביי הויכע, שמעקנדיקע סאָסנע־ביימער איז געלעגן אויסגעלייגט דער קאַפּיטאַן מיט די אָפיצירן פון שטאַב אויף פעלד־בעטלעך, אָדער פאַטעלן. מיר זענען געוואָרן פאַרבעטן צום עסן. מען שפּריצט זיך אין מויל אַריין וויין פון פעלענע טאָרבעס, וואָס וואַנדערן פון האַנט צו האַנט און מען פאַרבייסט מיט געראויכערט כאַזער־פלייש. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן אָנשטעלן דעם פּאַטעפאָן. „פלאַמענקאָס", וואָס דערמאָנען אין מידבער און אין אַראַבער, צעגייען זיך אין ווייטע עכאָס... אייזלען, באַלאָדן מיט שווערע טעפּ וואַרעמס, קלעטערן מיט בוילע טריט צו די הייכן, וווּ די מיליציאָנערן אין די פאָדער־שטע פּאָזיציעס וואַרטן אויף זיי.

אַרום אונז פּאָרעט מען זיך און מען דערלאַנגט פּרוכטן, ציגאַרן און קאָניאַק. מען דאַרף זיין אויף דער וואַך איבער זיך, קעדיי ניט צו פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך אויפן פראָנט.

ניט ווייט פון דאַנען פליסט אַ טייך מיטן נאָמען גוואַדאַלקיוויר. דער טייך פלוסקעט ליבלעך, און שפּילעוודיק מיט זיין אַש־גרינעם קאָליר אין זיין אַנדאַלוזיש געלעגער צווישן איילבירטן־בערגן.

גוואַדאַלקיוויר איז אַן אַנדאַלוזער טייך פון אָנהויב ביזן סאָף: ער קומט פון די גרענאַדער בערג; פון די אייביקע שנייען אויף „סיערא ניעוואַדא" און לויפט פאַרביי אין האַלב־קרייז די פּראָווינץ דורך קאָרדאָווע, סעווילי‍ע, ביז ער ווערט פאַרשלונגען ביי

קאַדיקס פון אַקעאַן. לויפט דער טייך אזוי דורך אַלע דוירעס און צייטן און צוזאַמען מיט אים זענען געלאָפן און אַפּגעבלאָסן יאָר־הונדערטער.

וויפל שטראָמען בלוט האָבן זיך אויסגעמישט אין זיינע וואַסערן, וויפל קערפּערס פון דערשאָסענע און לעבעדיק־פאַר־ברענטע פויערים האָבן זיך געוויגט אויף זיינע כוואַליעס? דאָס זענען קאַרבאָנעס פון קאַסטראָ דעל ריאָ, באַענאַ און אנדערע שטעט, ווי די מאַראָקאַנער און לעגיאָנערן, האָבן געראַובט, פאַרגוואַלדיקט און דערשאָסן מאַסנווייז. ניין, דאָס זענען ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַכן, דאָס האָט מען אונז אין שטאַב פון ווילאַ דעל ריאָ, ווו מיר זענען געוועזן אינדערפרי, דערלאַנגט אַ פּראָטאָקאָל מיט אַלע גרויל־טאַטן פון די פאַשיסטן.

דער טייך פלוסקעט פריינטלעך און שפּילעוודיק. און הערט אייך צו: דאָס זינגען די כוואַליעס דאָס ליד פון וועג, וואָס דער טייך מאַכט דורך: „ווו געפינט איר שענערע פּרויען, ווי פון גראַנאַדע ביז סעווילע?”

אָבער די ברעגן זיינע, האָבן אויך צו דערציילן פון שייטער־הויפן און אינקוויזיציע: דאָ האָט דאָך געהוליעט טאָרקוועמאַדע און איזאַבעלאַ די קאַטאָליקין. ביי דעם טייך, אין דעם קאָרדאָווע, אויף וועלכן איך האָב בלויז געקוקט פון דער ווייטנס, דורך אַר־טילעריע־גלעזער, האָט דאָך געלעבט מיימאָנידעס, דער „ראַמבאַם”. ביי די ברעגן פון אָט דעם טייך איז דאָך געבליבן דער יוירעש פון טאָרקוועמאַדע — קעיפּאָ דע ליאַנאָ. און אין פיר כאַדאָשים אַרום נאָך מיין זיין דאָ, וועלן קומען די אייניקלעך פון „ראַמבאַם” צוזאַמען מיט אַ צענדליק פעלקער פון 9־טן באַטאַליאָן, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. און אָט די מענטשן, וועלן קומען נעקאַמע נעמען פאַר אַלע צייטן, און אַלע לענדער פון אונטער־דריקונג. די מענטשן וועלן אין זייער פאַרצווייפלונג זיך ראַנגלען מיט אַ ווילדע נאַטור־סטיכיע. אָט מיט דעמזעלבן טייך גוואַדאַל־קיוויר, וואָס וועט דאַן זיין אַ בייזער, אַן אייז־קאַלטער און פון דער אנדערער זייט — אַרומגערינגלט פון אַ מערדערלעכן אומבאַ־ראַכמאָנעסדיקן סוינע, וואָס וועט זיי וועלן פאַרניכטן ביז איינעם. אַסאַך וועלן דאָ לאָזן זייערע לעבנס און צווישן זיי — אויך דער יידישער אַרבעטער פון פּאַריז און קאָמענדאַנט פון אַ סעקציע, סקאַלקע און דער יידישער דאָקטאָר יאַקוב אַראַגער.

איך האָב דעם דאָקטאָר אַראַגער ניט געקענט. איך ווייס בלויז,

אז אראגער האט געלאזן אז אלטן, גרייז־גראען פאטער, אז ער האט געלאזן א פרוי מיט א באקוועמע היים און איז געפארן קיין שפאניע, ווייל די בארוואנדעטע האבן ניט געהאט גענוג דאקטוי־רים ; אז ער איז געפארן מיט הונדערטער זיינע אינטעלעקטועלע קאלעגן, מיט יידישע שניידער, שטריקער און אנטיפאשיסטן פון אלע עקן וועלט. איך ווייס אויך, אז אראגער איז א טייל פון דעם, וואס ווערט אנגערופן די „עפאפיי מאנטארא". אט וועגן דעם, וואס עס האט זיך פארלאפןביים טייך גוואדאלקיוויר 4 כאדא־שים נאך מיין זיין דארט, וועל איך טאקע דערציילן.

סאף דעצעמבער 1936 איז דער 9־טער באטאליאן פון דער אינטערנאציאנאלער בריגאדע ארוים פון אלבאסעטע צו די פראנטן פון קארדאווע. אלס פאראנטווארטלעכער פאר דער מע־דיצינישער לייטונג און פארן אמבולאנס איז באשטימט געווארן ד"ר יאקוב אראגער.

דער נייגטער האט שנעל געאיילט מיט הילף, ווייל די פא־שיסטן האבן אטאקירט און זענען געגאנגען פארויס. די ציווילע באבעלקערונג אנטלויפט. פאמיליעס פון דריי דורעס שלעפן זיך איבער די וועגן מיט זייערע פעקלעך, אייזלען, קי און פערד. די מענטשן פון 9־טן באטאליאן פארן זיי אנטקיגן, פארן איינ־האלטן דעם ווילדן פארפאלגער. אבער זיי רעדן גאר אויף מאדנע שפראכן, וואס קיינער פון די אנטלויפנדיקע פארשטייען ניט. די אנדאלוזער זענען געשטאנען און געגאפט אויף די אינטער־נאציאנאלע, וואס זיי האבן געזען צום ערשטן מאל : זענען זיי טאקע געקומען פון אזוי ווייט ? אזש פון דער גאנצער וועלט ? זיי גלויבן ניט זייערע אייגענע אויגן. האבן די אנדאלוזער זיי באגלייט מיט טרויעריקע אויגן, וואס האבן גלייכצייטיק אויס־געדריקט דאנקבארקייט און באוואונדערונג : פון אזוי ווייט גע־קומען אנטקעגן זיך פאר אונז, נעקאמע נעמען פאר אונז.

דעם 23־טן דעצעמבער איז דער נייגטער ארוים פון ווילא דעל ריא פארנעמען די פאזיציע. דער דאקטאר אראגער פארט נאך מיטן אמבולאנס און וואכט געטריי איבער זיינע מענטשן.

קיין מאפעס זענען ניט געווען. אנשטאט מאפעס האט דער שטאב איז ווילא דעל ריא מיטגעשיקט אן אפיציר זיי צו ווייזן די פאזיציעס. ביי א קרייז־וועג מיט געדיכטע אייל־בירטן־וועלדער פוןביידע זייטן זענען זיי געבליבן שטיין. דער אפיציר איז צוריק אוועק אין שטאב.

פון דערזעלבער ריכטונג, ווי דער אָפיציר האָט זיך פאַר־קערעוועט איז אָנגעקומען אַ געוויש: מאָדנע — סאָלדאַטן צופוס, סאָלדאַטן אויף פערד. ווער קען עס זיין?

שנעל ווערט אַלץ אויפגעקלערט — פאַשיסטן!

זיי זענען געקומען פונקט פון דער פאַרקערטער ריכטונג ווו מען האָט זיי דערוואַרט. און דער אָפיציר פון שטאַב? האָט ער געוווסט וועגן דעם? האָט ער זיך געוואָרפן דעם סוינע אין די אָרעמס?...

די קאַמיאָנען, וואָס האָבן געבראַכט דעם ניינטן מיטן אַמ־בולאַנס פון דאָקטאָר אַראַגער זענען באַלד פאַרכאַפּט געוואָרן פון סוינע.

דאָקטאָר אַראַגער איז צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן.

אַראַגער שיסט פון אַ ביקס.

אַראַגער באַנדאַזשירט.

אַראַגער שלעפּט פאַרוווּנדעטע.

ביי די שווערסטע באַדינגונגען וואַקסט ער אויס פון אונ־טער דער ערד און איז גרייט צו העלפן.

אַ צעטומלונג, אַ צעמישונג, אַ ווילדע שיסעריי.

דאָס געדויערט אַזוי אַ נאַכט מיט אַ טאָג. אָבער דער ניינ־טער באַטאַליאָן איז נאָך אַלץ אַן אָרגאַניזירטע קראַפט.

עס איז די נאַכט פון יאַנטעוו — ווייַנאַכט. אָבער ביי די מענטשן פון ניינטן באַטאַליאָן איז עס אַ נאַכט פון שעגוען. קוילן לעבערן מענטשלעכע שאַרבנס. דאָס בלוט צעשפּרייט זיך איבערן פעלד. מיט אַ ווילע צוריק זענען עס געווען מענטשן, ווערטפולע קאָמפּלעקסן: סלאָוועניש, פּויליש, דייטש, אַי־טאַליעניש אָדער יידישע אַרבעטער און שוין האָבן זיי אויף שטענדיק אויפגעהערט צו זיין מענטשן...

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט הינטער די פּלייצעס אַ שי־סעריי. פון דערזעלבער זייט איז דערשינען קאַוואַלעריע.

— וואָס פאַרא קאַוואַלעריע?

דער ענטפער פאַלט קורץ און ברוטאַל:

— פאַשיסטישע!

— מיר זענען אַרומגערינגלט.

— צוריקציען זיך — פאַלט אַ באַפעל.

אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצן טאָג זענען מענטשן געלאָפן, געקראָכן, באַגאָסן זיך מיט בלוט און שוויס, ניט געגעסן. דאָס

אַלץ איז נאָך גאָרניט. די לײדן פון נײַנטן באַטאַליאָן הױבן זיך ערשט אָן.

בײַם ברעג פון טײַך גוואַדאַלקיוויר.

אויף דער צווייטער זייט געפינט זיך די באַפרײַטע ערד. אָבער דער טײַך איז אין דער צײַט פון יאָר אײַז־קאַלט און ווילד־שטראָמיק. עס האָט ניט געקענט זײַן קיין רײד פון שווימען אַפילע פאַר די, וואָס האָבן געקענט. קיין שום בריק ניט און פּערספּעקטיוו, קיין שיפל. עס הייבט זיך אָן דער טראַגישער גע־ראַנגל אַריבערצוקומען אַהין. פּאַניק הויבט אָן איר ווערק.

אָבער דאָקטאָר אַראַגער טוט ווייטער קאַלטבלוטיק זײַן אַר־בעט און איז פרעמד צו דער גאַנצער שטימונג. אָנגעהאָנגען די ביקס אויפן אַקסל איז ער מעדיצינישער לײַטער, סאַניטאַר, מי־ליטערישער סטראַטעג און סאָלדאַט. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין קני און הינקט שוין אויף אַ פוס. מיט דערזעלבער רואיקייט פאַרבאַנדאַזשירט ער ווייטער און גיט הילף.

פון אַ יונגן פּוילישן פאַרוואונדעטן מרעט ער ניט אָפּ די גאַנצע צײַט.

— כאָוועך דאָקטאָר דערשיסט מיך, בעט ער זיך בײַ אַראַ־גערן. אַראַגער ענטפערט מיט אַ שמייכל :

— ניין מײַן ייִנגל, ניט דאָס איז די אויפגאַבע פון אַן אַנטיפאַשיסטישן דאָקטאָר.

אין גאַייל, ווי מיט בריענדיקע פינגער קלאַפּט אַ גרופּע צונויף אַ פּראָם פון ברעטער, וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן פון הויז. אַראַגער איז ניט פון די, וואָס ווילן אַריבערשווימען מיט די ערשטע. אויפן פּראָם זעצן זיך אַרויף 25 מענטשן מיט 5 מאַשין־געווערן. דער פּראָם באַוויזט ניט אָפּצושווימען קיין 10 מעטער פון ברעג און אַלץ צערײַסט זיך און גייט אונטער. פון 25 האָבן זיך בלויז געראַטעוועט פינף.

דער באַטאַליאָן איז צעוואָרפן אויף אַלע ווינטן. ניטאָ קיין פירער. יעדער לויפט, וווּ די אויגן טראָגן, יעדער וויל זיך ראַטע־ווען. דער קאָמענדאַנט סטאָמאַטאָוו האָט זיך דער ערשטער גע־ראַטעוועט און געלאָזן דעם באַטאַליאָן אויף הפקר. סטאָמאַטאָוו וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון דעם גענעראַל וואַלטער און וועט טײַער באַצאָלן.

לענגאויס דעם ברעג געפינט זיך אַן עלעקטרישע סטאַציע, האָט זיך אַלץ געלאָזן אַהין. בײַ דער סטאַציע הויבט מען אָן צו

מאַכן אַ נייעם פּראָם. אין דעם איז וואָר אָנגעקומען און איבער־געגעבן, אַז ארויפצוצו געפינט זיך אַ בריק. אַלע האָבן זיך געלאָזן צו דער בריק.

די בריק איז שוין פאַרנומען פון פאַשיסטן. ביים דערנענטערן זיך הויבט אָן צו בילן אויף זיי אַ מאַשין־געווער. פריער איז אַ טייל פון באַטאַליאָן אריבער, איצט איז שוין צו שפּעט. עטלעכע געפאַלענע בלייבן ליגן — די איבעריקע ציען זיך צוריק.

ווייטער די עלעקטרישע סטאַציע.

ווייטער די בריק. — קומען ווייטער צוריק מיט ווייניקער מענטשן, און גייען ווייטער. אזוי אָן אויפהער, ביז אסאך פאַלן אוועק פון מידקייט און פאַרצווייפלונג און שלאָפן איין, ניט צו רירן פון אָרט. וואָס מיט זיי איז געשען וועט מען זיך שוין קיינמאָל ניט דערוויסן.

דאָקטאָר אראגער איז מיט די פאַרוווּנדעטע. זייער איינציקער פריינט, וואָס פאַרלאָזט זיי ניט. די געזונטע האָבן פאַר זיך אליין ניט קיין אויסוועג און דערצו פאַלגן שוין מער ניט די פיס.

אַ נייער טאָג האָט אָנגעהויבן זיך אריינרוקן אין דער וועלט אריין. וואָס וועט ער מיט זיך ברענגען פאַר די מענטשן ביים שרעקלעכן ברעג?

אָבער אומגלויבלעך! ווי אַ קישעף, האָט דער גראָער פרימאָרגן־שיין אָנטפּלעקט אַ קליין שיפל אויפן צווייטן ברעג. אָבער ווער וועט עס אהערברענגען? ביז אהין איז עפּשער 100 מעטער און דאָס וואסער שניידט דעם אָטעם, ווי מיט אַ מעסער.

עריק, דער פּאָליט־קאָמיסאַר פון דער דייטשער קאָמפּאַניע איז אַ גוטער ספּאָרטלער. ער דערגרייכט דעם צווייטן ברעג מיט די לעצטע קויכעס. אויפן שיפל איז בלויז דאָ אָרט פאַר צוויי מענטשן. עס שווימט הין און צוריק און עטלעכע גליקלעכע ראַטעווען זיך. אויפן האָריזאָנט האָט זיך באוויזן קאַוואַלעריע. האַרצרייסנדיקע געשרייען פון פאַרוווּנדעטע רייסן דורך די לופט. די איבעריקע צעלויפן זיך אין אַלע פיר זייטן.

דאָקטאָר אראגער איז געבליבן זיצן אונטער אַ בוים און זיך ניט גערירט פון אָרט. נאַרוויטש, דער פּאָליטישער דעלעגאַט פון דער באַלקאַנישער קאָמפּאַניע, האָט אים פּאָרגעשלאָגן זיך צוצובינדן צו אַ ברעט און אזוי אריבערשווימען. אראגער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— שווים דו אריבער, האָט ער געזאָגט צו נאַרוויטשן —
איך וועל זיך דאָ אויסבאַהאַלטן ביזן אָוונט.

אַזוי איז ער געבליבן זיצן ביי אַ פאַרוווּנדעטן און ניט גע־וואָלט אָפּטרעטן.

נאַרוויטש האָט זיך צוגעבונדן צו אַ ברעט און געלאָזט זיך אויפן שטראָמיקן טייך. פון דער ווייטנס האָבן זיך געהערט די קוילעס פון די פאַרוווּנדעטע, וואָס האָבן געשריגן נאָך הילף. דאָס געשריי האָט זיך איינגעשטילט. נאַרוויטש האָט געהערט די ווילדע קוילעס פון די מאַראָקאַנער און דאָס קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס. די קוילן האָבן געשפּריצט אַרום אים אין וואַסער. מיט די הענט האָט ער אָוועקגעשאַרט טויטע קערפּערס, וואָס זענען קאַפּויער געקומען אויף דער אויבערפלאַך און דערנענטערט זיך צום ברעג. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ הינטער זיך. פון ווייטנס, האָבן אין גרויסע, ווינטערדיקן באַרטאַג, אָפּגעגלאַנצט די שווערדן פון די מאַראָקאַנער קאַוואַלעריע איבערן קאָפּ פון דאָקטאָר אַראַגער.

אָנקומענדיק אויף דער צווייטער זייט, האָט זיך נאַרוויטש אויפגעשטעלט, קעדיי צום לעצטן מאָל צו זען דעם שרעקלעכן ברעג; צו זען דעם דאָקטאָר אַראַגער. אָבער עס איז געווען אומ־זיסט: ער האָט אים שוין מער קיינמאָל ניט געזען...

ווער האָט געקענט פאַרויסזען אין יענעם אויגוסט־פאַרנאַכט אַז אין פיר באַדאַשים אַרום וועט זיך דאָ אָפּשפּילן אַזאַ שרעק־לעכע דראַמע.

מיר האָבן לאַנג געקוקט אויפן גוואַדאַלקיוויר. די אַנדאַלוזישע מוזיק פון פּאַטעפאָן, האָט אַזוי האַרמאָניזירט צו דער לאַנדשאַפט אַרום. די שפּיצן ביימער האָבן זיך געוויקט אין די לעצטע זון־טראָפּנס און מיט געפילן, ווו עס איז געווען אויסגעמישט קריג און פּאָעזיע, האָבן מיר זיך געלאָזן אויפן וועג קיין מאַדריד.

# 2 / פֿון אָקטאָבער 1936 ביז פֿעברואַר 1937

# צען יידן פֿאָרן קיין שפּאַניע

איך פֿאָר צום צווייטן מאָל קיין שפּאַניע. איך פֿאָר דאָסמאָל צוזאַמען מיט דער ערשטער גרופּע יידישע פֿרייוויליקע. דאָס זענען 10 אַרבעטער, וואָס זענען שוין אויסגעוואַנדערט פֿון וועלטן. זיי זענען געקומען פֿון בראַזיליע, רומעניע, פּאַלעסטינע, בעלגיע, דייטשלאַנד און פּוילן, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרבינדן זייער לעבן מיט דעם שפּאַנישן פֿאָלק אין זיין קאַמף פֿאַר פֿרייהייט.

האָבן זיך די צען צוזאַמענגערעדט און מיט דער הילף פֿון דער סאָלידאַריטעט־אַקציע, זיך געשאַפֿן אויף בילעטן ביז פּערפּיניאַן. אין פּערפּיניאַן זענען מיסטאָמ אויך פֿאַראַן אַרבעטער, און ביז דער שפּאַנישער גרענעץ איז ניט ווייט, וועט מען זיך שוין ווייטער דערשלאָגן.

אין אַן אָוונט פֿון כּוידעש סעפּטעמבער 1936 האָבן זיך די צען צוזאַמענגעטראָפֿן אין אַ באַשטימטע שאָ, יעדער איז פֿולער גרייט־קייט. די כּאַוויירים און פֿריינט פֿון יעדן האָבן שוין געזאָרגט, אַז זיי זאָלן האָבן אַלץ, וואָס איז נויטיק. ווער עס האָט באַקומען יאַ־רעמע וועש, ווער אַ לעדערנע קורטקע. אַ כּאַווער אַ שטריקער־אַר־בעטער האָט געגעבן אַ פּולאָווער, אַ צווייטער, אַ שניידער — אַ פּאָר הויזן. און איצט פּעקלעך מיט עסנוואַרג, וואָס יעדער האָט באַקומען צוגעשיקט.

שטיל גליטשט זיך יעדער באַזונדער אַדורך דעם וואָקזאַל און פֿאַרנעמט שטום זיין אָרט אין וואַגאָן. דער צוג רירט. אין דרויסן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ צוויי, דריי באַקאַנטע און האָבן שטום זיך געזעגנט, צוגעוואָרפֿן מיט די הענט — אַ זיי געזונט... עפּעס האָט אַ ריר געטאָן אינעווייניק... — מען פֿאַרלאָזט די ליבסטע און טייערסטע; מען פֿאָרט צום בלוטיקסטן געפֿעכט.

צי וועט מען זיך נאָך צוריקזען? ווער ווייסט? (פֿון די 10 זענען געבליבן בלויז 4, די איבעריקע זענען שפּעטער געפֿאַלן ביי מאַדריד). אָבער... באַלד ווערט אונזער קופּע איבערפֿולט מיט געזאַנג און פֿראַנצויזן זאַמלען זיך אַרום. מען אַפּלאָדירט און מען טיילט זיך מיט גלעזלעך „רוזש" אָדער „בלאַן".

נאכן אפבארן די ערשטע צוויי שא זוכט שוין מענדל, דער פרעסער פון בעלוויל, די פירענעען. ער וואלט שוין געוואלט זען די פירענעען. כאטש א שפיץ פון זיי. שלאפן איז אומעגלעך. מולקע סטאלער — דער פאלעסטינער גיט אלע וויילע אז אנדערן א קלאפ אין דער קני אריין — א סימען, אז ער האלט אים פאר א יאט.

איצט האט יעדער עפעס צו דערציילן. דער עלטסטער צווישן אונז איז דער בראזיליאנער — דער גרעסטער שווייגער פון דער גרופע. ער איז אויסגעוויזן געווארן פון בראזיליע. געקומען קיין פאריז און — קיין שפאניע. דער רומענער, אויך איינער, פון די ווייניק־רעדעוודיקע איז אנטלאפן פון קאראלס „גאנײדן" און פון די „קוזיסטישע" מערדער. דער בעלגיער, וואס האט שוין פארגעסן וויפל אויסוויזן ער האט באקומען פון בעלגישן מאלכעס, האט באוויזן צו קומען קיין פאריז אפארבעטן א וואך.

ראמאן, דער וואַרשעווער, האלט זיך פאר א הונדערט־פראצענטיקן פאליאק און רעדט וועגן פוילישן מיליטער מיט גרויס גאדלעס: ער האלט, אז נאר דער פוילישער דאמבראווסקי־באטאליאן וועט ראטעווען שפאניע פון די פאשיסטן.

ענדלעך זענען מיר אין פערפיניאן. ביים ארויסגיין פון וואקזאל ווערן מיר דורכגעשפיזט פון זשאנדארמערסקע אויגן. די ארבעטער דאקעגן, דערשמעקן גלייך ווער מיר זענען און מען פירט אונז שוין אין א לאקאל פון א פארשטאט. דא באגעגענען מיר זיך מיט איטאליענער, דייטשן און פאליאקן.

אין א קליין שטיבעלע מיט נאך א קלענער פענצטערל, וואס גייט ארויס אויף א וואנט ליגן מיר אויסגעלייגט, ווארטן ביז עס וועט צופאלן די נאכט, קעדיי מען זאל אונז קענען פירן צו דער גרענעץ. דער אוילעם אויסגעלייגט אויפן שטרוי, זינגט זיך שטילערהייט לידער און די צייט לויפט פארביי.

ווען עס הויבט אן צו ווערן טונקל פירט מען אונז גרופעסווייז אין שטאט אריין. דארט שטייען שוין גרייט קאמיאנען.

אונזער קאמיאן ווערט אנגעפאקט. איינער איז צונויפגעפרעסט מיטן צווייטן ווי הערינג אין א פאס. ארום און ארום איז ער פארמאכט. ניטא קיין לופט צום עטעמען. דורך א לאך, וואס איז פאראן אין דער פלאנדעקע רייסט זיך אריין פון צייט צו צייט, א שטראל פון א לאמטערן. ווי א בליץ לויפט ער דורך אין דער פינצטערער באוועגלעכער שטייג אנגעשטאפט מיט מענטשן.

די דערשטיקנדיקע פינצטערניש האָט זיך ענדלעך געענדיקט. אויף אַ פינצטערן שאָסיי, וואָס פון איין זייט געפינט זיך אַ הויכער באַרג און פון דער אַנדערער זייט אַ פלאַך פעלד, הייסט מען אונז אויסשטייגן.

מיר זענען איצט ביי 300 מאַן. קימאַט פון אַלע נאַציעס אין אייראָפּע: ענגלענדער, אונגאַרן, פּאָליאַקן, יוגאָסלאַוון, פראַנ־צויזן, איטאַליענער, דייטשן, עסטרייכער, בעלגיער און יידן. אַ לאַנגע שורע פון מענטשן ציט זיך הויך, העכער אויף די בערג. שטיל גייט נאָך הינטער יעדן איינעם דער שאָטן, באַלויכטן פון לעוואָנע־שיין. שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, דראַפּעט זיך יעדער אַלץ העכער און העכער.

דער געניטער בערג־פירער ווייסט אויצומיידן די גרענעץ־וואַך. ער שפּאַנט פּאַרויס איבער קרומע וועגן אין דער נאַכט, ווו קיין מענטש קען זיך ניט דורכדראַפּען. מען ווערט צעריסן פון די צווייגלעך און אַנדערע שטעכיקע געוויקסן. מען צעבלוטיקט זיך. יעדעס מאָל גיט אַ צווייג אַ שפּרונג אָפּ, וואָס אַ פּאַרויסגייער האָט אָפּגעלאָזט, און האַקט שיר די אויגן ניט אויס. מען סאָפּעט, מען דראַפּעט זיך מיט די לעצטע קויכעס.

מיר פאַרנעמען זיך ווייטער אַלץ העכער און העכער. פון דער ווייטנס זעט מען באַלויכטן פון דער לעוואָנע־שיין אין אַ טאָל עטלעכע הייזער. צו אונזערע אויערן דערטראָגט זיך דאָס האַוקען פון הינט פון דעם נאָענטסטן דאָרף. זיי האָבן דערפילט אונזער אָנקומען. מיר קלעטערן אויף אַ ברייטן באַרג פול מיט פעלזן. אַסאַך פאַלן און צעקלאַפּן זיך, אָבער קיינער מאַכט זיך ניט וויסן.

מען קומט אָן צו אַ גרויסן פּלאַץ ווו עס איז אויפגעשטעלט אַ פּיראַמידע פון שטיינער. דאָ, דערקלערט מען אונז, ענדיקט זיך די פראַנצויזישע זייט. מיר געפינען זיך הייסט עס שוין אין שפּאַניע.

שוין דריי שאָ ווי מיר קלעטערן און ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך דויערן. מיר זענען אריין אין אַ געדיכטעניש, אַז מען גלויבט שוין פון דאַנען ניט צו קענען מער אַרויס: צווייגן פּלאָנ־טערן די פיס און שטעכן אויפן גאַנצן וועג. עס איז אומעגלעך צו שטעלן אַ טריט. אַסאַך האָבן אוועקגעריסן די הויזן, אַסאַך זע־נען צעבלוטיקט. ענדלעך זענען מיר געקומען אויפן העכסטן אָרט פונוואַנען מען דאַרף איצט גיין אַראָפּ. מען רוט זיך אָפּ אַ ווײלע

איידער מען פארנעמט זיך ווייטער. ביי מיר ליגט מענדל און סאַ־פּעט שווער. איך טו אים אַ פרעג :

— נו מענדל, איצט זעסטו שוין די פּירענעען ?

מיין מענדל סאַפּעט ארויס — אַ, יאַ, ברודערקע ! אז מיר וועלן איבערקומען די בערג וועסטו זען, אז מיר וועלן פראנקאַן אויך איינברעכן !

איצט הויבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ איבער פעלזן און טאָלן. מען פאַלט איינער אויפן צווייטן. מען זעט שוין אזעלכע, וואָס הינקען, וואָס האָבן איין אויג פארמאַכט.

3 ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין דעם ערשטן שפּאַ־נישן שטעטל מיטן נאָמען אגוליאנא. די מיליציאָנערן זענען פאר־שלאָפענע אראָפּ פון זייערע געלעגערס, דערהערנדיק אונזער אָנ־קומען. מען גיט אונז עפּעס איבערצוקייען און טויט־מידע פאַלט מען אַוועק אויף די געלעגערס. ניט באַוויזנדיק איבערצושלאָפן קיין האַלבע שאָ, וועקט מען אונז איבער : „זיך גרייטן אין וועג אריין" ! — באַפעלט מען. איר שטעלט אייך פאַר אונזער פאר־ביטערטקייט און אומצופרידנקייט, נאָך אזאַ נאַכט קלעטערניש אין די בערג. אָבער דיסציפּלין איז דיסציפּלין : פארשלאָפן, מיד, צעבראָכן טוט מען זיך אָן און מען פּאָרט אריבער אין דעם קאַ־טאַלאָנישן שטעטל ריפּאָלי. דאָ קען מען זיך ענדלעך אויסרוען עטלעכע שאָ. אָבער דעמזעלבן אָוונט פּאַקט מען אונז אריין אין אויטאָקאַרן און — ווייטער אין וועג אריין.

נייע טראַנספּאָרטן אינטערנאַציאָנאַלע פרייוויליקע קומען קע־סיידער אָן און מען דאַרף מאַכן פּלאַץ פאר זיי.

עס איז האַרבסט אין די בערג. די גרין־פארגעלטע און מעכ־טיקע באַשעפענישן—די פּירענעען־בערג באַהאַלטן אין זייער שויס דאָס קליינע, קאַטאַלאָנישע שטעטעלע קאַמפּראַדאָן. קוועלעכלעך שטראָמען הילכיק פון אַלע זייטן און שפּילן זייער אייביקע מוזיק. די קי פּאַשען זיך אין די טאָלן. די ארבעטער בויען נייע הייזער און דאָס לעבן פליסט נאָרמאַל.

מיר ווערן איינגעאָרדנט אין די קאָמפאָרט־אַרטיקע צימערן פון דער ווילע „קאַרמען", וואָס האָט צוזאַמען מיט די איבעריקע דריי שכיינעסדיקע ווילעס, געהערט צו אַן אַלטער גרעפין.

אויף די ווענט הענגען אומבאַרירט בילדער פון די פאַ־מיליע־גלידער — צווייגן פון דעם בוים, וואָס פירט צום שטאַם

פון א מעכטיקער פעאָדאַלער פאַמיליע, וואָס האָט געהערשט איי־בער גרויסע שטאָכים פון שפּאַניע. איצט האָבן זיך דאָ צעלייגט, ווי ביי זיך אין דער היים, די אינטערנאַציאָנאַלע פּריווילֶיקע און צוזאַמען מיט זיי די יידישע שנײַדערס און סטאָלאַרעס.

## באַרצעלאָנע נאָכן שטורעם

באַרצעלאָנע האָט געענדערט דאָס פּנים.

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, ווי אַזוי אַ גרויסע שטאָט זעט אויס נאָך אַ זיגרייכער רעוואָלוציע און עס איז מיר שווער צו געפונען אַ פאַרגלייך. איך ווייס נאָר, אַז פון אויגוסט ביז סעפּ־טעמבער 1936 איז די שטאָט ניט צום דערקענען: די באַריקאַדן זע־נען שוין אַוועקגענומען פון די פּלעצער און געסלעך, דער ברוק איז אויסגעגלייכט און ריין. די „ראַמבלאַ" איז שטענדיק פול מיט שפּאַצירנדיקע. אויסגעפּוצטע מיליציאָנערן מיט רויטע אָדער רויט־שוואַרצע טיכלעך און אַ פּערטל טוץ פּאַסקעס מיט לאַנגע פּיסטאָלעטן, שפּאַצירן שטאָלץ צווישן זאַרגלאָזן אוילעם. די הענ־דלער, וואָס שטייען אויסגעשטעלט די גאַנצע לענג פון בולוואַר, מאַכן גלענצנדיקע געשעפטן מיט רעוואָלוציע־אַרטיקלען, וואָס האָבן זייער „הויך־סעזאָן", דאָס זענען פּאַסקעס, רעוואָלווער־שייטלעך, פּאַרטיי־צייכנס, רויטע און רויט־שוואַרצע טיכלעך. צווישן די סאָכרים קענט איר אויך געפינען יידן פון פּוילן און דייטשלאַנד. די מאַגאַזינען זענען באַלאַגערט פון קויפער. אין קאַפע־הייזער איז שווער צו באַקומען אַן אָרט.

דער אַרבעטער פאַרדינט מער ווי פריער און אַרבעט ווייני־קער שעה. אַלע ערטער זענען צוטריטלעך באַר אים און ער קען זיך דערלויבן אויף אַלעמען: מען קען נאָך אַלץ באַקומען צו קויפן. וואָס שפּעטער וועט זיין, ווער זאָרגט זיך דערפאַר?

אַסאַך אונטערנעמונגען זענען שוין קאָלעקטיוויזירט אָדער סאָציאַליזירט און די שוואַרץ־רויטע שילדלעך מיט אויפשריפטן: „קאָלעקטיוויזאַדאָ צ.נ.ט." דאָמינירן. די מויערן זענען באַהאָנ־גען מיט פּילפאַרביקע אַפישן, וווּ איין פּאַרטיי, פאַרבאַנד שרייט איבער דעם צווייטן, מיט לויבן פאַר זייערע „קאָלומנעס".

צווישן די סינדיקאַטן און פּאַרטייען גייט אַן אַ שטילער

קאַמף פאַר העגעמאָניע. און אַמאָל ענדיקט זיך אזא קאַמף מיט אַראָפּרוימען קעגנער פון וועג. פון טראַמוויי־סינדיקאַט זענען פאַרשוווּנדן עטלעכע צענדליק אַקטיוויסטן און פירער פון די סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע „אוכעטע".

די אַנאַרכיסטן באַהערשן דאָס עפנטלעכע לעבן אין באַרצעלאָנע. דאָס טראַנספּאָרט־וועזן איז קימאַט אין זייערע הענט ; די ספּעקטאַקל־אינדוסטריע : קינאָס, טעאַטערס, קאַבאַרעטן, טאַנץ־זאלן און אפילע נאַכט־לאָקאַלן זענען אונטער דער קאָנטראָל פון „צ.נ.ט.־פ.א.י.". די גאַסן ביינאַכט זענען העל באַלויכטן. (אין באַרצעלאָנע ווייסט מען נאָכניט דאַן, וואָס ס'איז אַוויאַציע). אַלע ווײַלונג־לאָקאַלן זענען איבערפולט און קיין זאך באַומרואיקט ניט קיינעם. די פראָנטן זענען ווייט. מען פילט זיי ניט און מען טראַכט ווייניק וועגן זיי...

* * *

אין שטעטלעך און אין דערפלעך פון אַראַגאָן האָט מען איינגעפירט דעם „באַפרייערישן קאָמוניזם". מען האָט אַלץ קאָלעקטיוויזירט ; מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס געלט און איינגעפירט „וואַלעס", באָנען... קאַפע איז דערקלערט געוואָרן פאַר א לוקסוס־אַרטיקל און ציגאַרעטן — זענען שעדלעך פאַרן געזונט... דער קליינער אַראַגאָנער פויער, אָדער דער קאַטאַלאָנער „ראַבאַסיירע", (דאָס איז דער ראַיז פויערים־טיפּ אין קאַטאַלאָניע, וואָס האָט גענומען זיין שטיקל ערד אין אַרענדע) האָט ניט געקענט פאַרשטיין אזא זאך. נאָך דערצו, ווען אין א שכייניסדיקן דאָרף האָט מען באַקומען געלט פאַר דער אַרבעט אָדער פּראָדוקטן. מען האָט געקענט טרינקען קאַפע און רויכערן טאַבאַק... נאָך ווייניקער האָט עס פאַרשטאַנען אין קליינעם שטעטל דער באַלמעלאָכע : דער שמיד, שניידער, פריזירער און אַנדערע, וואָס מען האָט געצוווּנגען צו קאָלעקטיוויזאַציע.

איך בין געווען אין אַט אַזעלכע שטעטלעך פון „באַפרייערישן קאָמוניזם". אין דעם שטעטל פראַגאַ ביים טייך ציַנקאַ בין איך געקומען אויף דער באַרבעטונג פון אַנאַרכיסט אסקאַסאָ — צו יענער צייט פּאָרזיצער פון אַראַגאָנער ראַט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די אַנאַרכיסטן. דאָרט האָב איך טאַקע געזען דעם „ענטוזיאַזם" פאַרן נייעם סיסטעם, וועגן וועלכן אסקאַסאָ האָט מיר דערציילט: פולע גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע האָט אַלץ אַרומגעכאַפּט. געאַרבעט האָט מען ווייניק, ווייל סיי־ווי האָט מען דערפאַר

גאַרניט געהאַט. באַזונדערס פּלעגט אָפט אויספעלן רוי־שטאָף. די גרויסע שטאָט האָט אָן געלט ניט געוואָלט געבן. ניט שטענדיק איז געווען סכוירע אָדער פּראָדוקטן צו טוישן. דער אויסטויש גופא איז געווען באַשווערט און האָט זיך ניט שטענדיק אָקאָר־דירט מיט די באַדערפענישן. עס האָט געליטן די לאַנדווירטשאַפט־לעכע פּראָדוקציע, עס האָט געליטן די אינדוסטריע, עס האָבן גע־ליטן די אַנטיפאַשיסטישע קויכעס אויף די פראָנטן...

אָבער די „עקספּערימענטן־פּרעסע" איז פול מיט פּראָבלעמען איבער עסטעטיק און—„אינטעגראַלן קאָמוניזם". די פראָנט־קאָמוני־קאַטן גייען אַראָפ אויפן צווייטן פּלאַן. צו די „גרויסע זיגן" פון דער אָדער יענער „פּאַרטיי־קאָלומנע" אָדער „צענטוריע" איז מען שוין געוווינט. די פראַגע פון איינהייטלעכער מיליטערישער אָנ־פירונג און מאָביליזאַציע איז דערווייל געבליבן אויפן פּאַפּיר. די עקסטרעמיסטן זעען אין דעם אַן אָנגריף אויף די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען און — באַוואָפנטן פּראָלעטאַריאַט. אין באַרצעלאָנע ליגן באַהאַלטן גאַנצע אַרסענאַלן מיט געווער און אַמוניציע, אַנ־שטאָט עס צו שיקן אויפן פראָנט. אויף די פראָנטן פון אַראַגאָן הערשט „פרייע דיסציפּלין" און גאַנץ אָפט פאַרלאָזן די מיליציאָ־נערן די טראַנשייען און גייען שלאָפן צו די פּויערים.

דער אָרגאַן פון „פּאָום", „לאַ באַטאַליאַ" פירט אַ שרעקלעכע העצע קעגן דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג ; קעגן אַן איינהייט־לעכער, דיסציפּלינירטער אַרמיי, מיטן אויסרייד, אַז די „בורזשוי־אַזע רעגירונג ווייל אַנטוואָפענען דעם אַרבעטער־קלאַס". אין דער זעלבער צייט ציט זיך צוריק, אָן שום ווידערשטאַנד אַ „קאָלומנע" פון „פּאָום", פון שטעטל לאַ סיניענאַ, אין די בערג פון אַלקוביער. די „פּאָומיסטן" לאָזן איבער אַ לאַגער מיט שפּייז און אַמוניציע אין די הענט פון סוינע. די פּויערים מיט זייערע פאַמיליעס, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר די אַנקומענדיקע פאַשיסטן האָבן געברענגט אויף זייערע פּלייצעס מיטראַיעזן, ביקסן און קוילן, וואָס די „פּאָום"־לייט האָבן איבערגעלאָזן.

די פאַשיסטן גייען פאָרויס אויפן פראָנט פון טאַלאַווערא און טאָלעדאָ צו מאַדריד. די „טעלמאַן־צענטוריע", די 1־טע אינטער־נאַציאָנאַלע איינהייט איז צוריקגעקומען פון טאַרדיענטאַ־פראָנט. ביים באַרג מיט דער פעסטונג „סאַנטאַ קיטעריאַ", האָבן זיי געלאָזן אַ העלפט פון זייערע כאַווירים בעיים אַ העלדישער קאָנטר־אַטאַקע

איז דער נאַכט. (צופוסנס פון זעלבן באַרג איז אין דעצעמבער 1937 פאַרגעקומען די גרינדונג פון דער באַטאַליאָן־קאָמפּאַניע).

באַרצעלאָנע נעמט פייערלעך אויף די ערשטע, העלדישע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרמאַציע, וואָס האָט זיך באַדעקט מיט רום. אין דער טעלמאַן־צענטוריע האָבן זיך געפונען צען פעלקער, צווישן זיי אויך פוילישע און דייטשע יידן.

* * *

קיין באַרצעלאָנע איז אָנגעקומען די ערשטע סאָוויעטישע שיף מיט פּראָדוקטן, וואָס די סאָוויעטישע פרויען האָבן געשיקט פאַר די שפּאַנישע פרויען און קינדער. דאָס פאָלק פון באַרצעלאָנע איז ארויס באַגריסן און דאַנקבאַר זיין דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד פאַר דער מאַטאָנע.

דער פרימאָרגן שטעלט זיך אַ וואַרעמער און זוניקער. מאַסן־מענטשן שפּאַנען שוין צום פּאָרט. דאָרט שטייען שוין לאַנגע רייען ביי די סטאַציעס פון די איבערפיר־שיפלעך, וווּ מען ווערט אָוועקגעפירט פאַר 75 סענט צום אָרט, וווּ עס שטייט די סאָוויעטישע שיף.

דער גאַנצער פּאָרט איז באַליינגט מיט קליינע שווימענדיקע שיפלעך אויסגעפּוצט מיט רויט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די כוואַליעס און מאַכן שימערירן מיט רויטקייט דעם גאַנצן באַסיין.

דער גאַנצער באַסיין איז פול מיט אָט די שיפלעך, וואָס שווימען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן ווייט, ווייט אין אָפענעם יאַם אריין באַקוקן די סאָוועטישע שיף. אויפן וועג באַגעגנט מען די קריג־שיפן פון אַ גאַנצע ריי לענדער. אָט איז אן ענגלישע. ניט ווייט פון דאָרט פאַכעט אויפן ווינט אַ רויטע פאָן מיט אַ האַקן־קרייץ און נאָך אביסל ווייטער — אן איטאַליענישע. — זיי באַשיצן זייערע בירגער... מיר דערנענטערן זיך צום אָפענעם יאַם און פון דער ווייטנס ווייזט מען אונז די סאָוועטישע לאַסט־שיף „זיעריאַנין". אונזער שיפל מאַכט אַ קליינעם קרייז און קערט זיך אום צום ברעג.

די ברעגן ארום פּאָרט ווערן שנעל אויסגעפילט. דעלעגאַציעס פון די פאַבריקן, ראַיאָנען און אָרגאַניזאַציעס קומען אָן, קעדיי צו באַגעגנען די שיף, וואָס דאַרף באַלד אריינקומען אין פּאָרט אריין. מענטשן שטייען איינער אויפן אַנדערן. יעדער זוכט זיך אויס אַ העכערן פּלאַץ, קעדיי בעסער צו זען. די לאַסט־הייבער־ס

ביים ברעג זענען באהאנגען מיט מענטשן ווי פליגן אויף קלעפּ־פּאַפּיר.

אויטאָס מיט קינדער קומען אָן און פאַרהילכן די גאַס מיט געזאַנג.

די גאַסן אַרום פּאַרט זענען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן און פענער און ס׳קומען נאָך און נאָך. די אַרבעטער פון די פאַבריקן האָבן אָוועקגעלייגט די אַרבעט. די שולן זענען געמאַכט. דאָס גאַנצע פאָלק פון באַרצעלאָנע שטראָמט צום פּאָרט.

עס צעפייפן זיך די שיף־סירענעס. די שיף שווימט אין פּאָרט אַריין. אַט באַווייזט זיך די „זיעדיאַנין״ אַרומגערינגלט מיט אַ ערן־וואַך פון רויט־באַצירטע שיפלעך. די פאַרזאַמלטע מאַסע באַגעגנט זי מיט שטורמישע אויסגעשרייען, געביילטע פויסטן און בראַוואָ־פאַטשערייען ; פרויען און קינדער פאָכען מיט די הענט און שרייען מיט פרײדיקע קולעס. די 3 טויזנט־טאָניקע שיף קומט פּאַמעלעך צו צום ברעג און פאַראַנקערט זיך.

דער מענטשן־יאַם שטראָמט פון אַלע זייטן אַז אַ אָפּ־האַלט, אַן אויפהער. עס קומען נייע דעלעגאַציעס, מען ברענגט מאַטאַנעס, קוישן בלומען, אַ שטערן מיט אַ האַמער און סערפּ געפלאָכטן פון רויטע און ווייסע רויזן.

עס ברענגען מאַטאַנעס פרויען און קינדער, די סינדיקאַטן, די פאַבריקן און פּאָליטישע פּאַרטייען. אָרקעסטערס שטופּן זיך דורך שפּילנדיק דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ און קאַטאַלאָנישע מע־לאָדיעס.

פון דער ווייטנס זעט מען, ווי עטלעכע „גוואַרדיאַ אַסאַלטאַ״, צוזאַמען מיט ציווילע מאַכן אַ קרייז אַרום אַ מענטשן מיט אַ גראָען קאָפּ : דאָס איז קאָמפּאַניס, דער פּרעזידענט פון דער גענעראַלי־טעט. דער עולם שטורעמט : „זאָל לעבן קאָמפּאַניס !״

דערנאָך פאַרלאַנגט דער עולם, אַז ער זאָל רעדן. קאָמפּאַניס באַגריסט די סאָוויעטישע אַרבעטער און פאַרענדיקט מיט : „זאָל לעבן ראַטנפאַרבאַנד !״ „זאָל לעבן קאַטאַלאָניע און דאָס פרייע רעפּובליקאַנישע שפּאַניע !״ ער שרייט אויס : „דער פאַשיזם וועט ניט דורכגיין, ניין !״ — און דער פאַרזאַמלטער עולם ענטפערט דריי מאָל : „ניין ! ניין ! ניין !״

אויפן דעק האָבן מיר אַן אָריגינעלן ספּעקטאַקל. אויף דער שיף האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אַ פישערקע פון פּאָרט. זי שטייט לעבן אַ מאַטראָז פון דער שיף און האַלט אים אין איין קושן.

פארשטענדיקן זיך מיט אים קען זי ניט, אָבער יעדעס מאָל, ווען זי רעדט עפּעס צו אים און דער מאַטראָז ענט־פערט מיט אַ שמייכל: „יאַ ניע פּאָניעמאַיו" — גיט זי אים דערפאַר אַ קוש. דער אוילעם ארום שטייט און לאַכט און זי אויך. אומצאָליקע מאָל באַזערט זיך אַלץ איבער דאָס געשריי: „וויוואַ רוסיאַ! וויוואַ רוסיאַ"! דער געהילף־קאַפּיטאַן, אַ געזונ־טער לאַכנדיקער מאַן, מיט אַ ברוינער פאַרהאַרטעוועטער הויט פון יאַם־ווינטן — אַ „יאַם־וואָלף" — איז אַביסל צעטומלט פון דעם קאַבאָלעס פּאָנעם, וואָס באַרצעלאָנע מאַכט לעקאָוועד אים און זיינע כאַווײרים.

* * *

קימאַט יעדן טאָג ברענגען שיפן און באַנען אינטערנאַציאַ־נאַלע פרייוויליקע, וואָס פאָרן פאַרמירן זייערע באַטאַליאָנען קיין אַל־באַסעטע און פון אַלבאַסעטע — צו די פראָנטן פון מאַדריד.

## מאַדריד

אויגוסט, 1936. איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מאַדריד.

די שטאָט באָד זיך אין אַ יאַם ליכט. די גאַסן און פּאַסעאָס זענען איבערפולט. מאַסן מענטשן שטראָמען פריילעך איבער די גראַן־וויאַ, אַלקאַלאַ און פּוערטאַ־דעל־סאָל. אַלץ שטראַלט יאָנ־טעוודיק.

דאָס פאָלק פון מאַדריד פייערט דעם גרויסן ניצאָכן איבער די פאַשיסטישע גענעראַלן, וואָס זענען אויפגעשטאַנען קעגן דער רעפּובליק. דער פירער פון מאַדרידער גאַרניזאָן, גענעראַל פאַנכול איז אַרעסטירט. אַ צווייטער סאַנכורכאַ ווערט באַרבערנט אויפן וועג אין זיין אַוויאָן, קומענדיק פון פּאָרטוגאַל, כּדי אָנצופירן מיטן אויפשטאַנד. די מעכטיקע פאַשיסטישע פעסטונג, די קאַ־זאַרמע „מאָנטאַניאַ"; די באַסטיליע פון מאַדריד, איז דעראָבערט געוואָרן דורך די אומבאַוואָפנטע מאַסן.

מיליציאָנערן פאָרן צו די פראָנטן. מיט שטורמישע אָוואַציעס באַגלייט דאָס פאָלק אירע זין. קינדער אין ווייסע קליידלעך טומלען אין מיטן גאַס. זייערע קוויטשנדיקע קעלעכלעך שרייען אין אַ כאָר: „אויפהענגען כיל ראָבלעס!"

מאדריד איז פייערלעך און פרייליך. ניצאָכן־פרייד שיינט פון יעדן פּנים, פון יעדער מויער. פרייד שטראָמט, ווי פון אויפ־געעפנטע שליוזן און רייסט אַלץ מיט.

די אַלטע קריסטלעכע שטאָט מאַכט דורך איר רענעסאַנס; די שטאָט פון קאַטוילישע ריטער בייערט איר ווידערגעבורט. אין פּאַלאַצן פון סעניאָריטאַס געפינען זיך אַרבעטער. דאָס פאָלק איז באַוואָפנט. דער פינפטער רעגימענט איז שוין געשאַפן. דער באַ־טאַליאָן „פּאַסיאָנאַריא" איז אוועק אין די „סאָמאָסיערא". אַ ניי לעבן איז אויפגעגאַנגען אין מיטן זומער.

* * *

נאָוועמבער דאָסזעלבע יאָר. איך בין צום צווייטן מאָל ווידער אין מאַדריד.

טריבנדיקע נאָוועמבער־טעג; טרויעריקע טעג. דער הימל ענגט אַ שווערער, אַ טריפנדיקער איבער דער הויפּטשטאָט און באַדעקט די מענטשן מיט זיין אומעט און טרויער.

פון צוויי זייטן זענען די פאַשיסטן צוגעקומען צו די טויערן פון מאַדריד: אויף מאַירעוו פון טאַלאַווערא און דאָרעם — טאָ־לעדאָ. די נאָענטע פאָרשטאָט, ווו עס געפינט זיך דאָס אוניווער־סיטעט־שטעטל, די אַזוי גערופענע „ציודאַד אוניוועסיטאַריא", איז דאָס הויפּט־פעלד פון די אָפּעראַציעס. אויף מאַירעוו, דאָס הייסט פון „קאַסאַ דעל קאַמפּאָ", „קאַמפּאָ דעל מאַראַ", שוין אויף דער צווייטער זייט פון טייך מאַנטסאַנאַרעס; פון דער פאָרשטאָט מאָנקלאָאַ און דעם מאַירעוו־פּאַרק, הויבן שוין אָן אַריינדרינגען די מאַראָקאַנער און לעגיאָנערן צום האַרץ פון מאַדריד. מען האָט זיי שוין געזען אויפן צאָפן־וואָקזאַל, און אפילו — „פּלאַזאַ ד'עספּאַניאַ".

די פאַשיסטישע וועלט־פּרעסע מעלדעט אין אַלע שפּראַכן: „מאַדריד איז געפאַלן", „גענעראַל פראַנקאָ טריומפאַל אַריינמאַר־שירט אין דער הויפּטשטאָט". גענעראַל פראַנקאָ האָט בלויז פאַר־זיכערט זיין באַשיידענע האָסאָגע „מאָרגן" צו טרינקען קאַווע אין מאַדריד...

אין די טעג האָב איך געזען פרויען מיט פלעשער בענזין און הייס וואַסער ביי די פענצטער וואַרטן אויף די פאַשיסטן. כ'האָב געזען שטיינערנע ווענט און באַריקאַדן, וואָס זענען מיט אַ בליץ־שנעלקייט אויפגעשטעלט געוואָרן פון „קוואַטראָ קאַמינאָס", „פּלאַצאַ ד'עספּאַניאַ" ביזן דאָרעם־וואָקזאַל.

אין די רעגנדיקע נאָוועמבער־טעג האָבן זיך געשלעפּט פּאַמיליעס מיטן ביסל גראַטעס, וואָס מען האָט געראַטעוועט פֿון אײַנגעפֿאַלענעם הויז און געבלאָנדזשעט דערמיט איבער פּלעצער און גאַסן, ניט וויסנדיק אַליין וווהין, ביז עס איז אָנגעקומען די דײַטשע אַוויאַציע און געמאַכט פֿון אַלעם אַ קופּע פֿון זאַמד מיט בלוט.

אין די נעכט — שרעקלעכע נעכט, אַ פֿינצטערניש אַזאַ, אַז ווען עס קען שטעקן בלײַבן אַ מעסער. הײַזער ציטערן. עס רײַסן אויף שראַפּנעלן, מינען־וואַרפֿער ברומען. אַלץ איז אַזוי נאָענט — אָט לעבן דיר. קורצע, אָפּגעהאַקטע רעוואָלווער־שאָסן קלינגען אָפּ הינטער דער פּלייצע. „פּאַקאָס" (אויסבאַהאַלטענע פֿאַשיסטן, די אַזוי־גערופֿענע 5־טע קאָלאָנע) פֿאַרשטעלן זיך מיט דער פֿינצטערניש און שיסן פֿון זייערע קאַמופּלירטע פֿענצטער אויף דער גאַס אַראָפּ.

דורך דער געדיכטער פֿינצטערניש פֿון אומרו און גרויל האָט זיך געטראָגן די שטים פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די שטים האָט זיך דורכגעריסן דורך דער נאַכט, ווי אַ פֿײַערדיקע פֿײַל און אָנגעצונדן גלויבן און גרייטקייט זיך מאַקרעוו צו זײַן: „בלײַבן ביזן לעצטן און דעם סוינע ניט דורכלאָזן!" „מאַדריד וועט קיינמאָל ניט זײַן פֿאַשיסטיש!", „מאַדריד וועט זײַן דאָס קייווער פֿון פֿאַשיזם!"

— די זאַך פֿון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע, איז די זאַך פֿון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט — האָט סטאַלין געזאָגט.

די פּראָגרעסיווע מענטשהייט, די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן, האָבן געענטפֿערט צוזאַמען מיטן פֿאָלק פֿון מאַדריד:

נאָ פּאַסאַראַ!!! און עס איז געשען.

* * *

מאַדריד איז באַלאַגערט און קימאַט אָפּגעשניטן. די באַן־ליניע איז איבערגעריסן אויף אַ שטעטל פֿון 100 קילאָמעטער פֿאַר דער הויפּט־שטאָט.

איך פֿאָר אַרויס מיטן צוג פֿון אַלבאַסעטע, וואָס גייט ניט ווײַטער, ווי ביז אַלקאַזאַר דע סאַן־כואַן. דער צוג איז אָנגעפּאַקט מיט פֿאַרוווּנדעטע מיליציאָנערן, וואָס שטייגן אויס אויף די קליינע סטאַציעס. דער מיליציאָנער, וואָס זיצט לעבן מיר מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטע האַנט, איז אַ פּויערים־זון פֿון דער געגנט. אַ דום־דום קויל האָט אים אויפֿגעריסן די האַנט אויפֿן פֿראָנט פֿון

טאָלעדאָ און יעדעס מאָל, ווען ער דאַרף זיך באַוועגן פאַרקרימט ער דאָס פּנים פאַר ווייטאָג.

— צו וואָס פאַרא פּאַרטיי געהערסטו ? — פרעג איך אים.

— צו קיין שום פּאַרטיי.

— דו ביסט אַ מאָביליזירטער, אָדער אַ פרייוויליקער ?

— פרייוויליקער.

— פאַרוואָס ביסטו אוועק אין דער מיליציע ?

— ווייל די רעפּובליק האָט אונז געגעבן ערד און גיט אונז פרייהייט.

— וואָס וועסטו טון נאָכן קריג ?

— איך וועל העלפן מיין טאַטן באַארבעטן די ערד.

מיין מיטשמועסער האָט מיר געענטפערט אויף מיינע פראַגן מיט אזא נאַטירלעכקייט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט. מיין שאָכן איז אָנגעקומען אויף זיין סטאַציע און מיר האָבן זיך געשייד.

* * *

אין אַלקאַזאר דע סאַן־כואַן, זענען דאָ 25 טויזנט איינ־וווינער. אסאך וויין און גאָר ספּעציעלער סאָרט שעפּסן־קעז ווערט דאָ אויסגעארבעט. אין דער סאַן־כואַנער קליינער קירכע, וואָס שטאַמט פון 13־טן יאָרהונדערט איז געטויפט געוואָרן דער מע־כאַבער פון דאָן קיכאָט — סערוואַנטעס.

דער אַלטער סעקרעטאר פון קאָמוניסטישן ראיאָן־קאָמיטעט, וואָס האָט זיין זון אויפן פראָנט, און אליין איז ער פאַרוואָרפן מיט ארבעט ביים אָרגאַניזירן די עוואַקואירטע פרויען און קינ־דער פון מאַדריד, זאָגט מיר צו, אז באַלד, ווי מען וועט האָבן פאַרענדיקט מיטן פאַשיזם, וועלן די קאָמוניסטן פאַרלאַנגען, אז דאָס שטעטל זאָל הייסן סערוואַנטעס און ניט אַלקאַזאר דע סאַן־כואַן.

אַן אויטאָקאַר, וואָס פירט אַרויס פרויען און קינדער פון מאַדריד און קערט זיך אום נאָך אַ נייעם טראַנספּאָרט, נעמט מיך מיט.

מען פאָרט אַרויס, ווען עס פאַלט צו די נאַכט. מיר מאַכן אַ גרויסן אומוועג און מיידן אויס דעם שאָסיי פון כעטאַפע, וואָס איז שוין אָפּגעשניטן, און נעמען דעם וועג פון אַראַנכועז. דער גאַנצער וועג איז באַלייגט מיט אויטאָס, פרויען און קינדער פון מאַדריד. די קינדער הערן ניט אויף צו שרייען „נאָ פּאַסאַראַ" און זינגען רע־



די שענסטע גאַס אין מאַדריד, די גראַן־וויאַ מיטן הויז פון
דער טעלעפאָן־צענטראַלע זענען אָפט געווען דאָס ציל־ברעט פון
דער פאַשיסטישער אַרטילעריע. די שפּאַניאָלן האָבן זי דעריבער
גערופן : „די גאַס פון שראַפּנעלן".

וואָלוציאָנערע לידער. נאָך 5 שאָ פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין מאַדריד.

דער ערשטער ציטער גייט מיר אַדורך דורך די ביינער, ווען דער שאָפער גיט פּלוצלינג אַ שטעל אָפּ דעם אויטאָ אויף אַ פינצ־טער פעלד און זאָגט צו מיר, אַז דאָ שטייג איך אויס: — „דאָס איז דער פּלאַץ סיבעלעס”, זאָגט ער און פאַר־שווינדט. ערשט מיט צוויי כאַדאָשים צוריק בין איך דאָ געווען. איך דערקען דאָ גאָרניט... עטלעכע מינוט בלייב איך שטיין אַ פאַר־לוירענער ניט זעענדיק גאָרניט אַרום מיר, טאַפּנדיק די געדיכטע פינצטערניש מיט די הענט. באַלד האָבן זיך פון דער פינצטערניש אָנגעהויבן אויסשיילן באַוועגלעכע קעגנשטאַנדן און מיט אַ געפיל פון ציטער האָב איך נאָכגעפאָלגט דעם ערשטן מענטש, וואָס האָט מיך באַגלייט אין דער רעדאַקציע פון „מונדאָ אָברעראָ” (אַרבע־טער־וועלט).

אַ נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט — ליכט און לעבעדיקע מענטשן... אַ געפיל פון וועלכן איך האָב זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט באַפרייען, האָט מיך אַרומגעכאַפּט פון אָט דעם קאָנ־טראַסט...

אין איינעם פון די רעדאַקציע־צימערן קום איך איבער די שלאָפלאָזע נאַכט אונטער דעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון מאַשין־גע־ווער און מינען־וואָרפער־עכאָס.

צומאָרגנס 9 אינדערפרי — אַן אויפרייס, אַ צווייטן, אַ דריטן. אַ שווערער זיפץ פון אַן איינגעפאַלן הויז, באַגלייט מיט אַ קלינגערייַ פון שויבן. אַלץ האָט געציטערט. אויף אַ סעקונדע איז געוואָרן טויט־שטיל, באַלד איז די לופט געוואָרן פאַרהילכט פון די גע־שרייען און רופן צו ראַטעווען די פאַרוווּנדעטע. אויפן פּלאַץ סי־בעלעס, וווּ עס געפינט זיך די הויפּט־פּאָסט אין דער נאָענטער שכיינעס מיט דער רעדאַקציע, האָט מען אַפּערגעשלעפּט מענטשן פון אונטער כורוועס מיט אָפּגעריסענע פיס, מיט דעפאָרמירטע פּנעמער — ניין! פאַרבלוטיקטע מאַסעס איננאַנצן ניט צו דער־קענען. אַ קינד איז געלעגן לעבן טראָטואַר. פון קליינעם מיילעכל האָט גערונען אַ פּאַסעקל וואָרעם בלוט. ניט ווייט אָפּגערוקט איז געלעגן אַן אייזל נאָך געשפּאַנט אין דעם וועגעלע, וואָס האָט אי־בערגעפירט דאָס ביסל זאַכן פון אַן עוואַקויִרטע פאַמיליע. דאָס גאַנצע איינגעווייד פון אייזל ליגט אויסגעשפּרייט אויפן ברוק. מענ־טשען פאַרשטעלן די אויגן ניט צו זען דאָס שוידערלעכע בילד.

איך בין אַוועק איבער די גאַסן פון מאַדריד. ביים פּאַרט דעל סאָל סמאַלען זיך נאָך די שטאָקן פון די אונטערציינד־באָמבעס. פון די פענצטער, ווי אויסגעברענט רויע לעבער זעצט אַ רויך. אין דער פּרעסיאַדאַ־גאַס איז דאָס 4־שטאָקיקע הויז נומער 9 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג מיט שטיינער. צוויי פרויען מיט דריי קינדער געפינען זיך אונטער די כורוועס.

אַ מיליציאָנער האָט באַקומען אַ טאָג אורלויב. ער איז געקומען באַזוכן זיין געליבטע. דאָ אונטער די כורוועס ליגט זי איצט. נאָך ניט אַרומגעוואַשן פון די שמוציקע גרובנס, שטייט ער איצט, דריקט צונויף די פויסטן און פאַרבייסט די ליפּן, צום סאָף גיט ער זיך אַ רייס אויף פון זיין פאַרגליווערטקייט און מיט אַ נערוועאישן זשעסט ווענדעט ער זיך צו די אַרומיקע :

— איך מוז נעקאָמע נעמען פאַר איר !

אַלע זענען פאַרשטיינערט פון דער סצענע, וואָס איז דורכגעלאָפן ווי אַ בליץ.

איינגנטימער פאָרען זיך ביי זייערע איינגעפאַלענע געשעפטן, ראַטעווען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך און פירן עס אַוועק אויף האַנטוועגעלעך.

די קירכע פון „הייליקן איזידאָר" איז דורכגעלעכערט. אויף דער טאָלעדאָ־גאַס שטייען די טראַמוויי־שינעס אין דער לופטן, אין דער מאַיאָר־גאַס, וואָס פירט צום צאָפן־וואָקזאַל, זענען פון די מאָדערנע הייזער געבליבן בערג מיט שטיינער.

עס איז אַ טריבער, רעגנדיקער פאַרמיטאָג. פרויען, מענער און קינדער שלעפּן טרויעריקע, מיט אַ קלאָלע אויף די ליפּן זייערע האַנט־וועגעלעך מיטן לעצטן ביסל האָב און גוטס. דער לאָזונג פון עוואַקואירן די ניט קריג־פעאיקע ווערט דורכגעפירט. ניט יעדערער האָט אַ קאָרעוו אָדער די מעגלעכקייט צו פאָרן אויף דער פּראָווינץ.

די מעטראָ־סטאַציעס זענען פול מיט פאַמיליעס. אויף די סטאַציעס זענען אויסגעלייגט בעטגעוואַנט און שלאָף־זעק. מען קאָכט און מען גייט דאָ. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט גרופּעס פון יונגע מיידלעך, וואָס שטריקן סוועטערס און נייען העמדער פאַר דער מיליץ. יעדעס מאָל, ווען אַ צוג פאָרט דורך זינגען די קינדער דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

אַן אַלטער מאַן ליגט אַנגעלענט אויף זיין שלאָף־זאַק. איך

פרעג אים, צי ער האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו פאָרן אויף דער פּראָווינץ.

— נאָך וואָס — זאָגט ער — פאָרן ? די פאַשיסטן וועלן אין קורצן דאָ באַגראָבן ווערן... דאָס, וואָס זיי שיסן אויף אומשולדיקע פרויען און קינדער באַווייזט צומבעסטן, ווי שוואַך זיי זענען. ווען זיי וואָלטן געווען שטאַרק און זיכער, אז מאַדריד וועט געהערן צו זיי, טאָ צו וואָס צעשטערן אַזאַ אייגענע שיינע שטאָט ?

די לופט איז דאָ ניט איבערצוטראָגן. איך בין אַרויס אויף דער גאַס. אין דרויסן פאַלט צו די נאַכט. אין מאַירעוו-דאַרעמטייל האַלט אַן אַ געדיכטע קאַנאָנאַדע. די טראַמווייען קורסירן נאָרמאַל. דער פילם „טשאַפּאַיעוו" איז אַנאָנסירט אויף יעדע הונדערט מעטער. אויף די ווענט זענען אויסגעקלעפּט נייע אַפישן פון 5-טן רעגימענט, וואָס איז אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי :

„ס'ווערן געשאַפן נייע פיר שטורעם-באַטאַליאָנען, וואָס וועלן זיין דער שטאָלץ פון מאַדריד און די גאַראַנטיע פון איר פּאַרטייַדיקונג".

אַמבולאַנסן מיט פאַרווונדעטע לויפן מיט אַ געקלינגעריי איבער דער גאַס. גרופּעס מיט רידלעס און לאָפּאַטעס אויף די אַקסלען קומען צוריק פון די אַרומיקע גאַסן.

די אָוונט-פּרעסע, וואָס גייט אַרויס בלויז אין צוויי זייטן, ברענגט פון אויבן אַ גרויסן קאָפּ :

— פראַנקאָ האָט געמאָלדן, אַז היינט ביינאַכט מאַכט ער דעם דעצידירנדיקן אַטאַק אויף מאַדריד. פרויען, מענער, יוגנט פון מאַדריד אַרויס צו פאַרטיידיקן אונזער אומבאַזיגבאַרע שטאָט !

* * *

עס איז דער 20-טער נאָוועמבער.

אין מיין נאָטיץ-ביכל האָב איך פאַרצייכנט : די נאַכט איז שרעקלעך, די שיסערייען הערן ניט אויף. עס ברומען אַ גאַנצע נאַכט די מינען-וואַרפער ; עס רייסן אויף 155-ער. פאַרטאָג זענען געקומען אַוויאָנען און באַשאָסן די שטאָט מיט מאַשין-געווער. „מאַדריד איז געבאַר".

דאָס אַלץ האָב איך מיר היינט פאַרצייכנט, נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע נאַכט.

אויף היינט האָבן די פאַשיסטן פּראָקלאַמירט צו מאַכן דעם

שטאַרקסטן אָנגריף, וואָס דאַרף זיי דערמעגלעכן אַריינצוקומען קיין מאַדריד. 5 טויזנט רייכסווער־סאָלדאַטן, 150 אַוויאָנען מיט 100 טאַנקען וועלן זיך באַטייליקן אין אָנגריף.

היינט האָט מען אויך דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין דייטשן קאָנסולאַט אין מאַדריד, ווו מען האָט אַנטדעקט אַ גאַנצן מאַגאַזין מיט געווער. מען האָט אַרעסטירט עטלעכע און זעכציק שפּאַנישע פאַשיסטן. זיי האָבן זיך געהאַט אינסטאַלירט אין אַ פאָרמעלן קריג־לאַגער, מיט שוצגריבער און פעסטונגען. האָבנדיק צו זייער דיספּאָזיציע האַנט־גראַנאַטן און אויפרייס־באָמבעס פון דייטשער אויסאַרבעטונג.

נעכטן אָונט בין איך געווען אין קינאָ „קאַפּיטאָל", ווו עס איז פאָרגעקומען אַן אָונט געווידמעט די טאַנקען־צעשטערער. דער אָונט איז געווען אָרגאַניזירט פון די אַנטיפאַשיסטישע קינסטלער, וואָס רופן זיך „אַלטאַוואָז דעל פרענטע", (דער הויך־רעדער פון די פראָנטן).

קאַראַסקאַ און קאַרנעכאַ, די צוויי יונגע טאַנקען־ברעכער האָבען דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן אָפּגעטון זייער שטיקל אַרבעט.

דער גאַנצער זאַל איז אָנגעשטרענגט און הערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם די ווערטער פון קאַרנעכאַ. ער איז ניט קיין רעדנער, זיינע ווערטער זענען אַזוי פּאַשעט און פּרימיטיוו, ווי עס איז דער אַקער־אייזן, וואָס ער האָט געפירט אין זיין דאָרף פון אַלט־קאַסטיליע. זיין פּאָנעם איז באַוואָקסן און ניט געוואַשן. מען זעט, אַז ער פילט זיך ניט גוט ביים מיקראָפאָן אינעם גרויסן, באַלויכטענעם זאַל פון „קאַפּיטאָל". ער האָט זיך דעמאָלט בעסער געפילט, ווען: „די טאַנקען זענען אָנגעקומען און האָבן אָנגעהויבן שפּייען מיט פייער. אַלעמען האָט באַהערשט אַ פּאַניק. מען האָט באַדאַרפט אָנשטרענגען אַלע קויכעס ניט צו לאָזן פונאַנדערלויפן די כעוורע, ווייל ווען מען איז דאָס איינגעפאַלן, אַז אַ מענטש קען זיך פאַרמעסטן מיט אַזאַ מאָנסטער, וואָס קריכט איבער דיר און גלייכט אוים אַלץ, וואָס שטייט אוים איין וועג".

דריי טאַנקען האָבן זיך געפונען אויפן וועג צו זייער פּאָזיציע. קאַראַסקאַ זאָגט צו זיינע כאַווירים: „מען דאַרף עפּעס טון" און ער איז אַרויסגעקראָכן פון דער טראַנשיי. שלעפּנדיק זיך צווישן די גראָזן, איז ער באַמערקט געוואָרן, און דער קוילנוואַרפער האָט אים אַרומגעקרייזט מיט פייער. ער איז נעבלי־

בעז אַ קורצע ווײַלע און ניט געגעבן קיין סימען פון לעבן. די כאַ־ווײַרים האָבן אים שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענעם.

דער אויפֿעם איז זאָל האַלט אויף דעם אָטעם, קעדיי זיך בעסער אײַנהערן, וואָס ווײַטער איז געשען.

ער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געשליידערט פינף־האַנט־גראַנאַטן, איינעם נאָכן צווייטן... ווי איין טאַנק איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און ווי די איבעריקע, זעענדיק דאָס האָבן געמאַכט פּלייטע.

דער זאַל ציטערט פון די אַפּלאָדיסמענטן. קאַרנעכאַ, וואָס איז אַ מיטגליד פון דער פאַרייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט, פאַר־ענדיקט:

— די יוגנט, וואָס פאַרטיידיקט מאַדריד איז פון שטאָל! אַ דאַנק פון טאַנקען־ברעכער איז באַשאַפן געוואָרן!

נאָכדעם, ווי מען האָט געוויזן עטלעכע פראַגמענטן פון די „מאַרינער פון קראָנשטאַט", האָט נאָך געשפּילט מוזיק און אַ כאָר האָט געזונגען.

ווען מען איז אַרויס פון ליכטיקן זאַל אויף דער גאַס האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע פינצטערניש.

אין דער מוירעדיקער פינצטערניש האָבן זיך באַוויגן זאַכן, וועלכע עס איז געווען שווער אונטערצושיידן. ערשט ווען איך האָט זיך צוגעוווינט צו דער כאַשכעס, האָט איך געקענט באַמערקן דעם געדיכטן פאַרקער פון אויטאָמאָבילן און לאַסט־אויטאָס.

איך שפּאַן אין דער פינצטער איבער דער גראַן־וויא, ווו אַסאַך הייזער זענען שוין צעשטערט. די גרויסע צאָל לוקסוס־קאַ־פעס, זענען פון אויסנווייניק הערמעטיש פאַרשטעלט, אַז עס זאָל זיך ניט קענען דורכרייסן קיין איין שטראַל אין גאַס אַריין. אינע־ווייניק רויעט מיט מענטשן, וואָס זענען געדיכט אַרומגעזעצט אַרום די טישלעך. מען זינגט און מען טומלט. די קעלנערס לויפן פאַר־שוויצטע מיט זייערע טאַצן און באַדינען מיט געטראַנקען און קאַ־ווען, וואָס די קאָנסומענטן האָבן באַשטעלט.

אין דער שרעקנדיקער פינצטערניש, ווען אין יעדן טריט ליגט באַהאַלטן סאַכעד, הערן זיך שוין די „פּאַקאָס" פון דער פינפטער קאָלומנע.

עס ליכט אויף אַן עלעקטריש לעמפּל מיט אַן — „אַלטאַ דאַקומענטאַסיאָן!"

* * *

10 אין אונטע האָט זיך עס אָנגעהויבן. עס ציטערן די שויבן. פון צייט צו צייט דאַכט זיך, אַז דאָס הויז פליט אין דער לופטן. דו ווילסט באַהערשן די נערוון, שאַלעם מאַכן מיטן גורל, וואָס קען דיך דערוואַרטן און איינשלאָפן. איינשלאָפן, קעדיי ניט צו הערן דאָס אַלץ, ווייל ווען דו הערסט, דאַכט זיך דיר, אַז דאָס אַלץ קומט פאַר נאָענט, זייער נאָענט פון דאַנען.

* * *

די נאַכט איז אַ שרעקלעכע. די שויבן ציטערן פון דער אומ־אויפהערלעכער קאַנאָנאַדע און פון דער קנאַקעריי פון מאַשין־געווער. עס איז צוויי ביינאַכט. מען קלאַפּט אין די טירן:

— די אַוויאַציע קומט אָן!

מען כאַפּט אויף זיך עפּעס און מען לויפט אין קעלער אַריין. אין קעלער געפינען זיך פרויען מיט קינדער, איינגעהילט אין קאָלדרעס. אַלע וואַרפן זיך פון שרעק און פון קעלט.

עס האָט זיך באַרואיקט. יעדער גייט אין זיין צימער. צוויי שאָ שפּעטער — דיזעלבע געשיכטע. צומאָרגנס דערוויסט מען זיך פון דער פּרעסע, אַז נאָך איינער, פון די שרעקלעכסטע פּרוּוון פון די פאַשיסטן, זיך דורכצורייסן קיין מאַדריד האָט געליטן אַ פיאַסקאָ.

* * *

פראַנקאָ האָט היינט ווידער געמאָלדן דער וועלט, אַז דאָס־מאָל קומט ער קיין מאַדריד. זיין אַוויאַציע איז געקומען באָמ־באַרדירן די געגנט פון צאָפן. ליגן די גרויזאַמע בילדער, צעהאַקטע קערפּערס פון פרויען מיט קינדער. דיזעלבע בילדער, וואָס פאַריקע וואָך, פאַר צוויי וואָכן, פאַר דריי וואָכן.

יאָ, פראַנקאָ איז געווען אין מאַדריד...

* * *

עס איז אַ זוניקער פרימאָרגן. דער הימל איז בלאָ און די לופט איז אַ קלאָרע, אַ דורכזיכטיקע — גינסטיק פאַר דער פאַשיסטישער אַוויאַציע. אָבער זיי וועלן איצט ניט קומען, ווייל די רעפּובליקאַ־נישע עסקאַדרילן זענען אויף דער וואַך איבערן הימל פון מאַד־ריד.

אויפן פּלאַס דע קאַסטיליאַנאַ פאַרוואַרפן די שפּאַצירנדיקע די קעפּ און קוקן לאַנג אין הימל אַריין. לעבן מיר שטייט אַ קליין יאַטל פון אַ יאָר 8 — 10, אין אַ לייכט אַנצוגל אַריינגעטאָן די הענט

אין די הויזן־טאַשן מיט אַ קורץ געפּרוּוירן נעזל. אין אַוויאַציע־גראַגן ווייזט ער זיך אויס צו זיין אַ גאַנצער ספּעץ.

— וואָס איז דאָס באָמבאַרדירער, צי יאַגד־מאַשינען ?

— דאָס זענען יאַגד־מאָטאָרן.

— וועמענס, אונזערע צי זייערע ?

— אונזערע.

— די „יונקערס" מיט „קאַפּראָנים" וועלן איצט ניט קומען. זיי וועלן קומען ביינאַכט אין דער פינצטער.

דער קליינער ציילט : 21, 22 ביז 30. עס איז אים, אַפּאָנים, שנעל צוגעגעסן געוואָרן, פּייפט ער זיך אונטער אַ שלאָגער און לויפט אַוועק.

* * *

דער קאָמוניסטישער 5־טער רעגימענט זאָרגט, אַז די קינסט־לער, ארטיסטן און וויסנשאַפט־מענער זאָלן אַוועק פון מאַדריד. מען העלפט זיי צו עוואַקוּאירן און שטעלן זייער לעבן אויסער יעדער געפאַר. אויפן געזעגענונג־באַנקעט האָט דער קאָמוניסטישער רעד־נער דערקלערט :

— עס איז פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ קאָוועד צו העלפן אייך אין אייער ארבעט. איר געהערט ניט בלויז דעם שפּאַ־נישן פאָלק, איר געהערט דער גאַנצער מענטשהייט. מיר ווייסן, אַז אונטער דעם קוילנוואַרפער און דער פיינטלעכער אַוויאַציע איז דער קלימאַט ניט קיין גינציקער פאַר אייער ארבעט.

אַ קאַראַוואַן מיט אויטאָס האָט גערירט אין דער ריכטונג פון וואַלענציע. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט זיי געמאַכט שטור־מישע אַוואַציעס. ביי די ווייס־קעפּיקע דערפינדער, פּראָפעסאָרן און פּאָעטן זענען די אויגן פול מיט טרערן. צי איז עס פון די האַר־ציקע און רירנדיקע אַוואַציעס, צי עפּשער פון דעם, וואָס זיי זענען אַלט און ניט מער פעיק צו האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט ?...

* * *

פעברואַר 1938.

שוין 15 כאָדאָשים, ווי איבער די גאַסן פון מאַדריד שפּאַצירט דער טויט פראַנק און פריי. שוין 15 כאָדאָשים, ווי עס ווערט ניט אָנגעצונדן קיין ליכט אין די נעכט. שוין 15 כאָדאָשים, ווי מענטשן זענען אויסגעשטעלט אויף הונגער אין ווערטלעכן זינען פון וואָרט

— אויף קעלט. שווער דעם צווייטן ווינטער ניטאָ מיט וואָס צו הייצן.

איך קוק אויפן וווּנדער און עס איז שווער צו באַגרייפן. ניין, עס איז גאָר אומעגלעך, אַז אַ מענטש, וואָס לעבט ניט דאָ כאָטש איין טאָג, וואָס איז ניט אַנוועזנדיק כאָטש איין מאָל מיטאָג־צייט אויף פּאָרט־דעל־סאָל, בעיס ניט וויסנדיק פון וואָס און פון וועמען הויבן אָן צו פאַלן שראַפּנעלן, זאָל זיך קענען פאָרשטעלן, וואָס מאַדריד איז.

* * *

אין אַ זוניקן פעברואַר - פרימאָרגן פון 1938 בין איך דורכ־געלאָפן די גאַסן פון מאַדריד און קענען געלערנט די שטאָט צום דריטן מאָל. די פּלעצער און פּאַסעאָס פון צענטער זענען געווען באַלעבט. די טראַמווייען, איבערפולט מיט מענטשן, האָבן קורסירט נאָרמאַל. די פענצטער פון די שענסטע געביידעס אויף אַלקאַלאַ און גראַן־וויאַ זענען געווען פאַרמויערט מיט רויטע ציגל אָדער פאַרשטעלט מיט זעק זאַמד.

די רעגירונג האָט פאַרהיטן די מאָנומענטן, קעדיי זיי זאָלן ניט צעשטערט ווערן פון די אָפטע באָמבאַרדירונגען און זיי פאַר־מויערט מיט ציגל און זעק זאַמד. די פאַרמויערטע ציגל און זעק זאַמד שטעלן מיט זיך פאָר מאָנומענטן אויף מאָנומענטן... די גאַסן־קערער טוען נאָרמאַל זייער אַרבעט און זעען, אַז די טראָ־טואַרן זאָלן זיין ריין. די גערטנער שערן די קראַנקע צווייגן פון די בוימער אויף די „אַוועניִדאַס", קעדיי זיי זאָלן ניט קראַנק ווערן, און בליִען דעם קומענדיקן פרילינג...

עס איז מיטאָג־צייט. דער גרויסער, פירקאַנטיקער פּלאַץ פון פּאָרט־דעל־סאָל רויעט פון מענטשן. טראַמווייען צווייגן זיך אין אַלע ריכטונגען. אויטאָס קרייצן און פּאַקן זיך דורך מיט גע־פילדער דורכן מענטשן־געדראַנג. עטלעכע צעשטערטע הייזער אין דער זייט זענען פאַרשטעלט פון טומל און זעען זיך ניט אַרויס. אין די געסלעך אַרום פּלאַץ שטייען אויסגעשטעלט גאַסן־הענדלער מיט טישלעך און פאַרקויפן ביליקע פעדערס, פּאַסקעס און פּאַרטיי־צייכנס. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערהערט אַ טעמפּן קלאַפּ. איך האָב זיך אינסטינקטיוו אַראָפּגעבויגן. פון דער וואַנט איז אָפּגעשפּרונגען אַ שטיק טינק און אַ שטיקל איז מיר געפאַלן אויפן קאָפּ. מענטשן זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן. אַסאַך האָ־

בען זיך אויסגעצויגן אויפן ברוק און אַנדערע האָבן זיך געשטעלט דיסקוטירן פון וואָס פאַרא קאַליבער דאָס איז. שראַפּנעלן זענען געפאַלן זייער נאָענט פון דאַנען און נאָך יעדן אויפרייס האָט אַ שוואַרצער וואָלקן זיך אויפגעהויבן צום הימל. די טראַמוויען האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. די גאַסן־פּאַרקויפער זענען ניט אַנטלאָפן. די קאַפעס האָבן וויטער סערווירט „ווערמוטן" און קיינער פון די קאָנסומענטן האָט ניט געלאָזט שטיין דאָס גלאָז און אַנטלאָפן... בלויז דער מיטן פּלאַץ איז שיטערער געוואָרן און פרויען מיט קיישלעך אין די הענט זענען שנעל אריבערגעלאָפן פון איין גאַס צו דער צווייטער. אַ גרופּע סאָלדאַטן — אַפּאַנים איצט געקומען פון פראָנט אויף אורלויב, זענען אַרויסגעקומען זינגענדיק פון אַ געסל, ווי קיין זאַך, וואָלט זיי ניט אָנגעגאַנגען:

— זינגט! זינגט! באַלד וועט איר זינגען מיט אַ שראַפּנעל — האָט זיי ווער נאָכגעשריגן.

שראַפּנעלן פאַלן און קיינער ווייסט ניט ווען עס וועט אויפהערן. פּונקט, ווי מען האָט ניט געוווסט, ווען עס דאַרף זיך אָנהייבן — דער טעגלעכער מאַדרידער קאָנצערט.

אין דערזעלבער צייט איז ביים אריינגאַנג פון אַ קליינעם, עלעגאַנטן קינאָ אין דער נאָענט פון פּלאַץ, געשטאַנען אַ ריי מענטשען נאָך בילעטן צו זען דעם פילם לויט וועלכן: „קומענדיקע צייטן".

דער פילם שטעלט פאַר די צוקונפטיקע מילכאָמע פון 1940. אַלץ ווערט, לויטן פילם, פאַרניכטעט. פון דער גאַנצער ציווילי־זאַציע בלייבן רויכיקע כורוועס און בערג מיט מייסים. אויפן עקראַן לויפן אַדורך בילדער, וואָס יעדער איינער קען זען אויף דער צווייטער זייט פון אַט דעם קינאָ־זאַל. דער אוילעם, וואָס פילט אַז דעם זאָל איז קאַלט און גלייכגילטיק צו די גרויל־בילדער, וואָס לויפן פאַרביי אויפן עקראַן. איך האָב אָבסערווירט מיינע שכיינים: עלטערע פרויען, יונגע מיידלעך און מיליטער־לייט — וואָס פאַרא גלייכגילטיקייט: איך שטעל מיר ניט פאָר, אַז אַ פּאַריזער אָדער לאָנדאָנער צושויער זאָל ניט דערשיטערט ווערן פון די שטאַרקע פאַרניכטונג־סצענעס, וואָס זענען פאַראַן אין דעם פילם. ווי אַנדערש דאָס ווירקט אויפן מאַדרידער...

וועלס האָט פּאַרויסגעזען דעם אָנהויב פון אַט דעם קאַטאַק־ליזם אין 1940, אָבער אין שפּאַניע האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט 4 יאָר פריער...

* * *

מאַדריד האָט ניט געהאַט קיין קריג־אינדוסטריע. מאַדריד האָט ניט געהאַט קיין מאַשינען פאַר פּראָדוצירן אַמוניציע. זענען גע־קומען קאָמוניסטן און צוזאַמען מיטן מעטאַל־סינדיקאַט איז גע־שאַפן געוואָרן אַ פאַרבאַנד מיטן נאָמען „פּעראַבעלום". דאָס איז אַ צוזאַמענשטעל פון צוויי לאַטייניש ווערטער: „פּערא"—אייזן, און „בעלום" — קריג־אייזן פאַרן קריג.

האָט מען צוזאַמענגעשלעפּט טיילן פון וואַנען עס האָט זיך געלאָזט, טראַנספאָרמירט פון אַלט אויף ניי, איבערגעאַרבעט און צונויפגעשטיקעוועט אַ קריג־אינדוסטריע אין מאַדריד אונטערן נאָ־מען „פּעראַבעלום"!

די פאַבריקן פון „פּעראַבעלום" זענען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט און אַרבעטן שלאָגלעריש אונטער די קעסיידער־דיקע באָמבאַרדירונגען פון סוינע.

אין „פּעראַבעלום" ווערן אויסגעאַרבעט האַנט־גראַנאַטן, שראַפּנעלן, מינען־וואָרפער און אַבוזן צו לייכט־קאַליבערדיקע האַרמאַטן. אין „פּעראַבעלום" אַרבעטן 60 פּראָצענט פרויען. איך האָב געזען געוועזענע שניידערינס, סטודענטקעס און פּויערטעס שטייען ביים טאָקער־וואַרשטאַט און ביים הייסן שמעלץ־אויוון אָפּ־גיסן די פאָרמען פון שראַפּנעלן און גראַנאַטן.

— דאָרט איז קאַראַבאַנטשעל אַלטאַ, פון דאָרט זעט אונז דער סוינע — האָט צו מיר געזאָגט דער דירעקטאָר פון „פּעראַבעלום" בעיס מיר זענען געקומען צו איינע פון די „פּעראַבעלום"־פאַבריקן אויפן נאָמען פון „פּאַסיאָנאַריא". דער דירעקטאָר האָט מיר דער־קלערט:

— אין פאַבריקן פון „פּעראַבעלום" אַרבעטן 2 טויזנט אַר־בעטער דערפון 12 הונדערט פרויען. דאָס זענען פרויען, וואָס האָבן זיך געשטעלט אונטער דעם לאָזונג: „פרויען, פאַרטרעט אייערע מענער אין די פאַבריקן". אַסאַך פון זיי זענען אַליין שוין געווען אויפן פראָנט אַלס מיליציאָנערקעס.

אין דער לאַנגער האַלע פון אַ געוועזענעם רעליגיעזן סעמי־נאַר, וווּ עס געפינט זיך איצט די „פּעראַבעלום"־ פאַבריק אויפן נאָ־מען פון דער „פּאַסיאָנאַריא", זענען געשטאַנען מיידלעך אין בלאָע

מענער־קאסטיומען. אויף די געשמינקטע, ראזע באקן איז געלעגן דער שוואַרצער ריס פון מעטאַל, ביי וועלכן זיי האָבן זיך געפּאַ־רעט. ווען איך האָב געפרעגט איינע פון זיי, וואָס מען האָט מיר פאַרגעשטעלט אַלס פויערטע און געוועזענע מיליציאַנערקע, צי זי וויל ניט בעסער גיין אויפן פראָנט, האָט זי מיר געענטפערט :

— ביי אונז איז אומעטום דער פראָנט ; דאָ, וווּ מען אַרבעט פאַרן קריג איז דער פראָנט.

איך האָב זיך באַקענט מיט דער רייכער קולטורעלער טעטי־קייט, מיט דער אינטערעסאַנטער וואַנט־צייטונג, וווּ עס זענען אויסגעהאַנגען די רירנדיקע בריוו פון די סאָלדאַטן אויף די פראָנטן צו זייערע פרויען און גאַנצן פערסאָנאַל פון „פּעראַבעלום". מען האָט מיר אויך געוויזן די אונטער־ערדישע הייל, וווּ עס ווערט אָנגעפילט דער אויפרייס־מאַטעריאַל.

יעדע מינוט שמעקט דאָ מיט געפאַר פון ווערן אויפגעריסן. אָט ביי די אומשטענדן ; ביי דעם טעגלעכן האָגל פון באָמבעס שטייען פרויען און אַרבעטן איבערגעגעבן און מיט ענטוזיאַזם פאַר זייערע מענער, וואָס געפינען זיך אין די טראַנשייען בלויז צוויי קילאָמעטער פון דאַנען.

איר זוכט דעם סאָד פון מאַדרידס לאַנגן און העלדישן ווי־דערשטאַנד אָט איז ער... „פּעראַבעלום" !

* * *

„פּעראַבעלום" און... מאַראַלעכא.

אונטער די באָמבעס פון סוינע פּראָדוצירן די פרויען „אייזן פאַרן קריג". אונטער די באָמבעס פון סוינע ווערן געשאַפן קינ־דער־היימען, וווּ עס הערשט קינדערישע פרייד און קינדער־געלעכ־טער. דאָס מאָל געהערט עס שוין צו דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

און די מאַיסע הויבט זיך אָן אַזוי :

15 קילאָמעטער אויף צאָפן - מאַירעוו פון מאַדריד געפינט זיך אַן אַלטער שלאָס מיט אַ גיט, וואָס הייסט „לאַ מאַראַלעכאַ". האָט דאָרט געלעבט אַן אַלטע מאַרקיזן פון 81 יאָר, וואָס איז געוואָרן באַדינט פון 40 מענטשן, 2 גאַלאַכים און געהאַט איינקונפט פון אירע רענטעס 7 טויזנט פעזעטן טעגלעך. דעם 18־טן יולי איז, פאַרשטענדלעך, די מאַרקיזן מיט די צוויי גאַלאַכים אַנטלאָפן. די 40 באַדינער האָבן פון די מאַרקיזנס ערד געמאַכט אַ קאָלעקטיוור־איינגנטום. און דער שלאָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אגרי־

קולטור־מיניסטעריום. ווען איז קאָסאַ דעל קאַמפּאָ און ביי דער פראַנצויזישער בריק האָבן די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן איינגעהאַלטן דעם פּאַרויסמאַרש פון די פאַשיסטישע טרופּן, האָט דער טעלמאַן־באַטאַליאָן דאָ געהאַט זיין רעזערוו־שטעלונג. זענען די טעלמאַניסטן אַוועק צו אַנדערע פראָנטן און האָבן אַזוי געזאָגט :

— אין די קעלערן פון די מאַדרידער פאָרשטעט, אין די שטיקענדיקע מעטראָס ליגן אַזויפיל קינדער אָן ליכט און אָן פרייד. פיל פון זיי האָבן זייערע טאַטעס אויף די פראָנטן און זענען עפּשער שוין געפאַלן, זאָל פון מאַראַלעכאַ ווערן אַ קינדער־היים אויפן נאָמען פון ערנסט טעלמאַן און מיר וועלן זאָרגן, אַז עס זאָל די קינדער גאָרניט פעלן.

אַזוי האָבן די טעלמאַניסטן געזאָגט און עס איז אָנגעקומען די ערשטע גרופּע קינדער קיין מאָראַלעכאַ.

זאָגן די טעלמאַניסטן זיך אָפּ פון עסן שאָקאָלאַד, פון מילך און שיקן עס איבער די קינדער. קומען דעלעגאַציעס פון די אינטערנאַציאָנאַלע גרופּן און ברענגען מאַטאָנעס, שפּילצייג און טולען דאָס קליינוואַרג צו זיך, ווי דאָס וואָלט געווען אייגנס. און גלעטענדיק די צאַרטע קעפּלעך פון די עספּעראַנצאָס און מאַרוכאָס דערמאָנט מען זיך אין דער היים, פרוי און קינד, וואָס זענען איצט אַזוי ווייט, אָפּגעשניטן פון זיי...

איך האָב פאַרברענגט אַ טאָג צייט מיט די סינדער אין מאָראַלעכאָ. איך האָב אויך בייגעוווינט אַסאַך פריידיק־קינדערישע געזאַנג, טענץ, מוזיק און פאַרשידענע שפּילערייען. הילכיק קינדעריש געלעכטער האָט געקלונגען אין ברייטן, לאַנגן פעלד און וואַלד. צופעליק האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם לערער :

— ווי ווייט זענען מיר דאָ פון פראָנט ?

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און מיר געוויזן אין דער זייט פון מאַירעוו :

— אָט דאָ ניט ווייט, בלויז עטלעכע קילאָמעטער...

# אַ וואַנט פון פעלקער פאַרטיידיקט מאַדריד

„אויף אַלע פראָנטן אַרום מאַדריד קעמפט די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע אויף די שווערסטע פּאָזיציעס. זיי האַלטן אָפּ מיט זייערע באַיאָנעטן די שווערע טאָג־טעגלעכע אַטאַקעס פון סוינע".

(די שפּאַנישע פּרעסע — נאָיועמבער 1936).

„די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע האָט ניט בלויז באַוויזן, אַז זי איז פעיק צו קעמפן מיט העראָיזם און דיסציפּלין. זי איז אויך באַהערשט פון אַ הויכן קאַמף־גייסט, וואָס גיט איר דעם באַוווסטזיין, פון איר היסטאָרישע ראָל, וועלכע זי שפּילט קעגן שפּאַנישן און אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם".

(די מאַדרידער פּרעסע — נאָוועמבער 1936).

* * *

סאָף אָקטאָבער, אָנהויב נאָוועמבער. די שטיינער פון מאַדריד האָבן דערפילט די טריט פון פרייען אייראָפּע. די טריט פון דער וועלט.

עס האָבן מאַרשירט פון פאַריז און פון לאָנדאָן, פון פּראָג און ווין. פון בודאַפּעשט, אַמסטערדאַם, בריסל; פון בעלגראַד, סאָפיע, וואַרשע, טעל־אַוויוו. פון צאָפן און דאָרעם־אַמעריקע. פון די פּיליפּינער אינזלען. פון בערלינער פאַרשטעט. פון מילאַן און סיציליע.

עס האָבן מאַרשירט שוואַרצע, ווייסע, געלע. מיט קורצע נעזן און — לאַנגע נעזן. הויכע און נידעריקע, בלאָנדע און ברונעטע. פון בעלוויל און כינעזישן קוואַרטאַל. פון בראָנזוויל און האַרלעם, פון וויטשעפּל און איסט־סייד.

52 פעלקער.

אַ רעגן־בויגן פון ראַסן.

אַ סימפאָניע פון שפּראַכן.

זייער אָפּשטאַם — פון פּויערישע כאַטעס. פון קעלער־שטובן. באַלעבאַטישע היימען און פּאַלאַצן.

זייער בילדונג און דערציונג — דאָס האַרטע לעבן. קאַמף פאַר טעגלעך ברויט. גימנאַזיעס, אוניווערסיטעטן — טפיסעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דאָס זענען קוילנגרעבער און פּראָפעסאָרן. שניידער און דאָקטוירים. דאָס זענען פּויערים, פּאָעטן, קינסטלער, שרייבער און צייטונג־פאַרקויפער.

יעדעס פאָלק האָט אַ געשיכטע, יעדע געשיכטע — אירע

העלדן. און העלדן, וואס זענען איינגעקריצט אין הארץ פון א פאלק, זענען העלדן פון פרייהייט.

גאריבאלדי, דאמבראווסקי, טעלמאן, לינקאלן, באטווין.

דאס וועלן זיין נעמען פון באטאליאנען, וואס וועלן רעפרע־זענטירן זייערע פעלקער.

האט ניט מיצקעוויטש געזאגט: „פאליאקן זענען דארט, ווו מען קעמפט פאר פרייהייט".

האבן ניט פאליאקן זיך געשלאגן פאר דער פרייהייט און אומאפהענגיקייט פון אמעריקע און אנדערע פעלקער? און אין דער זייט פון פראנצויז לאפאיעט האט זיך געפונען דער דייטש פאן סטעאובען און דער פאליאק קאשטשושקא.

האט ניט לארד בייראן אוועקגעלייגט זיין פעדער און אוועק העלפן די גריכן? ער איז מער ניט צוריקגעקומען.

לארד בייראן האט דאן געשריבן:

„ווען איך וואלט געהאט דעם גאב, וואלט איך שטיינער געלערנט, צו בארשטעלן דעם וועג דעם טיראן אויף דער ערד".

האבן ניט די בערעק יאסעלעוויטשעס און אנדערע יידישע העלדן פון אלע צייטן און דורות, זיך געשלאגן מיט געווער אין האנט פאר פרייהייט און אומאפהענגיקייט פון אנדערע פעל־קער?

און זיי זענען געקומען. די אויטענטישע יארשים פון אלע פעלקערס פרייהייטס־טראדיציעס: דער דייטשער קייזערלעכער אפיציר האנס מיטן פראנצויזישן קאמענדאנט דומאן — צוויי אמאליקע סאנים פון ווערדון. אנדרע מארטי, דער העלד פון שווארצן יאם און האנסביימלער — דער פארמישפעטער צום טויט אין דאכאוער קאנצענטראציע־לאגער. דער ענגלישער ראמאניסט ראלף פאקס, דער גלענצנדיקער בעלעטריסט און אונגארישער קאמונאר זאלקא מאטע. (מיר קענען אים שפעטער אונטערן נאמען: גענע־ראל לוקאש).

און צווישן זיי... ווער זען איך?

ניין. טאקע ניט קיין בערעק יאסעלעוויטש... אבער דער־פאר יידישע שניידער פון פאריז, בייטל־מאכער פון בריסל, סטא־לארעס פון כייפע, שוסטער פון סמאטשע און וועבער פון באלוט, פון קישעניעוו, פון בראטיסלאווא און פון וואנען ניט?

זיי זענען געקומען מיט שיפן. זיי זענען געווען באהאלטן אונ־טער די בענק פון די באנען. געגאנגען הונדערטער קילאמעטער צו־

פוס. געשמוגלט זיך אַסאַך גרענעצן און געוואַנדערט פון איין טפיסע אין דער צווייטער.

— ווּעמען זע איך דאָ ? — אַ פופציק־יאָריקן ייד, אַ הענדלער פון שטראַסבורג.

— ווער ? ווער, וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ ייד פון 50 יאָר זאָל איבערלאָזן האָב און גוטס און קומען קעמפן מיט געווער אין האַנט אין אַ ווייט און פרעמד לאַנד ?

— פאַרוואָס ביזטו אייגנטלעך, יידישער הענדלער פון שטראַס־בורג געקומען קיין שפאַניע ? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווייל איך וויל ניט, אַז מיינע קינדער זאָל מען טרייבן אַזוי ווי אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד, ווייל איך וויל ניט, אַז מיינע עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט זאָלן געטראָטן ווערן מיט די פיס; ווייל איך וויל ניט, אַז דער ראַסן־האַס זאָל מיך דערנידעריקן און פאַרשעמען ; ווייל איך וויל האָבן דיזעלבע רעכט אויף אַרבעטן, לעבן און עקסיסטענץ, ווי אַלע מענטשן.

אַזוי האָט מיר געענטפערט אין שפאַניע דער 50־יעריקער שלאָמאָוויטש.

— און דו אַרלאָווסקי, עלטערער פוילישער קוילנגרעבער פון נאָרד־פראַנקרייך, פאַרוואָס ביזטו געקומען קיין שפאַניע און מיט־געברענגט דיין גאַנץ פאַרמעגן — די 4 שטאַרקע זין ?

דער אַלטער אַרלאָווסקי איז דאַן געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער אין שפיטאָל פון מאַדריד, ווען די פראַגע איז אים געשטעלט גע־וואָרן.

— ווייל דער פוילישער פאַשיזם, וואָס שטיצט אונטער פראַנקאָ, האָט דערפירט דעם פוילישן אַרבעטער און פויער צו דער העכסטער שטופע פון נויט. ווייל דעם רעזשים, וואָס מען וויל איינפירן איצט אין שפאַניע, האָט פאַרניכטעט אין מיין לאַנד די פרייהייט פון אַרבעטער, פויער און בירגער.

— און דו פריץ פון האַמבורג, פאַרוואָס ביזטו געקומען ?

— איך האָב ליב מיין היים־לאַנד. און גראָד ווייל איך האָב עס ליב, האָב איך עס געמוזט פאַרלאָזן. וואָס פאַראַ ווידערשפרוך, דאָך איז עס אַזוי. ווייל דאָרט הערשט די אומווירדיקסטע באַר־באַריי, די פינצטערסטע רעאַקציע אויף אַלע געביטן. די מיטל־אַלטערלעכע רעאַקציע וויל אָבער ניט בלייבן שטיין אין דייטש־לאַנד, נאָר וויל פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט. זי וויל דעם קריג, זי וויל צעשלאָגן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד מיט אירע פאַרבינדעטע, די

דעמאָקראַטיעס. איך ביז געקומען אַהער, ווייל דער קאַמף אין שפּאַניע איז ניט בלויז אַ זאַך פון שפּאַנישן פאָלק, אויב ניט דער קאַמף פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיע. עס איז דעריבער די העכסטע, מאָראַלישע פליכט פון יעדן מענטש, וואָס האָט ליב פרייהייט און קולטור צו פאַרטיידיקן דאָס שפּאַנישע פאָלק.

— און דו, ראָזשע דיבוא, פאַרוואָס האָסטו געלאָזן דיין גוטן פּאָסטן און דאָ געקומען ?

— ווייל דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניע איז די גאַראַנטיע פאַר פראַנקרייכס זיכערקייט, ווייל נאָך מאַדריד קומט פּאַריז. דאָס דייטשע און איטאַליענישע געווער פאַר פראַנקאָ איז געצילט אין אונזער לאַנד פון דעמאָקראַטיע און שאָלעם.

און דו בובעניטשעק ?... און — וואַז דייק ? בראַקאָ ? און וויליאַם ? — אַלע, אַלע ווייסן, וואָס זיי ווילן ; אַלע האָבן איין ציל ; אַלעמען בינדט איין פאַרלאַנג — שלאָגן דעם פאַשיזם !

אין קאַסאַ דעל קאַמפּאָ, ביי דער פראַנצויזישער בריק און ציודאַד אוניווערסיטאַריאַ, האָבן די אינטערנאַציאָנאַלע געשטעלט די ערשטע וואַנט.

אומעטום, וווּ אינטערנאַציאָנאַלע זענען דורך, האָט געשטראָמט צו זיי ליבע און באַגייסטערונג. אין די קאַפעס האָט מען זיי ניט געלאָזט צאָלן. אומבאַקאַנטע פרויען האָבן געבראַכט מאַטאָנעס.

אין טראַמוויי פאָרן מיר אַ גרופּע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. מען רעדט הויך און פריי אויף עטלעכע שפּראַכן וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכעס צום קריג. שפּאַניאָלן שטעלן זיך אויף פון די ערטער און שטייען מיט אָפענע מיילער, הערן זיך צו און ווילן עפּעס פאַרשטיין. עטלעכע בעטן אונז פאַרנעמען זייערע פּלעצער. אַנדערע כאַפּן זיך באַצאָלן פאַר אונזערע בילעטן. עטלעכע זאָגן זיך אָפּ פון דעם קאַוועד. — עס איז אַן אומזין — רופט זיך אָפּ איינער צווישן אונז — פאַרוואָס שטערן זיי די פרייד צו קענען מאַניפעסטירן דורך די 15 סאַנטים זייער דאַנקבאַרקייט פאַר דער העלדישער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע ? אַלע האָבן פאַרשטאַנען. דער שפּאַניאָל איז איבערגליקלעך, וואָס מען האָט אים דערלויבט צו צאָלן.

אַן אַלטער שפּאַניאָל זאָגט צו מיר :



דער בייסוילעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע הינטער מאַדריד. אויף דער וואַנט דער אויפ־
שריפט אויף פראַנצויזיש: „פרייוויליקע פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. העלדיש געפאַלן
פאַר דער פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק; פאַרן ווילזיין און פּראָגרעס פון דער מענטשהייט“.

— ביי מאַדריד קעמפט מען שוין ניט קעגן פראַנקאָ, היינט קעמפט מען שוין קעגן דייטשלאַנד און איטאַליע.

אויפן הימל איבער מאַדריד איז פאָרגעקומען דער ערשטער לופט־קאַמף: דריי־מאָטאָריקע „קאַפּראָנים" מיט „פיאַטס", „יונ־קערס" און „הענקעלס", קעגן די רויטע „טשאַטאַס", וואָס זענען דאָס ערשטע מאָל אַנטקעגנגעפלויגן.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע צווישן צוויי סטאַ־דעס פייגל: אַ רויטער יאַגד־אַעראָפּלאַן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן רוקן פון אַ ריזיקן „יונקער" ווי אַ פלינקער בוקס אויפן רוקן פון אַ העלפאַנט און געביסן און געשטאָכן, ביז דער לעצטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ באַרג רויך.

טויזנטער מענטשן האָבן אויף די גאַסן פאַריסן די גאָרגלען, געשריגן פון היספּאַילעס ביז הייזעריק ווערן:

— וויוואַ רוסיאַ! וויוואַ רוסיאַ!

אין יענע טעג באַווייזן זיך קאַריקאַטורן אין דער מאַדרידער פרעסע, ווי אַ מעכטיקער רוסישער בער שטייט מיט אַ בעזעם און קערט אַראָפּ פון הימל אַלע פיינטלעכע אַוויאָנען.

מאַדריד קען שלאָפן רואיק. ביי קאַסאַ דעל קאַמפּאָ, ביים מאַנטסאַנאַדעס און ציודאַד אוניווערסיטאַריאַ שטייט אַ מויער פון אַלע פעלקער און ראַסן.

און צווישן דעם בלוט פון אַזוי פיל פעלקער און ראַסן, וואָס דאָ איז אָנגעזאַפּט, איז אויך אויסגעמישט אונזערס — יידיש בלוט: פון אונזערע אײַנזלשטיינס, נאַכומים, ניימאַנס, איזראַעלס, שאַפּ־סעס קאַצס, מולקעס, עלקאַנס, שלוימע גוטמאַנס, ביידע ברידער אַקערמאַן, מאַניעקס, קאַראַלס און צענדליקער און צענדליקער אַנדערע.

צווישן פיר פאַרקאַנעס פון רויטע ציגל, אויפן וועג פון פוענ־קאַראַל קיין על פאַרדאָ זענען אויסגעלייגט לאַנגע שורעס מיט ווייסע מירמלנע ברעטלעך און צוקאָפּנס פון זיי, אויף דער מויער פון פאַרקאַן הענגט אַ גרויסער מאַרמאָרענער שילד:

„אינטערנאַציאָנאַלע פּריוויליקע, העלדיש געפאַלן פאַר דער פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק, פאַרן וויל־זיין און פּראָגרעס פון דער מענטשהייט".

אַסאַך פון די ברעטלעך זענען געבליבן ווייס. אָדער מיט אַ צושריפט — „אומבאַקאַנט". צווישן די באַשריבענע קען מען

לייענען : הערש מאַקס — דייטש. שאַפּיראָ דאַוויד — אַמערי־קאַנער. אַנטעק קאַבאַנעק — פּאָליאַק. אַבעל מאַרסעל — פראַנצויז. פּעאַל ראַמונדאַ — איטאַליענער, פּערקאַנטעל יאָסעף — בעלגיער, הערמאַן ברוידע — דייטש, יאָסעף יאַקאַבסאָן — אַמעריקאַ־נער.

און אַ ברודער־קייווער — וועסלער הערש — פּאַלעסטינע און הערצי — פראַנצויז.

זארמולאַוויטש לעאָן — רום און דערנעבן — דער יוגאָסלאַוו בלאַגאָי פּאַראָוויטש.

מענטשן האָבן אַוועקגעגעבן דאָס העכסטע, וואָס אַ מענטש קען געבן — דאָס לעבן. דאָס טייערסטע פאַר מאַדריד...

## די צוועלפטע בריגאַדע

אין לאָס־ראַזאָס, אין דעם זומער־וווינונג־שטעטעלע הינטער מאַדריד, דאַרף זיך געפינען דער שטאַב פון דער 12־טער ברי־גאַדע.

די גאַנצע 30 קילאָמעטער פון שאָסיי איז קריג־זאָנע. אַכוץ מיליטערישע אויטאָס, וואָס לויפן מיט דער גרעסטער שנעלקייט, זעט מען ניט קיין אַנדערע. דער וועג איז פּוסט. דער גערויש פון מאָטאָר פּאַרטויבט די שיסעריי. בלויז אין דעם נאָענטן אָרום הויבט זיך אויף אַ וואָלקן־שטויב — אַ באָמבע האָט אויפגעריסן. די באַפעלקערונג האָט שוין לאַנג פּאַרלאָזט די געגנט און די שיינע ווילעס זענען פּאַרלאָזן פון די באַלעבאַטים. אַסאַך פון זיי האָט פראַנקאָ שוין געשיקט מאַטאַנעס...

מיליציאָנערן ליגן אויף די זייטן פון וועג. ליגן אויסגעצויגן ווי סטרונעס. זיי זענען צוגעגרייט צו די אָפטע וויזיטן פון דער פיינטלעכער אוויאַציע און רוען זיך אויס אין דערזעלבער צייט.

אין דעם שמאָלן געסל הערשט אַ טויט־שטילקייט. דער אויטאָ רייסט זיך אריין מיט טומל און מאַכט אויפציטערן דעם אָרום :

— דאָ איז דער שטאַב פון דער 12־טער בריגאַדע ?

קיינער פּאַרשטייט ניט קיין וואָרט שפּאַניש.

— אַכוץ שפּאַניש רעדט מען דאָ אויף אַלע שפּראַכן — זאָגט צו מיר אַ קליינער אונגאַר אין אַ צעצויגענעם פראַנצויזיש.

דער שטאָב האָט זיך איבערגעצויגן. די אומשטענדן האָבן אַזוי געפאָדערט. געבליבן איז בלויז דער טעלעפאָן, וואָס ווערט באַדינט דורך דריי יידן: פיער דער לערער־פּאָעט פון פּאַריז, אַראָנסאָן דער לאַנד־אַרבעטער פון אָרלע און לאַנקעוויטש אַ בייטלמאַכער.

דאָס קעסטל פון פעלד־טעלעפאָן קלינגט מיט אַ טויבן קלאַנג. איינער פון די דריי לויפט צו, ווארפט אריין'אַ פּאָר מידע, אָפּגעריסענע „יאָ" אָדער „ניין" און קומט צוריק. פון דרויסן הערט זיך אַ געשריי.

— אוויאַציע!

מען לויפט — וואָס פּאַרא אומזין... 5 מעכטיקע „יונקערס" באַשיצט פון 10 יאַגד־מאַשינען זענען איבערן קאָפּ.

— דאָ, אונטערן פּאַרקאַן דאַרף מען זיך באַהאַלטן — זאָגט צו מיר פיער.

אונטערן פּאַרקאַן איז פול מיט מענטשן־מיסט. כאָטש נעם און צי זיך אויס אין דעם. ווען דאָס וואָלט כאָטש געהאָלפן...

מען לויפט אַ פּאָר מעטער ווייטער און מען ווארפט זיך אוועק לעבן טעלעגראַפן־סלופּעס. עס איז אַלץ איינס... דער מעכטיקער גערויש מאַכט אַלץ אויפציטערן אין דיר.

אַ פייפעריי רייסט דורך די לופט. אין דעם געדיכטן טייל פון שטעטל האָבן זיי אַראָפּגעלאָזן עטלעכע 50־קילאָדיקע... מען הערט נאָענטע קראַכן און בערג רויך הויבן זיך צום הימל.

אַ געדיכט סאָסנע־וועלדל. צווישן די בוימער שטייען אויטאָמאָבילן באַדעקט מיט צווייגן. דער גענעראַל לוקאַש, אַ פעסט־געבויטער, פון מיטעלן וווקס קומט אָן, ער גיט אינסטרוקציעס און זיי ווערן גלייך אויסגעפירט. דער אויפן פון זיין געבן באַפעלן מאַכט מער דעם איינדרוק אויף כאַוועריש אָנווייזונגען, ווי אויף גענעראַלישע באַפעלן. מיטן אַלטן מאַרים דעם אינסטרוקטאָר פון די פראָנט־טעלעפאָנען אונטערהאַלט ער זיך לאַנג.

וועגן אַלטן 50־יאָריקן מאַרים שפּאַרן זיך אַלע: איינער זאָגט, אַז ער איז אַ פּוילישער און איינער, אַז ער איז אַ דייטש, ווייל ער רעדט פּויליש און דייטש זייער פליסיק. מיט יידישקייט האָט זיין אויסערלעך אויסזען גאָרניט צו טאָן. דער עמעס איז, אַז ער איז אַ קראָקעווער ייד און האָט געדינט אין דער עסטרייכי־

שער אַרמײ אין דער צײַט פֿון דער וועלט־מלחמה... דאָ גייט ער אַרום גאַנצע נעכט איבער די פֿעלדער און פֿאַרלייגט טעלעפֿאָנדראָטן.

ער איז דאָ אַ גרויסער יאַכסן, אַלע ווייסן, אַז גענעראַל לוקאַש רירט זיך ניט אָן אים פֿון דאַנען ביז אַהין.

די פֿײַנטלעכע אַוויאַציע גיט קעסיידער אירע וויזיטן. דאָס קליינע וועלדל און דאָס שטעטל על־פּלאַנטיאַ איז שוין הײַנט 6 מאָל באָמבאַרדירט געוואָרן.

גענעראַל לוקאַש באַפֿעלט שוין הײַנט צום דריטן מאָל איבערצוטראָגן דעם שטאַב. דעם סוינעמס אַוויאַציע פֿאַרפֿאָלגט אים דעם גאַנצן טאָג.

איך נוץ אויס אַ מאָמענט, ווען לוקאַש דערנענטערט זיך צו זײַן אויטאָ, קעדײ צו שטעלן אויף גיך עטלעכע פֿראַגן. מײַן לאַגע בײַ די אומשטענדן איז אַפֿילו ניט קיין באַקוועמע... אָבער אַ רעפּאָרטער דאַרף שטענדיק פּרוּוון.

— מיט וואָס דערקלערט זיך דער הײַנטיקער אָנגריף? — פֿרעג איך.

ער שטייט שוין מיט איין פֿוס אויפֿן טרעפּל פֿון אויטאָ. קאַלטבלוטיק ענטפֿערט ער מיר:

— אַלע פּרוּוון זיך דורכצורײַסן דורך קאַסאַ דעל קאַמפּאָ און אוניווערסיטעט־שטעטל האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן. זיי ווילן איצט אויסברייטערן דעם פֿראָנט אַרום מאַדריד און אָפּרײַניקן דעם וועג פֿון עסקאָריאַל, אָט פֿאַרוואָס אונזער באַוועגלעכע בריגאַדע איז איבערגעוואָרפֿן געוואָרן דאָ אַהער.

גענעראַל לוקאַש איז קאָמענדאַנט פֿון דער צוועלפֿטער בריגאַדע. גענעראַל לוקאַש איז באַליבט בײַ די סאָלדאַטן. זײַן פֿאַשעטקייט, זײַן זאָרג פֿאַרן סאָלדאַט, דאָס באַווײַזן זיך פֿון אים אָפֿט אין דער ערשטער ליניע, האָט אים געמאַכט געוואַלדיק פּאָפּולער בײַ אַלע זײַנע טרופּן.

לוקאַש איז שפּעטער געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט פֿון אַראַגאָן בײַם אָנפֿירן די אָפֿענסיווע אויף הועסקאַ.

דער פּוילישער באַטאַליאָן האָט באַוויזן עטלעכע טעג זיך אויסרוען און איז שוין צוריקגעשיקט צו די פּאָזיציעס. פֿון שטאַב פֿירט מען עסן און אַמוניציע פֿאַרן באַטאַליאָן.

לויט אַלע אויסרעכענונגען האָבן די פּאַליאַקן זיך באַדאַרפט געפינען אין מאַכאַדאהאנדאַ.

מיר קומען צום שטעטל פארן פראָנט. אַלע נאָכפרעגענישן אויפן פּוילישן באַטאַליאָן גיבן ניט קיין רעזולטאַטן. מען טעלע־פאָנירט אין שטאַב. קיינער ווייסט ניט, וווּ די פּאַליאַקן קעפונען זיך. עס איז איבערגעריסן יעדע פאַרבינדונג מיט דעם באַטאַל־יאָן.

מיין אויטאָ פון קריג־מיניסטעריום קערט זיך אום, און איך פאָר מיטן אויטאָ פון שטאַב זוכן דעם פאַרלוירענעם באַטאַליאָן.

אויף אַ ווילדן וועג דאַרפן מיר דורכמאַכן 5 קילאָמעטער צום „רויטן הויז”. דער וועג איז אַ פלאַכער, די פיינטלעכע אַרטילעריע קלאַפּט אָן אויפהער און זוכט די רעפּובליקאַנישע באַטעריעס, וואָס געפינען זיך ניט ווייט פון דאַנען.

פאַר אַ נידעריק בערגל קומען אַנטקעגן די לאַנטשניקעס (פאַרבינדונג־מענער) און גיבן איבער, אַז עס איז אומזיסט דאָס זוכן, ווייל די פּאַליאַקן זענען דאָ ניטאָ.

דאָס פאָרן ווייטער וואָלט געקענט פּראָוואָצירן אונזער פּאָ־זיציע פאַר דער פיינטלעכער אַרטילעריע. מען באַשליסט זיך אומ־צוקערן מיטן עסן און אַמוניציע און אונטערוואַרטן ביז די נאַכט וועט צופאַלן.

מיר קערן זיך אום, אָבער די פאַשיסטישע אַרטילעריע יאָגט אונז שוין נאָך. דער שאָפער שטרענגט אָן אַלע קויכעס און טרייבט דעם מאָטאָר מיט דער גאַנצער קראַפט איבערן ווילדן וועג. באָמ־בעס פון זיבן אַ האַלב קאַליבער רייסן אויף. איינע פאַר אונז, הינטער אונז און פון ביידע זייטן. סטאָשעק, וואָס איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דער דערנערונג, יאָגט אונטער דעם שאָפער: „ווייט! ווייט!”

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מען געגלויבט, אַז מען איז פאַרלוירן: פאַר אונז האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב. עס איז געוואָרן פינצטער. מען האָט מער ניט געזען קיין אויסגאַנג. אָבער — אַדורכגעריסן די פינצטערניש, האָבן מיר זיך שוין גע־פונען אויפן שאָסיי.

איבערגעקומען די געפאַר!...

מיר קוקן זיך איבער — ווי אַזוי געפינט מען זיך נאָך דאָ לעבעדיקע?

אַנטעק קאַכאַנעק איז ביי דער מיינונג, אַז מען זאָל גאָר־ניט טאָן און צוּוואַרטן ביז עס וועט צופאַלן די נאַכט. סטאַשעק איז אָבער אומרואיק און האַלט, אַז מען דאַרף ביז אָוונט אויך עפּעס טאָן, קעדיי צו געפינען די כאַווירים. עס זענען אַרויסגע־שיקט די פאַרבינדונג־מענער אויף מאַטאַציקלען צו דער פּאָזיציע און שטאַב, מיר אַליין לאָזן זיך צו די טעלעפאָן־פּונקטן.

אַנטעק קאַכאַנעק איז איז אַ קורצער צייט אַרום געפאַלן.

מיר פאָרן אַדורך אַ לאַנגן פּאַרק און קומען צו צו אַן איינ־זאַמע ווילע. דער טעלעפאָן וועט דאָ באַדינט דורך דעם יידישן אַרבעטער מענדל פון בעלוויל. מען בעט אים צו שאַפן די געהע־ריקע פאַרבינדונג, קעדיי זיך עפּעס צו דערוויסן פון פאַרלווירענעם באַטאַליאָן. מענדל טוט עס גלייך. מיר שטייען אַלע אַרום און זע־נען צוגעגרייט צו הערן אַ „ראַפּאָרט" אויף שפּאַניש אָדער פראַנ־צויזיש, וואָס מענדל וועט פאַרלאַנגען.

אָבער דאָ הערט מען, ווי מענדל שרייט אַריין אין טרייבל אויף פּראָסט מאַמע לאָשן:

— הער נאָר דו, דער גענעראַל לוקאַש איז ניטאָ? דו מוזט אים אויפזוכן! דו מוזט! אויב ניט וועסטו זיך אויסריכטן אַ שוואַרץ־יאָר...

די סצענע געדויערט עטלעכע מינוט, ווייל דער פּאַלעסטינער סאָקאָל, וואָס געפינט זיך ביים צווייטן אַפּאַראַט, מיט וועמען מענדל רעדט, זידלט אים אָפּאַנים צוריק. און לויט מענדלס רעפּליקן דערקענט מען, אַז דאָס — אויף אַ גאַנץ זעלנערישן אויפן... אין די שווערע מינוטן, ווען אַלץ אַרום אָטעמט מיט טויט, איז אומ־מעגלעך זיך ניט פונאַנדערצולאַכן פון דעם אָריגינעלן ווערטער־אויסטויש, וואָס קומט דאָ פאָר דורכן פראָנט־טעלעפאָן ביי מאַד־ריד צווישן צוויי יידישע אַרבעטער, וואָס איינער קומט פון פאַ־ריזער בעלוויל און דער צווייטער פון פּאַלעסטינע...

מענדל קומט צום סאָף צו און גיט איבער, אַז עס איז איבער־געריסן יעדע פאַרבינדונג מיטן שטאַב און די אַנדערע פּאָזיציעס. עס הערשט צווישן אונז אַ נידערגעשלאָגנקייט.

דער איינציקער, וואָס האָט ניט פאַרלוירן דעם הומאָר איז העניעק דער וואַרשעווער. ער האָט טאָמיד אַ וויץ, וועלכן ער זאָגט אַרויס מיט דראַמאַטישער ערנסטקייט. פון אָנהויב כאַפּט זיך קיי־

נער ניט דערויף. ערשט שפּעטער געפינט מען, אַז עס איז געווען אַ וויץ...

די נאַכט פאַלט צו. אויפן וועג האָבן זיך צונויפגעקליבן אויטאָס, סאַניטאַרן־אַמבולאַנסן און מען זוכט די „דאַמבראַוושטשאַקעס". עס קומט דער פאַרבינדער „מאַראַקאַ" (ער האָט געדינט אין פרעמדן־לעגיאָן) און גיט איבער, אַז ער האָט זיי אויפגעזוכט.

די אַוויאַציע האָט ניט צורו־געלאָזט אַ גאַנצן טאָג, און דער באַטאַליאָן איז ביים איבערגיין אויף די נייע פּאָזיציע, קעסיידער באַשאָסן געוואָרן. בלייבנדיק אויפן וועג האָט דער באַטאַליאָן אינבערגריסן יעדע פאַרבינדונג מיט די פליגלען און שטאַב.

אויפן זעלבן וועג, פון וואַנען מיר האָבן זיך אין מיטן טאָג צוריקגעצויגן, ציט זיך אַ קאַראַוואַן מיט אויטאָס און טאַנקן. דער וועג איז צעלעכערט פון דער באָמבאַרדירונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן א גאַנצן טאָג אָן איבערייס, און דער אויטאָ הינקט אַמאָל אויף לינקס און אַמאָל אויף רעכטס.

מיר שטעלן זיך אָפּ. אַ בלאַסער לעוואַנע־שיין באַלייכט דאָס פעלד. די נידעריקע נאָדל־ביימער באַהאַלטן צווישן זיך די מענטשן מיט זייער געפּעק.

אויף דער גאַנצער לענג זענען אויסגעשטעלט די פיר קאָמפּאַניעס. דער קאָמענדאַנט שקלינאַזש, דער קוילנגרעבער פון נאָרד־פראַנקרייך, פירט מיך אַרום אין דער פינצטער, קעדיי צו דערקענען עטלעכע יידן. אַרומקריכנדיק אַזוי איז דער נאַכט די גאַנצע לענג, טרעף איך קאַציאַקן, דער סטודענט און לאַנד־אַרבעטער פון אַרלע, דויטשער און סרוליק דער שטריקער פון פּאַריז. אַלע שטייען און גראָבן הונגעריקע און מידע. דעם גאַנצן טאָג האָט מען זיי ניט געקענט צופירן קיין עסן און שוין צוויי טעג מוזן זיי קעסיידער טוישן די פּאָזיציעס.

אַרום אונז זאַמלען זיך צונויף איבער אַ צענדליק יידישע פרייוויליקע — אַרבעטער און סטודענטן.

אָבער אין מיטן דערינען איז אָנגעקומען דער קעסל מיטן עסן, אויף וועלכן זיי וואַרטן שוין אַ גאַנצן טאָג. כעוורע וואַרפט זיך מיט ברען. אין דער נאַכט קלינגען די מיילער. אַלע באַלעקן זיך מיטן געגאַרטן ביסל וואַרעמס... דערצו איז דאָ די לופט פון די נאָדלביימער, אַזאַ שאַרפע, און רייצט ביים זעלנער אַזוי דעם אַפּעטיט.

שנעל אַפּגעגעסן און ווייטער זיך געשטעלט באַפּעסטיקן און גראָבן.

די לעוואָנע האָט באַלויכטן די באַוועגונגען פון 6 הונדערט מענטשן, אויסגעמישט יידן, פּאָלאַקן און שפּאַניער, וואָס האָבן מיט די לעצטע קויכעס, נאָך די לאַנגע מאַרשרוטן און נעכט ניט שלאָפן, אַרויסגעוואָרפן די שופלעס ערד, קעדיי באַגינען, ווען דער גרויזאַמער סוינע וועט אָנפאַלן, בעסער צו קענען פּאַרטיידיקן זיך, אַ גרויסן אידעאַל — די וועלט...

# גענעראַל קלעבער, פּאָזועלאָ, קאַסאַ-דעל-קאַמפּאָ

צוויי ענגלישע זשורנאַליסטן, אַן אַמעריקאַנער, אַ האָלענדישער, און איך זענען אין סאָף נאָוועמבער 1936 אַרויסגעפאָרן פון טעלעפאָנען-הויז אין מאַדריד, צום גענעראַל קלעבער, קאָמענדאַנט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע און שעף פון גאַנצן צאָפּן-סעקטאָר : מאַדריד — גוואַדאַראַמאַ.

דער אויטאָ האָט פאַרלאָזן די שטאָט פון צאָפן-זייט. אַ הערלעכע לאַנדשאַפט, פון די פאַרשנייטע גוואַדאַראַמאַ-בערג, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין די גאָלדענע זון-שטראַלן, האָט אונז באַגלייט פון דער ווייטנס.

מיר זענען אַריין אין מאַירעוו-פּאַרק. דער שאָפער האָט געלאָזן דעם מאָטאָר אויף דער גאַנצער פּאַרע... איבער דעם קורצן שטיקל „נאָמאַנס-לאַנד" פון צוויי קילאָמעטער, האָבן מיר פאַר זיך געהאַט די פּאַנאָראַמע פון קאַסאַ-דעל-קאַמפּאָ, דאָס וועלאַזקעס-הויז, דאָס ווייסע הויז אין „פּאַלאַסטע". מיר זענען פאַרשוווּנדן פון סוינעס אויג און געהאַט פאַר זיך אַ גלייכן וועג ביז על-פּאַרדאָ.

על פּאַרדאָ. אַ רייך שטעטל אויף צאָפן פון מאַדריד. אַ פּאַלאַץ פון „פּרינץ פון אַסטוריע". גענעראַל קלעבער האָט דאָ זיין קוואַרטיר. מיר וואַרטן אין אַנטישאַמבר פון פּאַלאַץ. אין די ווינקלען שטייען פאַנצערס און אויף די ווענט הענגען שווערדן, פון מיטלאַלטערלעכע ריטער.

עס באַווייזט זיך אַ הויכער, פעסט-געבויטער מאַן מיט שטאָלצע אַקסלען. אַ לייכט-גרוילעכער קאָפּ און אַ יונגן בליק. אַלץ

ארום אים אַטעמט מיט קראַפט און דרייסטקייט — אַ מאַן פון טאַט, וואָס קאַפּיטולירט ניט פאַר געפאַר.

אין זיין האַלטונג און באַנעמונג איז דאָ דזשענטלמעניש און מיליטערישע שטרענגקייט... זיין פאַרגאַנגענהייט איז אַט :

48 יאָר אַלט. עסטרייכישע אָפּשטאַמונג. אין דער וועלט־מילכאָמע געווען געפאַנגען פון די רוסן, אַלס עסטרייכישער אָפיציר. די רעוואָלוציע האָט אים באַפרייט און ער האָט זיך געשטעלט אויף איר זייט. געקעמפט קעגן קאָלטשאַקן, קעגן די אינטערווענץ־אַרמייען. שפּעטער אָרגאַניזירט די כינעזישע רויטע אַרמיי און האַלט אָפּ דעם גרויסן זיג ביי קיאַנג־סי.

גענעראַל קלעבער איז אַ מיליטער־מאַן אין בלוט. די מיליטערישע קונסט איז ביי אים אַ געבוירענע. ער באַגרייפט דעם באָדן: אַלע קוואַלן, וואָס די נאַטור קען שענקען דעם קריגער אַזוי גוט אין אַנגריף, ווי ביים פאַרטיידיקן זיך. כאָטש דעם האָט ער דורכגעמאַכט די גרעסטע מיליטערישע אַקאַדעמיעס אין אייראָפּע.

גענעראַל קלעבער האָט זיך געוואָרבן מיט די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע, ניט ווי געהעריק צוגעגרייט, אָן די נויטיקע באַוואָפנונג איינצוהאַלטן פראַנקאָס טרופּן ביי מאַדריד. ער האָט איינגעהאַלטן און זיי פאַרשאַפט געוואַלדיקע פאַרלוסטן.

אַן ענגלישער זשורנאַליסט האָט זיך שוין אַנגאַזשירט אין אַ בינטל פראַגן :

— צי וועט מאַדריד אויסהאַלטן דעם דרוק ?

און קלעבער ענטפערט מיט אַ גאַנצע ריי פאַרגלייכן פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון דעם וועלט־קריג :

— מאַדריד קען ווערן דאָס צווייטע ווערדון. איך זע פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט אַט דעם פאַרגלייך. איך גלויב אָבער אויך אין אַנדערע, ניט בלויז מיליטערישע קוויכעס, וואָס ווירקן אַלס הויפּט־פאַקטאָר אין דעם איצטיקן קריג. דאָס איז דאָס פאָלק — זעצט ער פאָר — דאָס איז דאָס פויערטום, וואָס שטייט אויף דער זייט פון דער רעגירונג — און ער ברענגט אַ ביישפּיל פון קאָלטשאַקן — קאָלטשאַק האָט געליטן אַ מאַפּאָלע, ווייל ער האָט ניט געהאַט מיט זיך דאָס פויערטום.

קלעבער זעט פאַר דעם סאָף פון קריג מיטן באַפרייען מאַדריד פון דער באַלאַגערונג.

— וועט געלונגען איבערברעכן די רייף ארום די הויפּט־

שטאָט, זועט עס דערנאָד מיט דער פּראָווינץ אַסאַך שנעלער גיין...

— און די פראגע פון סוינעס איבערגעוויכט פון אַמוניציע און באַוואָפנונג ?

— ווי איך האָב שוין געזאָגט — ענטפערט גענעראַל קלעבער — איז דער פאַקטאָר נישט דער דעצידירנדיקער אין אַלע קריגן... די געשיכטע פון מילכאָמעס און רעוואָלוציעס האָבן דאָס אונז שוין באַוויזן...

* * *

אַראַוואַקאַ, פּאָזועלאָ, הומערא — שטעטלעך ביי מאַדריד. אומעטום רויכנדיקע כורוועס און מייסים.

דער איטאַליענישער באַטאַליאָן „גאַריבאַלדי" אונטער דער אָנפירונג פון קאָמענדאַנט פּאַקטשאַרדי, האָט צוזאַמען מיטן דייטשן, פּוילישן און פראַנצויזישן באַטאַליאָן דאָ אָפּגעהאַלטן די לעצטע טעג אַ גרויסן ניצאָכן: זיי האָבן פאַריאָגט דעם סוינע ביז דעם ביסוילעם פון פּאָזועלאָ.

מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דעם צעשמעטערטן וואַקזאַל פון אַראַוואַקאַ און זענען אָנגעקומען צום שטאַב פון איטאַליענישן באַטאַליאָן.

פּאַקטשאַרדי, אַן איטאַליענישער אַדוואָקאַט. אַ רעפּובליקאַנער. מיט 8 יאָר צוריק איז ער אַנטלאָפן פון פאַשיסטישן איטאַליע און געלעבט אין פּאַריז, וווּ ער האָט געהאַט אַ גוטן פּאָסטן.

זיין געהילף איז דער אַדוואָקאַט גאַליעני. אַ קאָמוניסט, געקומען פון אַמעריקע. דער פּאָליט־קאָמיסאַר — אַ סאָציאַליסט און הייסט ראָסי.

מיר זענען געוואָרן פאַרבעטן צום מיטאָג, וואָס איז צוגעגרייט אין דער רייכער ווילע. באַלד איז אָנגעקומען דער סאָציאַליסט פּעטראָ נעני, דער קאָמוניסט גאַלאָ, דער שפּאַנישער קאָמענדאַנט קאַוואַדאַ און דאָס מיטאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערלעכן באַנקעט לעקאָוועד דעם זיג פון גאַריבאַלדי־באַטאַליאָן.

נאָכן מאָלצייט זענען מיר אַוועק באַזוכן די ערשטע ליניע.

ראָסי — אַ נידעריקער, פעסט־געבויטער, מיט קיילעכדיקע, רויטע באַקן באַגלייט אונז.

מיר גייען איבער די כורוועס פון דעם פאַרלאָזענעם שטעטל.

צו דער נאָז דערגייען רייכעס פון פוילנדיקע מייסים, וואָס מען האַלט איצט אין פאַרברענען.

— דער מעס פון סוינע שמעקט שטענדיק — האָט שאַרל דער 9־טער אַמאָל געזאָגט. איך פאַרזיכער אייך, אַז אַט די מייסים שמעקן... גאָרניט!

ביי אַ ברענענדיקן מאַראָקאַנער שטייט אַן איטאַליענער מיט אַ פּאַק באַנקנאָטן אין דער האַנט: ער האָט דאָס געפונען ביים געהאַרגעטן מאַראָקאַנער — דערציילט ער אונז — דאָס איז אַלץ דייטש געלט אַן שום ווערט, וואָס די מאַראָקאַנער האָבן ביי זיך גאַנצע פּעק — דער אויסגעצאַלטער לוין...

דער פּאָליטקאָמיסאַר ראָסי פירט אונז דורך אַ פריי פעלד ביזן טראַנשיי. סאָלדאַטן, וואָס קומען אונז אנטקעגן מאַכן אים אויפמערקזאַם, אַז דעם סוינעס מאַשין־געווער פון בייסוילעס גרייכט אַהער... ראָסי האַלט אָבער, אַז אַ פּאָליטקאָמיסאַר דאַרף איגנאָרירן די געפאַר.

מיר גייען דורך גלענצנד אויסגעבויטע טראַנשייען. פון דער ווייטנס שטייט אומבאַוועגלעך אַ טאַנק — „נאָמאַנס־לאַנד". מיר געפינען זיך ביים איטאַליענישן באַטאַליאָן אויף אַ באַרג אַנטקעגן דעם בייסוילעם פון פּאַזועלאַ, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון די ווייסע. די סאָלדאַטן ווילן זיך, אַז די פאַשיסטן האַלטן דעם בייסוילעם פאַר זיך... די שטימונג איז אין אַלגעמיין אַ גוטע אין טראַנשיי, כאָטש מידקייט קוקט אַראָפּ פון די באַבערדיקע, ניט־געוואַשענע מיליציאַנערן.

מיר זענען פון דאַנען אוועק צו די ערשטע הייזער פון פּאַזועלאַ. אויפן וועג האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן ביי אַ שפּאַנישן באַטאַליאָן. די שפּאַנישע מיליציאָנערן רעדן מיט באַוווּנדערונג וועגן די אינטערנאַציאָנאַלע און טיילן זיך מיט אַלעם, וואָס זיי באַקומען:

— זיי קומט מער פון אונז — זאָגט איינער צו מיר — דאָס איז מיין פּאַטערלאַנד און עס איז נאַטירלעך, ווען איך פאַרטיידיק עס. אָבער זיי קומען דאָך פון אַזוי ווייט!

מיר טרעפן דאָ אויך אַ יונג מיידל, עפּשער פון 16 אָדער 17 יאָר, אָנגעטאָן אין אַ מיליציאָנער־קאָסטיום מיט אַ ביקס.

— דאָס איז די איינציקע פרוי, וואָס איז דאָ געבליבן — דערקלערט מען אונז — אַלע איבעריקע פרויען האָט מען אוועקגעשיקט: „זאָלן זיי גיין אַרבעטן אין הינטערלאַנד". זי האָט

זיך איינגעשפּאַרט און מען האָט גאָרניט געקענט מאַכן מיט איר. צוויי אירע ברידער זענען שוין געפאַלן, זי איז געבליבן די איינציקע טאָכטער איז דער היים. דער אַלטער טאַטע — אַן אַלטער קאָמוניסט פון מאַדריד, האָט צו איר געזאָגט: „מאַדריד איז אין געפאַר, דו ביזט יונג און געזונט, מען דאַרף דיך דאָרט האָבן, גיי פאַרטרעט דיינע ברידער".

צומערשט איז אַנכעליטאַ (אַזוי איז איר נאָמען) געקומען אַלס סאַניטאַרן, האָט אַראָפּגעטראָגן די פאַרוווּנדעטע פון פעלד. איינמאָל האָט זי באַנדאַזשירנדיק אַ פאַרוווּנדעטן, דערקענט אין אים איר ברודער. דער ברודער האָט געהאַט אַ שווערן לונגענשאָס און איז שפּעטער אויף אירע הענט געשטאָרבן.

אַנכעליטאַ איז דאַן אַוועק צום קאָמענדאַנט און פאַרלאַנגט אַ ביקס — זי וויל מער ניט זיין קיין סאַניטאַרין.

פון דעמאָלט אָן איז אַנכעליטאַ אַ מיליציאָנערן. אירע כאַווירים זאָגן, אַז זי מאַכט עס בעסער פון זיי — לויפט די ערשטע צו אַטאַקירן און ציט זיך צוריק די לעצטע. גאַנץ אָפט פאַרקריכט זי אַביסל צו ווייט. מען וואָרנט זי פאַר די מאַראָקאַנער, וואָס שענדן און פאַרגוואַלדיקן יעדע פרוי, וואָס פאַלט אַריין צו זיי אַ לעבעדיקע. — אָבער קיין לעבעדיקע, זאָגט זי — וועלן זיי איר ניט האָבן.

און אַנכעליטאַ דערציילט אונז, ווי אַזוי מאַראָקאַנער זענען שוין געווען עבּשער 10 מעטער פאַר איר:

— אין פאַזועלאַ האָט מען זיך געשלאָגן ביי יעדן הויז. איינמאָל בין איך פאַרקראָכן אַביסל צו ווייט. אין דעם דערזע איך צוויי מאַראָקאַנער! זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער אַ מויער. איך שריי, קיינער הערט ניט. אַנטלויפן אויף צוריק, וועט זיין שלעכט...

איך האָב זיך אַוועקגעלייגט הינטער אַ שטיין, געהאַלטן גרייט די ביקס און אָנגעגרייט די צוויי האַנט־גראַנאַטן. געוואָרפן איינעם — אָן רעזולטאַט. דעם צווייטן באַהאַלטן פאַר זיך... אויסגעשאָסן איינמאָל, אַ צווייט מאָל — קיינער ענטפערט ניט. צווישען די גראָזן זע איך, ווי איינער שאַרט זיך — דערציילט זי ווייטער — איך שיס. דאַכט זיך געטראָפן. דאָך באַוועגט זיך עפּעס צווישן גראָז — שיס! שיס! איך דערפיל שוין, ווי דאָס קעצישע צייען דערנענטערט זיך. איך שריי מיט אַלע קויכעס און שיס. איך הויב זיך אָן צוריקציען, אָבער איך פיל שוין דעם

אטעם פון דער לויערנדיקער בעסטיע. — דעם האנט־גראנאט אין דער רעכטער האנט און דעם פינגער פון דער לינקער — אין דרעטל גרייט ארויסצוציען עס... אין דעם אויגנבליק זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן מיליציאנערן און מיך באַ־פרייט פון מיינע פארפאלגער — פארענדיקט אנכעליטא איר שפאנענדיקע איבערלעבעניש און אירע שווארצע אויגן צע־שמייכלען זיך.

— איר ווילט זען די פאשיסטן פון דער נאענט און איבער־לעבן עמאָציעס ? — פרעגט אונז אן איטאליענער, וואס באַ־גלייט אונז — ווען מיר אייך ווייזן.

מיר שארן זיך פארביי א וואנט פון א צעשטערט הויז. פארן הויז געפינט זיך א טראנשיי.

— שפרינגט שנעל אריין ! — באפעלן אונזערע באגלייטער.

מיר זענען אהין אריין. ניט באוויזנדיק זיך אראפצובייגן און א רעגן פון קוילן באשיסט אונז. די באגלייטער האבן זיך צוריקגעצויגן און מיר דריי זשורנאליסטן זענען אליין געבליבן אין דער טראנשיי.

סעקונדן ציען זיך ווי טעג. מיר ליגן אין דער לאנגער טראנשיי און קוקן זיך צו, ווי די קוילן שפרינגען אפ פון דער וואנט איבער אונזערע קעפ. עס זענען שוין פאריבערגעגאנגען אייביקע 15 מינוט. די שיסעריי איז שטילער געווארן און איינער נאכן צווייטן איז מיט טויט־שרעק ארויסגעקראכן.

— נו, ווי פילט איר זיך נאך די שטארקע עמאָציעס ?!

— האט איינער פון די מיליציאנערן געפרעגט.

מיר האבן דערפאר געזען דעם סוינע ביי פוזועלא, מיט די אייגענע אויגן...

* * *

דער אויטא פון קריג־מיניסטעריום פירט מיך דורך פוענ־קאראל צום שטאב פון דער 11־טער בריגאדע.

די פעלדער ארום זענען דורכגעשניטן מיט געלע פאסן — טראנשייען. פארטיפיקאציע־באטאליאנען מארשירן פארביי אויפן וועג מיט זייערע גרוב־מאכשירים.

עטלעכע באטעריעס פון שווער־ארטילעריע זענען צעווארפן ניט ווייט פון שאסיי.

פון אייז זייט וועג — אן עלעגאנטער שווים־באסיין. —

א לוקסוס־דאטשע איז אמאל דא געווען. אנטקייגנגיבער ביים ארייגגאנג איז וואלד — א נידעריק הייזל — דער שטאב.

א הויכער מאן מיט א לאנג אויסגעצויגן פּאנעם, קוקט דורך ברילן אויף א מאפּע — לודוויק רען, שעף פון שטאב. לודוויק רען, דער געוועזענער דייטשער, קייזערלעכער אָפיציר, דער מעכאַבער פון דעם וועלט־באַרימטן בוך „קריג" און „נאכן קריג".

די שטימונג איז א געדריקטע : גרויסע פארלוסטן געווען. לאסט־אויטאָס ברענגען אלע ווײַלע פארוואונדעטע.

פון אן אנקומענדיקן אויטא שפּרינגט ארויס א בלאנדער ניט־ראזירטער מאן און גיט איבער פארביילויפנדיק :

— האנס ביימלער שווער פארוואונדעט. ער ליגט אויפן וועג צו „פאלאסעטע". מען קען אים פון דארט ניט ארויסנעמען.

לודוויק רען איז אוועק. אין עטלעכע מינוטן ארום קומט ער צוריק און זיינע דינע ליפן שעפּטשען :

— האנס ביימלער איז טויט.

האנס ביימלער, דער דייטשער אנטיפאשיסט, וואס איז אנטלאפן פון דעם שרעקלעכן קאנצענטראציע־לאגער אין דאכאו, האנס ביימלער, דער מיטגליד פון צענטראל־קאמיטעט פון דער דייטשער קאמוניסטישער פארטיי איז געפאלן פון אן עקספּלאזיע־קויל גלייך אין הארץ, מיטן לעצטן דערשטיקטן אויסגעשריי : „ראט־פראנט" !

מיט א טאג פריער האב איך אים געזען. ער האט אזוי פּאטערלעך און וואַרעם גערעדט צו דריי טעלמאניסטן, וואס זענען ארומגעגאנגען נידערגעשלאגענע וועגן די געפאלענע כאוויירים :

— נו, יונגען — האט ער צו זיי געזאגט — איר ווייסט דאך, אז יעדער קאמף מוז ברענגען קארבאנעס. איר ווייסט דאך אויך, אז דער זיג איז אונזערער, איר וועט זיך אויסרוען עטלעכע טעג. איר וועט אפּרוען אייערע נערוון, וועט איר גאנץ אנדערש דענקען...

די טעלמאניסטן האבן זיך מיד צעשמייכלט. זיי האבן אים געדריקט די האנט.

אזוי איז ביימלער געגאנגען פון איינעם צום צווייטן אויף אלע פראנטן, וווּ עס זענען געווען דייטשן. פאר יעדן האט ער געהאט א גוטווארט, פאר יעדן אן אייצע.

אונטערן סוינעס פייער איז ביימלער געבליבן ליגן. צוויי

דייטשן האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און אים פון דאָרט ארויס־געגומען.

* * *

איך בין אוועק צו דער פּאָזיציע. צווישן די סאָסנע־ביימער און מעשופּעדיקע בערגלעך, ליגן קופּעס מענטשן — די רעזערוו־ליניע. מיר געפינען זיך אין אַ טאָל.

די הארמאַט־לופעס פון דער נאָענט רייסן זיך אַן איבערייס און אַלץ טרייסלט זיך פון די טויבע קלעפּ.

איך בין דורכגעקראָכן פאַרביי אַ נידעריק בערגל אויף אַלע פיר און האָב זיך געפונען צווישן דייטשן.

עטלעכע דייטשע פּריוואַליקע מיט שטרענגע, וואָרנדיקע פּע־נעמער — אַלטע קריג־וועטעראַנען, האָבן — זאָגן זיי — אין וועלט־קריג ניט דורכגעמאַכט אַזעלכע אַטאַקעס, ווי דאָ:

— טעג און נעכט אָן איבערייס האַלט אָן די פּאַשיסטישע אַרטילעריע — שפּעטער קומט די אַוויאַציע, עס קומען טאַנקען. און דער טעלמאַן־באַטאַליאָן, אין וועלכן ס'געפינט זיך אויך אַ פּויל־ישע גרופּע, קלאַמערט זיך פּאַראַקשנט ביי יעדן שפּאַן — רייסט אויף און צינדט אונטער טאַנקען מיט פלעשער בענזין און האַנט־באָמבעס.

מיר קריכן פאַרביי די איטאַליענער, די אונגאַרן; ערשט איצט קומען מיר צו די פּאָליאַקן. עטלעכע יידישע פּריוואָליקע פון פּאַריז און בעלגיע דערקענען מיך גלייך און מען כאַפּט זיך אַרום.

צווישן זיי דערקען איך געלמאַנען פון ברילל, וואָס איז שפּעטער פאַרוואונדעט געוואָרן ביי טערועל, נאַטאַן טשאַק, דער מעכאַבער פון דאָמבראָווסקי־הימן — שפּעטער געפאַלן; אויך מאָזעס שמידט פון מינסק־מאַזאָוויעצק, וואָס באַרטרעט דעם גע־פאַלענעם פּאָליטקאָמיסאַר יאַאכים מעלניק. אַ מאַבל פראַגן הויבט זיך אָן שיטן: וועגן פריינט און באַקאַנטע, וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע; וועגן דער „ניט־אינטערווענץ" און נאָך און נאָך. אַרום האָבן זיך פאַרזאַמלט פּאָליאַקן, דייטשן, אונגאַרן, איטאַליענער, ענגלענדער און אַלע הערן זיך צו צו אונ־זער טומלדיקן יידיש, וואָס קלינגט אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון האַרמאַטן־שאָסן און טאַק־טאַק פון מיטראַיעזן.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן. איך האָב געטרעטן צווישן די ווייכע אָראָפּגעפאַלענע בלעטער פון די ביימער אין קאַסאַ דעל

קאמפּא. איך בין פאַרביי פּעלקער, לענדער, ראַסן, וואָס זענען געלעגן דאָ אויסגעמישט מיט צאַרנדיקע, קריגערישע פּנעמער אונטער די פאַרבלאַטיקטע העלמען — אַ פאַרביקער קאַליידאָס־קאָפּ פון שפּראַכן און כאַראַקטערן, וואָס איז צוזאַמענגעבונדן און פאַרייניקט פון צווי געפילן: האַס און ליבע.

## מענטשן — העלדן

דעצעמבער 1936.

דעם גאַנצן טאָג קריך איך אַרום אין די שוץ־גרובנס.

אַ פּאַליאַק פון פּויזן פירט מיך אַרום איבער די פאָדערשטע ליניעס. מיר גייען איבער דעם פּאַרק פון קאַסאַ דעל קאַמפּאָ. די רעפּובליקאַנישע אַרטילעריע פייערט אַן איבעררייס. די ערד טרייסלט זיך.

מיר שפּרינגען אויפן וועג אַריבער אַ בערגל און גליטשן זיך אַראָפּ אין אַ טאָל. פון דאַנען קריכט מען צום צווייטן קליינעם בערגל, ווו עס געפינט זיך אַ פּאַרפּאָסטן. אונטער אַ באַריקאַדע פון שטיינער און זאַמד ליגן מענטשן און שיסן.

ביי אַ קליינעם מינען־וואָרפער הערט מען רעדן אויף פינף שפּראַכן: דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש און פּויליש.

די דייטשן מיט די ענגלענדער האַלטן, אַז מען דאַרף שטעלן די לופע העכער און די פראַנצויזן מיט די איטאַליענער מיינען, אַז מען דאַרף זי אַראָפּלאָזן. די פּאַליאַקן שליסן זיך אָן אין דער דייטש־ענגלישער מיינונג און זיי זינגען...

* * *

די „נייע פּרעסע" אין די טראַנשייען ביי מאַדריד!

די יעדיע פאַרשפּרייט זיך שנעל. עס קומען יידן פון דייטשן באַטאַליאָן; עס קומען יידן פון באַלקאַנישע, בעלגישע, פראַנ־צויזישע, אונגאַרישע אָפּטיילונגען — אַזויפיל איז דאָ צו דער־ציילן, אַזויפיל איבערגעלעבט! אָבער ווי נעמט מען איצט צייט דערצו, ווען אַלץ אַרום אָטעמט דאָ מיט טויט, ווען אַלץ וויקט זיך אין פייער — עס פּלאַצט, און רייסט, דאָס געהענעם איז ניט שרעקלעכער.

אָבער אין דער עפּאָפּיי, וואָס רופט זיך „די שלאַכטן ביי מאַדריד", וועלן זיי דערמאָנט ווערן מיט קאָוועד און רום, מען וועט אין זיי ניט קענען פאַרגעסן...

* * *

עס זענען שוין געפאַלן די בעסטע. עס זענען שוין געפאַלן די טייערסטע. אַט דאָ פאַר מאַדריד. אָבער סאָלדאַטן פון פרייהייט ווײַנען ניט. סאָלדאַטישע הערצער זענען שטאַרק...

דאָס „ווייסע הויז" — אַ קאַשמאַר פאַר די, וואָס זענען לעבן געבליבן — אַ קיוועער פאַר אסאך פון די ליבסטע.

לעאָן אינזלשטיין. אַ יידישער שוסטער פון בריסל. אַ קאָמוניסט. אַ ווילן פון שטאָל. אַ כאַראַקטער אויסגעשמידט פון פאַרפאָלגונגען און ליידן. אַ האַרץ פול מיט איידלקייט — שטענדיק גרייט מאַקרעוו צו זיין זיך פאַר אנדערע.

לעאָן איז געווען פאָליטישער דעלעגאַט פון דער מאַשין-געווער-קאָמפּאַניע, אין דאָמבראָווסקי-באַטאַליאָן. אין יעדן געפערלעכן מאָמענט איז לעאָן אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, מיט זיין מאַשין און באַשיצט זיינע כאַווירים.

ווען די צווייטע קאָמפּאַניע איז געווען ארומגערינגלט פון מאַראָקאַנער איז לעאָן געווען באַהאַלטן אונטער אַ בוים מיט זיין מאַשין-געווער און איינער קעגן הונדערט, האָט ער דערמעגלעכט די צווייטע קאָמפּאַניע צוריקצוציען זיך פון סוינעמס רייף.

אין „ווייסן הויז" קומט פאָר אַ געפעכט, צווישן מענטשן און טויט. דאָרט געפינט זיך אויך לעאָן אינזעלשטיין. פאַשיסטישע טאַנקן האָבן ארומגערינגלט דאָס הויז פון אַלע זייטן.

— פאַניק ! מען לויפט גלייך אונטערן פייער.

— שטייט ! — שרייט אויס לעאָן — קיינער ציט זיך ניט צוריק !

דאָס הויז איז אין פלאַמען, ניטאָ דורך וואַנען צו אַנטלויפן.

די מענטשן, וואָס געפינען זיך אינעווייניק האָבן נאָר איין זאַך צו דערוואַרטן — דעם טויט.

— צי וועט זיך די וועלט דערוויסן, וואָס מיר לעבן דאָ איבער ? — פרעגט דער פראַנצויזישער אָביציר ריוויער, וואָס געפינט זיך דאָס ערשטע מאָל אויפן פראָנט.

דיוויער האָט זיך מער ניט געפרעגט. אַ שטיקל בליי. אַ קליין

לעבל אין קאפ. פון ריוויערן איז בלויז געבליבן א נאמען. א נאָ־מען א טייערער, ביי נאָענטע און פריינט.

צי וועט זיך די וועלט דערוויסן, וואָס מיר לעבן דאָ איבער?!

א גרויזאמע פראַגע. גרויזאמער ווי אַלץ אין דער וועלט — ווי דער טויט.

ווייל די מענטשן שטאַרבן דאָך פאַר דער וועלט. צי קען נאָך זיין שרעקלעכער, אַז די וועלט, פאַר וועלכער זיי שטאַרבן זאָל ניט וויסן, ווי אַזוי זיי שטאַרבן?

די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין „וויסן הויז" האָבן ליב דאָס לעבן; האָבן ליב דעם טייך, דעם וואַלד, האָבן ליב מיידלעך און קינדער. זיי ווילן ניט שטאַרבן!

די מאַראָקאַנער פוסגייער פרוון אַריינדרינגען אין הויז. זיי זענען שוין אין פאַרטער. שטייגן אויף די שטיגן.

האַלט! יעדער שטאַפל קאָסט בלוט. זיי גייען ניט ווייטער.

לעאָן פרוווט מאַכן פלענער. אָרגאַניזירט דאָס פאַרבאַריקאַדירן זיך. לויפט פון איין שטאָק אויפן צווייטן. לעשט דאָס פייער, וואָס שטייגט אַלץ און שטייגט און כאַפּט באַלד אַרום דאָס גאַנצע הויז. לעאָן מוטיקט, קוראַזשירט די שוואַכערע.

יונגע קאַטאַלאַנער, קוים 17 יאָר אַלט, און עפּעס 16, זיצן שוין אַפּהענטיק, וואַנזיניק — אַלץ אויפגעגעבן: זאָל ער קומען וואָס שנעלער קומען — דער טויט און אונז אויסלייזן...

ניין, לעאָן גיט זיך ניט אונטער.

ביים פענצטער שטייט וואַצעק און שרייט צו די פאַשיסטן:

— הינטישע זין! איר וועט טייער באַצאָלן פאַר אונזערע לעבנס!

יאָ, זיי באַצאָלן טייער. וואַצעק צילט גוט און עס פאַלט איינער לעבן צווייטן. אָבער אויך וואַצעק פאַלט. ער האָט געהאַלטן וואָרט: זיי האָבן טייער באַצאָלט.

לעאָן מאַכט א פּלאַן: אַראָפּלאָזן זיך דורכן דראָט פון דונער־שיצער.

עס שפרינגט אַראָפּ דער ערשטער. דער צווייטער וואַרפט נאָך די ביקסן. עס לאָזט זיך אַראָפּ דער צווייטער. לעאָן — דער דריטער און א פערטער. די קאַטאַלאַנער רירן זיך ניט פון אָרט, זיי זענען געבליבן, וואָס מיט זיי איז געשען וועט מען זיך שוין



I



2

**1** לעאָ אײנזעלשטײן (שטײענדיק אינדערמיט מיטן קרײץ) צװישן אַ גרופּע ײדישע פרײװיליקע פון בעלגיע. אויף זײן לינקער זײט לײטענאַנט באַבער און אַלטער שערמאַן, עטלעכע מאָל פאַרװוּנדעט. שפּעטער געװען אַ געװיסע צײט קאָמענדאַנט פון דער באַטאַרײ־קאָמפּאַניע. זיצנדיק פון רעכטס אויף לינקס : נאַטאַן טשאַקי, דער פּראָפעסאָר פון דאָמבראָװסקי־הימן, װאָס איז געװאָרן דער הימן פון דער גאַנצער 13־טער בריגאַדע. נאָך אים קאַץ בײדע געפאַלן בײ מאַדריד

**2** די ערשטע ײדישע גרופּע פרײװיליקע פון פאַריז. פון לינקס אויף רעכטס שטײענדיק : לעאָ אײנזעלשטײן (מיטן קרײץ) כאַים עלקאָ געפאַלן בײ מאַדריד. העניעק גאָלדשאַל — געװען שװער פאַרװוּנדעט, לײטענאַנט סטוועק, און דער סעקרעטאַר פון פאַריזער אַרבעטער־ספּאָרט־קלוב „יאסק", איזראַעל גאָטליב, װאָס איז געפאַלן.

קיינמאָל ניט דערוויסן. אונטן זיצן מאַראָקאַנער און טרינקען קאָניאַק — זיי וועלן שוין אויבן פאַרברענט ווערן — טראַכטן זיי זיך. די פיר זענען שוין אראָפּגעשפּרינגען און טיילן זיך איין צו צוויי.

אין וועלכער זייט געפינען זיך אונזעריקע ? — קיינער ווייסט ניט.

אַרום און אַרום איז דער סוינע, זיי גייען אַדורכשלאָגן זיך א וועג. אָבער אויף וועלכער זייט ?

דער סוינע האָט דערזען. מען שיסט. צוויי זענען געפאַלן. צוויי זענען אָנגעקומען צו זייערע כאַווירים.

לעאָן אינזלשטיין איז שוין מער קיינמאָל ניט צוריקגעקומען. ער איז געבליבן צווישן די ערשטע צוויי.

אָבער די וועלט האָט זיך דערוווּסט. די וועלט, פאַר וועלכע דו ביסט געפאַלן, יידישער שוסטער־אַרבעטער — לעאָן אינזעל־שטיין.

* * *

17 יאָר איז ער אַלט געווען.

צו 15 יאָר האָט ער שוין געהאַט אַ אורטייל אויף 6 יאָר טפּיסע פאַר קאָמוניסטישע טעטיקייט אין פּוילן. צוליב זיין מינ־דעריעריקייט איז דאָס אויספירן דעם אורטייל, אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דריי יאָר. פאַר א צווייטן פּראָצעס, וואָס האָט אים אויך געדראָט אַזוי פיל, איז ער אַנטלאָפן קיין פּאַריז.

קוים אַ בוידעש איז דער 17־יעריקער כאַים צוקער געווען אין פּאַריז. א גרופּע פון זיינע כאַווירים אין „איק" (אַרבעטער יוגנט־קלוב אין פּאַריז) גרייטן זיך צו פאָרן קיין שפּאַניע. ער האָט ניט געקענט איינרוען. ער איז דאָך אָבער מער ניט אַלט ווי 17 יאָר ! נו, וועט ער זאָגן, אַז ער איז שוין אַריבער די 20. פאַר די פּוילישע טפּיסעס איז ער שוין געווען גענוג דערוואַקסן און פאַר שפּאַניע נאָך ניט ?!

אַזוי איז טאַקע געווען. כאַים האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין איבער די 20, הויך איז ער אויך, האָט מען אים געגלויבט.

אין איינעם א טאָג, האָט מען אויסגעקליבן אין טאַראַזאָנאַ 70 פריוווּיליקע און זיי געשיקט צום פראָנט פון מאַדריד. צווישן זיי האָט זיך אויך געפינען כאַים צוקער (עמיל).

אויפן פראָנט פון מאַדריד האָט מען אים צוזאַמען מיט די איבעריקע געשיקט פאַרנעמען א פּאָזיציע. כאַים האָט דרייסט

געשפאנט פארויס צום אנגעוויזענעם ארט און צוגעגעבן מוט די אנדערע.

די פאזיציע האט זיך געפונען אויפן פרייען פעלד. זיי האבן זיך געמוזט אליין גראבן אקאפעס. די פאשיסטן האבן אין דער נאכט דערהערט דאס גראבלען און געעפנט א שיסעריי. כאים האט דערפילט ווי עפעס א ווארעמס האט אים געטראפן אין דער זייט און האט א געשריי געטאן צו זיינע כאווירים:

— כ'האב געכאפט!

די מערדערלעכע קויל איז געווען א שטערבלעכע פארן יונגן און דרייסטן צוקער. צוויי טעג האט ער נאך געלעבט. איך האב זיך אין דער צייט געפונען ביי זיין טויטן בעט.

— קוראזש, קוראזש — האב איך אים געפרווט בארואיקן.

די גרויסע אפענע אויגן פון 17־יעריקן כאים, ווי זיי וואלטן זיך געריסן צום לעבן, האבן מיך אנגעקוקט און א כארבלדיקע שטימע האט אויסגעקלאפט:

— דאס... פעלט ניט! — און צוגעגעבן — אבער דאס הארץ...

דאס הארץ האט ניט אויסגעהאלטן. דאס יונגע לעבן האט אויסגעהויכט די נעשאמע אין שפיטאל פון קואטרא קאמינאס אין מאדריד — פאר מאדריד...

* * *

ער הייסט סטעפאן דראק. געבוירן אין ניו־יארק. ער רעדט יידיש און געהערט צו דער קאמוניסטישער פארטיי. אין דער היים איז ער געווען אן עלעקטרא־טעכניקער. ער האט זיך אבער אויסגעלערנט פירן אן אעראפלאן און איז געקומען דינען דער שפאנישער רעפובליק.

די ערשטע צייט איז ער געפלויגן. שפעטער זענען געקומען סאוויעטישע ספעציאליסטן מיט זייערע מאשינען, איז ער אוועק צום פראנט אלס פאשעטער פוסגייער און איז געווארן דער פאליטישער פאראנטווארטלעכער פאר דער ענגלישער גרופע. ליגענדיק מיט זיין געווער האט ער באמערקט, ווי ביי א צען מעטער פון אים האט זיך איינער אויפגעשטעלט און איז אינגאנצן ניט יעדעקט פארן סוינעס קוילן. ער האט געוואלט צולויפן יענעם זאגן, ער זאל זיך דעקן, איז דעם מאמענט איז אים אריין א קויל אין פוס.

דער יידישער ארבעטער פון דער צווייטער זייט אטלאנטיק

איז געקומען מיט הונדערטער זיינע ברידער צושטייער געבן זיין לעבן אין אנטיפאשיסטישן קאמף.

ווי עס האט מיר א ייד געזאגט, וואס איז געקומען פון קאנאדע — צו שלאגן דעם פאשיזם וואלט ער אפילו געקומען פון דער לעוואנע...

* * *

מארים אייזענבערג.

א שטילער, א שוואכער, א לענגלעך אויסגעדארט פאנעם, מיט האלב-פארשלאפענע, פלעגמאטישע אויגן. איך האב אים אפט געזען אויף יידישע ארבעטער-אונטערנעמונגען אין פאריז. איך האב אים אויך געזען אין נאוועמבער 1936 אין אלבאסעטא אנ־געטאן אין א מיליטערישן מונדיר, וואס איז אראפגעהאנגען פון זיין דארן גוף.

אנדערש האבן אים געזען זיינע כאווירים פון דער מיצ־קעוויטש־קאמפאניע, בעיים די שלאכטן ביי וואלסעקיליא, אין דא־רעם־מאירעוו־שפאניע.

ביים הייזל פון דער באן־סטאציע אין וואלסעקיליא זענען פארגעקומען פארביטערטע קאמפן. עטלעכע צענדליק פאשיסטן מיט א מיטראיעז האבן זיך פארשאנצט און פארוואנדלט דאס הייזל אין א פעסטונג ניט צו דערגרייכן. דאס פאראקשנטע פייער פון די פאשיסטן האט געצוווּנגען די קאמפאניע ניט צו גיין פארויס. די פירער פון דער קאמפאניע זענען געווען פארזארגט און ניט געוווּסט, וואס צו טאן. אבער אין דעם האט זיך ארויס־געריקט דער פיזיש־שוואכסטער פון אלע, מארים אייזענבערג און געזאגט :

— אימעצער מוז דאך שטארבן... — צו זיינע צוויי גראנאטן, וואס ער האט געהאט, האט ער צוגענומען נאך עטלעכע פון זיינע כאווירים און זיך צוגעשארט אונטערן רעגן פון קוילן, צום סאמע ראנד פון פענצטער, פון וואנען די פאשיסטן האבן ארויס־געשאסן. מיט אן איבערנאטירלעכער קאלטבלוטיקייט האט אייזענבערג אהיין אריינגעווארפן אייז האנט־גראנאט נאכן צווייטן! ווען אין הויז איז שטיל געווארן האט זיך מארים פאמעלעך אויפ־געשטעלט און מיט דערזעלבער קאלטבלוטיקייט אריינגעקוקט דורכן פענצטער, פעסטשטעלנדיק, אז אלע זענען שוין טויט, האט ער זיך אומגעקערט און דער גאנצער באטאליאן האט געקענט גיין פארויס.

צווי טעג שפּעטער איז מאָריס אייזענבערג געפאַלן פון א קויל ביים דאָרף גראַנכועלא. דער נאָמען פון יידישן ארבעטער איז געבליבן אין דער קאָמפּאַניע א סימבאָל פון העלדישקייט און אָפּפערוויליקייט.

* * *

אין דער קאַלטער דעצעמבער־נאַכט, האָבן אויפגעריסן שראַפּ־נעלן און עס האָבן געפּלאַצט מינענוואַרפער. דער פּוילישער באַ־טאַליאָן איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן די פּאָזיציע און זיך צוריקציען פון די טראַנשייען. אָבער דאָ רוקט זיך ארויס דער קאָמענדאַנט און שרייט אויס: „באַזויירים! ווער גייט מיט מיר פרייוויליק צוריק פאַרנעמען אונזערע טראַנשייען"!

פיר שאַטנס האָבן זיך ארויסגערוקט אין דער קאַלטער נאַכט. פיר שאַטנס האָבן זיך צוגעשלייכט אויף אַלע פיר צו די פאַר־לאָזענע טראַנשייען. ווען די נאַכט איז פאַרשוווּנדן און דער בלייַ־כער באַגינען איז געפאַלן אויף די מידע, פאַרבלאָטיקטע פּע־נעמער פון די זעלנער, האָבן די פיר זיך אָנגעקוקט און דערקענט צווישן זיך פיר יידן: צווי פון פּאַריז, איינער פון אַנטווערפּן און איינער פון וואַרשע.

* * *

באָקס — כ'ווייס ניט צו דאָס איז געווען זיין עמעסער נאָמען. אַזוי, אַלנפאַלס האָט מען אים גערופן. ער איז געווען א יונגער, א הויכער, א שיינער און פול מיט לעבנספרייד. ער איז אויך באַקאַנט געווען צווישן די יידישע ארבעטער אין פּאַריז. איך האָב אים געזען אין נאָוועמבער 1936, אין פאָרשטעטל פון מאַדריד, פּוענקאַראַל.

באָקס האָט באַדינט א מיטראַיעז. די קאָמפּאַניע איז געוואָרן ארומגערינגלט פון סוינע. באָקס האָט געשריגן צו זיינע כאַווייַ־רים: „ראַטעוועט אייך"! ער אליין איז געבליבן, קעדיי אויפ־צוהאַלטן דעם איינציקן פרייען פּאַסאַזש, וואָס איז געבליבן פאַר דער קאָמפּאַניע זיך צוריקצוציען. ער אליין, דער לעצטער האָט זיך שוין ניט באַוויזן צו ראַטעווען. זייענדיק שוין ארומגערינגלט האָט ער געשריגן צו די פאַשיסטן: „נו קומט! קומט אַהער פּאַכדאַנים"! און האָט געלאָזן די לעצטע טאַשמע קוילן אויף זיין מאַשין. מער קיין טאַשמעס זענען ניט געווען. געבליבן זענען האַנט־גראַנאַטן. דעם לעצטן האָט ער געלאָזט פאַר זיך. ווען די ווייסע זענען שוין געווען נאָענט פון אים, האָט ער ארויסגעצויגן



מאָריס אײזענבערג, געפֿאַלן בײַ
וואַלסעקילאַ אין אַפּריל 1937.



„באָקס" שימען קעניגסבערג, געבוירן אין קלימענטאָוו
(פּוילן) 1916, געפֿאַלן פֿעברואַר 1937 אויפֿן פראָנט פֿון כאַראַמאַ

דאָס דרעטל פון לעצטן גראַנאַט און איז געפאַלן צוזאַמען מיט די פאַשיסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט.

* * *

אין רומעניע האָט ער געשריבן יידישע נאָוועלן און דער־ציילונגען. אין באַטאַליאָן „פּאַלאַפאָקס" האָט ער דעמאָנסטראַטיוו גערעדט יידיש. דאָס האָט מיר דערציילט קאַראָל גוטמאַן, וואָס איז שפּעטער געפאַלן אַלס ערשטער קאָמענדאַנט פון דער „באַטיוין־קאָמפּאַניע".

בורג איז געגאַנגען הונדערטער קילאָמעטער צופוס. ער איז אויפן וועג געוואָרן געשוואַלן. פון זיינע פיס האָט געררונען בלוט. באַדאַשים לאַנג האָט ער געוואַנדערט דורך טשעכאָסלאָוואַקישע, עסטרייכישע און שווייצאַרישע טפיסעס, ביז ער איז אָנגעקומען קיין שפּאַניע.

זיין פרייד אויף דער שפּאַנישער ערד האָט ניט לאַנג גע־דויערט: אויפן ערשטן פראָנט איז בורג געפאַלן.

א שאָ איידער זיי זענען אַרויס אין אַטאַק האָט ער געזאָגט צו גוטמאַנען: „אויב איך וועל פאַלן, שרייב אַ בריוו צו מיין מוטער". דאָס איז געווען זיין צוואָע...

* * *

פּאַלעסטינער. איך האָב זיי געזען אין שפּאַניע. אַסאַך פון זיי זענען העלדיש געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער דאָרט. איך האָב זיי געזען די קיבוצניקעס, פּאַמעראַנצן־פּלאַנטאַטאָרן, זומפּן־טרוקענער, מויערער און סטאָלאַרעס — אויסגעהאַרטעוועטע פון אַ פּיאָנערן־לעבן, פול מיט אידעאַליזם צו פּראָדוקטיוון, שעפערישן לעבן; פול מיט טרוימען וועגן אַ נאַציאָנאַלע היים אין ערעץ־יסראָעל, פאַר וועלכע אַסאַך פון זיי האָבן אוועקגעגעבן די שענסטע און בעסטע יאָרן און וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַנטוישונגען.

יאָ, די פּאַלעסטינער אין שפּאַניע האָבן זיך מיט עפּעס... אונטערגעשייד פון די יידישע פרייוויליקע, געקומענע פון די „גאָ־לעס־לענדער".

דאָ וויל איך בלויז דערציילן וועגן צוויי: אַבראַם יונגשטיין און ייצחאָק יאָפע פון כייפע.

וועגן אַבראַם יונגשטיין איז אַסאַך ניטאָ צו דערציילן. צו קיין פּאַרטיי האָט ער ניט געהערט און זיך וויניק פאַרנומען מיט פּאָליטיק. ער האָט געלעבט און געאַרבעט אין פּאַלעסטינע, ווי

טויזנטער זיינס גלייכן. אָבער שפּאַניע האָט אים ניט געלאָזט רוען און ער איז אַוועק מיט די ערשטע.

און מיט די ערשטע אינעם דאָמבראָווסקי־באַטאַליאָן אין קאַסאַ־דעל־קאַמפּאָ, איז אויך געווען אַבראַם יונגשטיין. צווישן די ערשטע האָט אים געטראָפן אַ קויל אין מויל. ער האָט מער ניט געקענט רעדן. ער האָט בלויז אויפגעשריבן זיין נאָמען: „אַבראַם יונגשטיין, פּאַלעסטינע" און געפּאָכעט מיט אַ פויסט, אַז כעוורע זאָלן גיין פאָרויס, דאָס איז געווען זיין לעצטער באַגער פאַרן טויט...

* * *

זיין טאַטע איז א פויער. אַן עמעסער יידישער פויער, צוגע־בונדן צום פעלד און צום אַקער, ווי אַ פויער קען. ער אַליין, ייצכאָק יאָפּע פון כייפע האָט געמאַכט פאָרמען אויסצוגיסן בע־טאָנענע ווענט. איז ער געוואַקסן פון דער ערד; פון געזונטע וואָרצלען, איז ער געוואָרן האַרט, ווי אויסגעשטאַנענער בעטאָן. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט אין פּאַלעסטינע אַלס גוטער אַר־בעטער און האָט פאַרדינט אַסאַך געלט. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט אין שפּאַניע מיט זיין פיזישן אויסדויער און מוט. און אַלע אין דער קאַמפּאַניע האָבן באַוואונדערט דעם קליינעם, פּאַ־לעסטינער גיבער.

אויפן דאָרעם־פראָנט, אין די גרענאַדער בערג, ביים ווייסן קאָפּ פון „סיערא ניעוואַדא", האָט יעדער געוואָלט זיין מיט אים צוזאַמען, ווייל אַלע האָבן געוווסט, אַז ביים קלעטערן אויף בערג וועט מען געפונען אַ שטיצע ביי אָט דעם קליינעם פּאַלעסטינער. קיינמאָל האָט ער ניט געקלעטערט אַליין. שטענדיק אויף זיך — אַ מיטראַיעז, א קעסטל קוילן אָדער עפּעס אַנדערש.

ארויפצו צום באַרג האָט קיינער ניט געקענט צוקומען. יעדעס מאָל האָט די קאָמפּאַניע זיך צוריקגעצויגן לאָזנדיק אויבן עטלעכע טויטע. יאָפּע איז אַוועק מיט האַנט־גראַנאַטן זייער נאָענט צו די פאַשיסטישע ליניעס. אויסגעליידיקט פון די גראַנאַטן האָט ער זיך אומגעקערט און געברענגט צו שלעפּן געפאַלענע כאַווירים, קעדיי זיי ניט צו לאָזן ביים סוינע.

ביי פּאָזאָבלאַנקע האָט ער באַקומען א לייכטע וווּנד אין דער ליפּ. ייצכאָק האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט אַזא „נאַרישקייט" צו גיין צום אַמבולאַנס. אָבער אַ צווייטע, אַ שטערבלעכע קויל האָט אים געטראָפן אין קאָפּ.



פּאַלעסטינער. פון לינקס אויף רעכטס: מוישע לעווי — געווען פּאַרוואונדעט. יצחק יאַפּע — געפאַלן אין דאַרעם־שפּאַניע. ד. אַלעקסאַנדראָוויטש — אַרטילעריסט. לייטענאַנט ראָבערט אַקוויסט — העלדיש געפאַלן ביי דער עבראָ אין 1938. מ. סעגאַל און ב. האַלפּערן — פאַרלוירן געגאַנגען אויפן פראָנט ביי א צוריקצוג.

אין עטלעכע טעג ארום איז ער געשטארבן.

אין א קורצע צייט שפעטער איז אנגעקומען קיין שפאניע זיין יונגערער ברודער שאלעם, אים פארטרעטן.

* * *

דער לעבנס־וועג פון דעם פאריזער יידישן ארבעטער לויפער איז א קייט פון דאבקעס און אוואנטורעס.

יונגערהייט איז ער אוועק פון דער היים און געזוכט אר־בעט איבער דער וועלט. אזוי ווי זיינע הענט האבן שנעל קיין באַ־לאנים ניט געפונען איז ער אוועק אין פרעמדן־לעגיאָן און דארט פארברענגט 15 יאר.

קיינער פון זיינע באקאנטע פון „פלעצל" אין פאריז, וואלטן זיך זיכער ניט פארגעשטעלט, אז דער אויסגעמאטערטער און ניט־יונגער לויפער קען נאך פעיק זיין צו באוויזן אזעלכעס.

אן אונטעראפיציר און א שעף פון א מיטראיעזן־סעקציע. ער האט זיך אויסגעצייכנט ביים ריכטיקן אנשטעלן זיינע מאַ־שינקעס. ביים צוריקציען האט לויפער אין דער גרעסטער געפאר ניט געלאזן קיין מאשין ביים סוינע. ביי דער געדיכטסטער באמ־בארדירונג און שיסעריי, האט ער אליין געברענגט צו שלעפן צוויי מאשין־געווער.

דאס הויז, וו לויפער האט זיך געפונען, איז געווארן ארומ־גערינגלט פון טאנקן. צוויי טעג האט ער אויסגעהאלטן, ביז יוא־נען דאס הויז איז געווארן אונטערגעצונדן און לויפער איז דער־שטיקט געווארן אין פלאמען.

לויפער האט געשווירן, אז זיי וועלן אים קיין לעבעדיקן ניט האבן.

* * *

עס האט זיין לעבנס־וועג געקענט זיין באצירט מיט לוקסוס און ווילטאג. ער האט געקענט אויספילן זיינע טעג מיט פאר־ווײַלונג און ספארט. דאס גרויסע פארמעגן פון זיינע עלטערן וואלטן אים פארזיכערט א סיטואציע אין לעבן. אן אדוואקאטן־קאריערע וואלט אים באשיינט מיט קאוועד און רום. אבער גרויסע אידייען האבן אים מיט זיך מיטגעריסן. פארן שטורמישן, פארן גרויסן הארץ פון 23־יעריקן יאסעף רובינשטיין איז צו ענג געווען די סוויווע פון זאטע, זעלבסטצופרידענע — גאלדענע יוגנט. ער האט דערפילט דאס הארץ פון קעלער־שטוב ; פון סמאטשע און וואלינסקע.

יוזשעק „גרובי". עס האָבן אים אין ווארשע אַלע געקענט. עס האָבן אים געקענט די ארבעטער פון „פּאַציסק", עס האָבן אים געקענט אַלע שפּיצלעס און ער האָט גוט געקענט... די דע־פענסיווע.

אויף די „מאַסווקעס" און מיטינגען פאר די פאבריקן, האָט זיך זיין לייבן־שטימע דורכגעריסן דורכן געררויש פון רעדער, וועגענער און טראַמווייען. זיינע שפּיצלעך, וואָס ער פלעגט אָפּטאָן די געהיים־אַגענטן פלעגן גיין פון מויל צו מויל און האָבן גע־קלונגען, ווי אומגלויבלעכע געשיכטעס.

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון „קאַרטוז־בערעזע", האַלט רובינשטיין באַהאַלטן אַ שפּאַנישע לאַנד־קאַרטע און שטודירט אין געהיים די מיליטערישע אָפּעראַציעס. די ראפינירטע פּייני־קונג־מיטלען פון די וועכטער צייכענען זיך ספּעציעל אויס לעגאבע אים: רובינשטיין איז א ייד, רובינשטיין איז אַן אינטעלעקטו־עלער און אַ קאָמוניסט — קיינער גלויבט ניט, אַז דער „גרובי" זאָל נאָך פון דאָרט ארויס א לעבעדיקער. ער איז ארויס. אָבער מיט אַ קראַנק האַרץ און אוועק אין דער שווייץ און פון דאָרט קיין שפּאַניע.

עס איז געווען לעבן סאַראַגאָסע, אין ווילא מאַיאָר דע גאַליגאַ. דער באַטאַליאָן איז אריינגעדרונגען 12 קילאָמעטער הינ־טערן רוקן פון סוינע. רובינשטיין האָט געהיטן זיין „מאַקסים". ער האָט געזען סאַראַגאָסע מיט די אייגענע אויגן... פאַשיסטישע אויטאָס פאָרן אויפן וועג. זיי פילן זיך זיכער. עס איז נאָך ווייט צו זייערע ליניעס. מיט אַמאָל וואַקסן אויס די „ראָכאָס" (רויטע) און עפענען אויף זיי א געדיכטע שיסעריי, פארנעמען קאַמיאָנען מיט סאַלדאַטן איז געפאַנגענשאַפט.

די גלעקער פון סאַראַגאָסע האָבן זיך צעקלונגען — די „רויטע" שטייען פאר דער שטאָט. פון שטאָט רירט שוין פאַר־שטאַרקונג. די רעפּובליקאַנער געפינען זיך אין סוינעס הינטער־לאַנד. דער צווייטער פליגל, וואָס דאַרף געהאַלטן ווערן פון „גאַ־ריבאַלדי", איז ניט אָנגעקומען. די אינטערנאַציאָנאַלע זענען גע־ווארן אַרומגערינגלט. צוריקציען איז אומעגלעך. פון אונטערן גע־דיכטן פייער ווערן קיין סאַך ניט איבערבלייבן — פארהאַלטן זיך ביז איבער דער נאַכט און דעמאָלט זיך צוריקציען. רובינשטיין, ביי זיין מאַשין־געווער, גיט פייער אָן אויפהער. זיינע כאַווירים ארום זענען שוין געפאלן איינער נאָכן אַנדערן. ער איז געבליבן



יוזשעק רובינשטיין (גרובי)　　　　באַרעד ניסענבוים (באַברוש)

געפאַלן ביי סאַראַגאָסע אין זומער 1937.

אליין. א קויל האט מיך געטראפן ! — שרייט ער אויס. עס האט אים געטראפן א צווייטע — איך האב שוין צוויי — ציילט ער ווייטער — איך האב שוין א דריטע. פון מויל, פון גאנצן פּאנעם גיסט זיך בלוט. אבער רובינשטיין גיט נאך פייער. ער לאזט נאך אדורך א טאשמע פון 150 קוילן און פארשאפט דעם סוינע אזעלכע פארלוסטן, וואס איז שווער אפּצושאצן.

ער איז שוין דורכגעלעכערט פון קוילן. אבער ער פּרוווט נאך צוריקשלעפּן זיין מאשין־געווער, קעדיי עס ניט צו לאזן אין די הענט פון סוינע. בלוט גיסט ווי פון אויפגעעפנטע קראנען. די קויכעס האלטן ניט מער אויס. ער גייט און פאלט. הויבט זיך ווידער אויף און פאלט ווייטער, לאזנדיק הינטער זיך א סטעזשקע מיט בלוט. ביי יעדן טריט בלייבט א בלוטיקער אפּדרוק פון דער זויל. רובינשטיין וויל ניט שטארבן. ער נעמט נאך צונויף די לעצטע קויכעס. אבער נאך א קויל האט אים געטראפן — דאס איז געווען די לעצטע. ער האט זיך מער ניט אויפגעהויבן.

* * *

ער האט שטענדיק געזונגען : ווען עס האט געשיינט די זון, ווען עס האט גערעגנט, ווען עס איז ניט געווען קיין עסן און ווען עס האט וויי־געטאן. א זינגענדיקער סאלאוויי, וואס איז נאך לאנג זיין פארשפּארט, באפרייט געווארן פון שטייג — פלאטערט און פרייט זיך מיטן לעבן ; מיטן וואלד און אלץ ארום, די גאנצע נאטור טאנצט און זינגט מיט אים.

די קאמפּאניע מארשירט. שוין צוויי טעג ניט געגעסן. דא שלעפּט מען זיך שוין א טאג מיט א נאכט. די פיס ברעכן, דער הונגער נאגט. „באברוש" גיט א זינג אויף און דער ווייטיק ווערט לייכטער, די פיס הויבן זיך פלינקער און מען פארגעסט אין גאנ־צן פון הונגער.

בערעך ניסענבוים (באברוש) — א קינד פון דער יידישער ארעמקייט אין ווארשע. א שטענדיקער איינגייער אין דער וואר־שעווער דעפענסיווע, האט ער אויף זיינע 24 יאר געציילט מער ארעסטן, ווי יארן. אומעטום, וווּ מען האט געדארפט באשיצן א יידישן קרעמער אדער ארבעטער, האט באברוש איינגעשטעלט זיין לעבן.

דער וועג פון פוילן קיין שפּאניע איז פאר אלעמען געווען א מארטירער־וועג, אבער פאר אים — נאך שרעקלעכער און פיינלעכער : 5 כאדאשים האט ער געוואנדערט איבער לענדער

און טפיסעס אַן געלט, אַז אַ פּאַס. ווען ער האָט דערזען דעם ערשטן מיליציאַנער אויף דער שפּאַנישער גרענעץ, האָט ער ארומ־געכאַפּט אים האַלזן. אַ פרייד, אַ אומגעצוימטע האָט געפּראַלט פון אים צו אַלע און אַלעמען אויף אָט דער באַפרייטער ערד, אויף וועלכער ער איז אַנגעקומען נאָך אַזויפיל דערנער.

אין פוילן האָט באַברוש געהערט פון יעדן כוליגאַן: „ברוד־דיקער ייד, פון אַ מאַמען אַ זוינע" און דאָ האָבן די שפּאַניער זיי באַגעגנט מיט די ווערטער: „געבענטשט זאָלן זיין די מאַמעס, וואָס האָבן אייך געהאַט". ניין — האָט ער אויסגעשריגן — איך מוז דאָס אַנשרייבן צו מיין מאַמען, זאָל זי זען, אז עס האָט זיך געלוינט...

באַברוש באַשרייבט אין באַטאַליאָן־צייטונג ווי אַזוי די ציוויל באַפעלקערונג פון שטעטל, וו דער באַטאַליאָן איז געשטאַנען, האָט זיי געזעגנט, ווען זיי זענען אָפּגעפאָרן צום פראָנט.

„הארציק האָבן אונז געזעגנט די איינוווינער, ספּעציעל די אַלטע פרויען. קוקנדיק אויף די וויינענדיקע פרויען, האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין מוטער. יאָ, זיי האָבן אונז געזעגנט, ווי מיר וואָלטן געווען זייערע קינדער. מיר פאַרשטייען זיך ניט דורך פאַרשידענע שפּראַכן, און דאָך ווי גוט מיר פאַרשטייען זיך! זיי ווייסן, אַז פון וויטן פוילן זענען מיר פרייוויליק געקומען פאַר־טיידיקן זייער פרייהייט, וואָס עס איז אויך די פרייהייט פון פוילישן פאָלק. ערלעכע, דורך קריג אויסגעמוטשעטע פרויען, מיר וועלן אויפן פראָנט נעקאַמע נעמען פאַר אייער און אונזער אָוולע. שטאָלץ וועלן מיר טראָגן די פאָן פאַר אייער און אונזער פרייהייט".

מער האָט באַברוש ניט געשריבן. ביי זווליא מאַיאָר דע גאַלעגאַ, דאָרט, וו עס איז געפאַלן רובינשטיין, יאַנאַס און אַנ־דערע איז אויך געפאַלן דער שטענדיק זינגענדיקער, באַפרייטער סאָלאָוויי באַרעד ניסענבוים (באַברוש).

* * *

מענטשן האָבן אוועקגעגעבן דאָס לעבן פאַר אַ נאָבעלע זאַך: פאַר פרייהייט און פּראָגרעס פון אַלע פעלקער; פאַר מענטשן־רעכט, פאַר מענטשן־ווירדע — פאַרן שפּאַנישן און פאַר זייער אייגן פאָלק.

* * *

אין פּאַנטעאָן פון אונזערע העלדן וועלן זייערע נעמען ארויס־

שיינע צווישן די ליבסטע און טייערסטע, וועלכע דאָס יידישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

* * *

אין אַן אינטערוויו, וואָס איך האָב געהאַט סאָף נאָוועמבער 1936 אין מאַדריד, האָט מיר דער געוועזענער איטאַליענישער דעפּוטאַט און ערשטער פּאָליטקאָמיסאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, מאַריאָ ניקאָלעטי, דערקלערט:

— איך האַלט פאַר מיין אויפגאַבע אייך צו זאָגן, אַז די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען איינגעגלידערט אין זייערע לאַנד־באַטאַליאָנען און ספּעציעל, אין די פּוילישע און אַמעריקאַנער, ווו זיי זענען אין אַ גרויסער צאָל, צייכענען זיך אויס מיט זייער בראַוווּר, קאַמף־גייסט און זענען אַ ביישפּיל פון דיסציפּלין. גיט איבער אין מיין נאָמען, אַז אַלע אויסגעטראַכטע ליגנס, אַז יידן זענען פּאַכדאַנים, אַז יידן זענען ניט פעיק צו קעמפן, זענען ביזוויליקע בילבולים פון אַלע פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן.

דאָס יידישע פאָלק, צוגלייך מיט אַלע פעלקער פון דער ערד איז פעיק אויף העלדישקייט און אָפּפערוויליקייט.

## מורציע, קאַרטאַכענע און די סילוועסטער־נאַכט

וואָס מער מען דערווייטערט זיך פון אַלבאַסעטע צו דאָרעם־מיזרעד, אַלץ העלער שיינט אויף די זון, אַלץ בלויער און ריינער ווערט דער הימל. — ברייטער און ראַכוועסדיקער שפּרייטן זיך אויס די פעלדער פון דער גאָלדענער לעוואַנטע.

וואָס ווייטער צו דאָרעם, אַלץ געדיכטער און געדיכטער טראָפּיקעס: פּאַלמעס, קאַקטוסן, ציטרינען, פּאָמעראַנצן, ווייַן און איילבירטן.

וואָס מער מען דערווייטערט זיך פון אַלבאַסעטע, אַלץ מער דערווייטערט מען זיך פון מילכאָמע, פון טראַנשייען און טייל־ווייז פון טויט... מען דרינגט אַלץ טיפער אריין אין הינטער־לאַנד; אין דעם פעטן און פרוכטבאַרן הינטערלאַנד פון מיזרעד־דאָרעם שפּאַניע.

מורציע ליגט אָפּגערוקט פון יאַם־ווינקל צווישן אַליקאַנטע און קאַרטעכענע. פאַר אַ באָמבאַרדירונג דורכן יאַם איז מורציע

פארזיכערט. באר א באמבארדירונג פון דער לופט האט מען צענומען דעם ברוק פון די הויפט־גאסן און מען בויט היילן אונטער דער ערד. אויסער דעם איז אלץ נארמאל...

גרויסע הייזער, וואס האבן געהערט צו רייכע זענען פארוואנדלט געווארן אין שפיטעלער. אסאך פארוואונדעטע סאלדאטן פון דער אינטערנאציאנאלער בריגאדע, האט מען דא אהערגעשיקט היילן זייערע ווונדן. ליגן זיי דא געליימטע, אסאך מיט אמפוטירטע פיס אדער הענט. און צווישן זיי דער פאלעסטינער יאנאס מיט אן אפגעזעגטן פוס און דער פאראליזירטער מאטל פאלטענבערג, וואס האט איז זיין ליב ביי 20 שפליטערס.

די אמאליקע קאסינא פאר אפיצירן, מיט די פארבלענדנדיקע לוקסוס־איינגעארדנטע שפיל־זאלן, איז פארוואנדלט געווארן אין א פאלקס־הויז. די ארנאמענטן, סקולפטורן, באַרעליעפן און מאלערייען פארכאפן בון זייער שעפע. דער פאראנטוואָרטלעכער, וואס פירט מיך ארום איבער די סאלאנען, פארגעסט מיר ניט צו ווייזן דעם פרויען־טואלעט־זאל, ווו די ווענט זענען באמאלן מיט מאטיוון וועגן ליבע און ריטערלעכקייט, ארויסגענומען פון שפאנישע, קלאסישע ראמאנען. באזונדער פארגעסט מען מיר ניט אנצווייזן אויפן סופיט, פון וואנען א וואונדערשיינער מאן מיט לאַבענדיקע, פארפירערישע אויגן פליט צו דער פרוי בעיס זי פארריכט זיך איר טואלעט... און ווי זי זאל זיך ניט שטעלן, ביי וואס פארא שפיגל און אין וואס פארא ווינקל, מוז זי זיך באגעגענען מיט זיינע אויגן און זיין שיינעם נאקעטן קערפער — דער אויסגעכאלעמטער עראס, וואס שפריצט מיט טאווע און ליבע...

אין מורציע פאלן ניט קיין באמבעס. אין מורציע פארשטייט די באפעלקערונג נאך ניט גענוי דעם טייטש פון „קאפראניס”, „יונקערס” און „הענקעלס”.

גאנץ אנדערש איז אין קארטאכענע : דער וויכטיקסטער קריגפארט פון רעפובליקאנישן שפאניע מיט א שיף־קאנסטרוקציע־פאבריקאציע און א גרויסן ארסענאל, וואס ארבעט טאג און נאכט.

ביים פארט און ארום ארסענאל זעט אויס ווי נאך אן ערדציטערניש, באמבעס פון דייטשער אויסארבעטונג פאלן בייטאג און ביינאכט. אבער דער ארסענאל פראדוצירט שראפנעלן פון 10 און א האלב. ביי גליענדיקע אויוונס, ווי די היץ דערגייט פון 850 ביז 900 גראד — פארמירט מען גילזן פאר דער לייכט־

ארטילעריע. טיף אין די קעלערס פילט מען זיי אז מיט דינא־מיט און איבערן הימל ראיעט די פײנטלעכע אוויאציע, וואס וויל זיי אויסגעפינען און פארוואנדלען די גאנצע שטאט אין שטויב.

ביי די מאשינען שטייען מענטשן מיט געשפאנטע נערוון און קלארן סייכל. די מאשינען זענען אלט־מאדיש און אפגענוצט, די מאטארן זענען אלט און שוואך. די הערצער ביי די מענער און פרויען, וואס איך האב געזען אין ארסענאל ביי דער ארבעט, זענען יונג און שטארק...

מיין באגלייטער, א פארשטייער פון פאלקס־פראנט, פירט מיך צום פארט. די שטאט איז פארלאזן פון ציווילע מענטשן. מאטראזן מיט שלאנקע, אנגעצויגענע טאליעס שפאצירן גרופנווייז — זוכן אין די ליידיקע קאפעס צו טרינקען און... פרויען. אומעטום זעט מען זיי. און מען האט דעם איינדרוק, אז די שטאט באשטייט פון בלויז מאטראזן...

ווו עס איז נאר פאראן א בארג אין שטאט (און אזעלכע פעלן ניט אין קארטאכענע) ווערט ער דורכגעלעכערט פאר באַשיצונג־פונקטן. ביי די לעכער שפילן זיך קינדער. אין די שוין אויסגעגראבענע ערטער ליגן שמאטעס — מענטשן. קליינע מיי־דעלעך מיט פיצלעך קינדער, וואס די מאמעס האבן זיי איבער־געגעבן צו היטן, ליגן דא אין דער פינצטער, אין געדיכטן שטויב, ווו עס שטינקט מיט האשטאנע און מענטשלעכן ארויסגאנג.

אין די גרינע וואסערן פון פארט וויגן זיך שלאנקע סילועטן פון גראע קריג־שיפן.

דער פארט — א דריי־עק, א סעגל. א לאנגע האריזאנטאלע ליניע פון בעטאן — דער ברעג. צווויי בערג, ווי האלב־געעפנטע טויערן פירן צום אפענעם יאם.

א קליין שיפל שווימט מיט אונז צום „ליבערטאד". (דיזעלבע „ליבערטאד", וואס האט אנטיילגענומען ביים דערטרונקען דעם פאשיסטישן קרייצער „באלעאר" אין מערץ 1938). דאס איז די ערשטע קריג־שיף, וואס האט זיך רעוואלטירט קעגן זייערע פא־שיסטישע אפיצירן.

די פיר הונדערט מאטראזן זענען זין פון פאלק. זיי קענען די געשיכטע פון „פאטיאמקין", „אווראראַ", „וואלדעק־רוסאַ", „זיבן פראווינצן" און „קראנשטאט".

מיר שטייגן ארויף דורך די הענגלייטער צום דעק. דער

מאַטראַן אויף דער וואַך גיט וועמען איבער מען זאָל אונז פירן צום קאָמיטעט, צו זיין קאָמיטעט. די מיטגלידער פון קאָמיטעט — מענטשן פון שטורמישע יאָמען און ווינטן רעדן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. דאָס האָבן זיי דאָך געטאָן פאַר דער רעפּובליק, פאַרן פאָלק און פאַר דער צוקונפט... זיי רעדן מיט ליבשאַפט וועגן דער מאַמען — די „פּאַסיאָנאַריא", וואָס האָט זיי דאָ מיט אַ קורצע צייט צוריק באַזוכט.

אין דער קאַיוטע, וווּ עס האָט אַמאָל געהערשט דער קאַפּיטאַן, זיצט דער קאָמיטעט. פון די ווענט שיינען אַראָפּ צווייַ פּענער: די נאַציאָנאַלע און — רויטע. דער מוטערלעכער, צאַרטער קאָפּ פון די „פּאַסיאָנאַריא" און אזאַניאַ.

— ווער האָט אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד קעגן די רעבעלישע אָפיצירן? — פרעג איך דעם פּאַרזיצער.

— אַלע צוזאַמען...

— צו וואָס פאַרא פּאַרטיי געהערט איר?

— צו דער פּאַרטיי, וואָס פאַרטיידיקט די רעפּובליק...

דאָ זענען אויסגעמישט סערזשאַנטן, קאָפּראַלן און מאַטראָזן. זיי דאַרפן פאַרטרעטן די העכערע היעראַרכיע פון דער פאַשיסטישער אָנפירערשאַפט. דער שיף־קוכער און דער פּאַרזיצער פון קאָמיטעט דערקלערן מיר:

— די דיסציפּלין איז אַ געזונטע, די מאָראַל איז אַ געהויבענע. מיר פירן אַ קולטורעלע טעטיקייט דורך שמועסן, פּרעסע און ליטעראַטור.

די געשיכטע פון רעוואָלט איז אַ קורצע:

— ביים אויסברוך פון אויפשטאַנד, דעם 18־טן יולי האָט די שיף זיך געפינען אין גאַליציש פּאָרט: פעראָל. דעם 18־טן יולי 1936 האָבן די אָפיצירן באַפוילן אויפצוהויבן די אַנקערס אויפן וועג קיין קאַדיקס. אונזער ראַדיאָ האָט שוין אויפגעכאַפּט די ידיעה, וועגן אויפשטאַנד אין מאַראָקאָ. די אָפיצירן האָבן אָנגעהויבן צו טעראָריזירן און מיט געווער אין האַנט געצוווּנגען אויספירן זייערע באַפעלן:

ווי אַ בליץ איז דורכגעלאָפן איבער דער שיף — איינער פון די סערזשאַנטן — באַקאַנט אַלס רעפּובליקאַנער — איז דערשאָסן געוואָרן אויפן דעק".

אַ כוואַליע האָט אַ שפּאַר געטאָן: פון אַלע נאָרעס, פון

אלע באהעלטענישן זענען ארויף פיר הונדערט מאטראזן אויפן דעק. א שיסעריי. מען לויפט פון לייטערס. קאיוטעס פארהאקן זיך. עטלעכע ליגן אין בלוט. אייניקע שפרינגען אין יאם אריין. — זיך אונטערגעבן. די ארעסטירטע אפיצירן ווערן געמישפעט ביי דער אנוועזנהייט פון דער גאנצער מאנשאפט. — עקזעקוטירט און אריין אין וואסער.

דער בריטער אקעאן האט אין יענעם יולי־פרימארגן שטיל אויפגענומען דעם גערעכטן אורטייל פון די זין פון פאלק.

— האלא ! האלא ! דא רעדט „ליבערטאד", מיר זענען גע־טריי דער רעפובליק און דער לעגאלער רעגירונג !

אין דער פינצטערער נאכט גליטשט זיך דער „ליבערטאד" אריבער דעם גיבראלטאר־קאנאל און לויפט צוהילף זיינע ברידער פון אלמעריא און מאלאגא.

דער רוף פון „ליבערטאד" ווערט דערהערט פון די איי־בעריקע קריג־שיפן : „סערוואנטעס", „כאימע 1־טער" און אלע אנדערע. אויסער „אלמיראנטע סערווערא", „עספאניא", „באלע־אר", „קאנאריאס" און נאך עטלעכע קלענערע שיפן, געפינט זיך דער גאנצער פלאט מיט די אונטערוואסער־שיפן אין די הענט פון דער רעגירונג.

דער מיטלענדישער יאם ווערט פארפלייצט מיט איטאליע־נישע, דייטשע שיפן און שפיאנירן דעם רעפובליקאנישן פלאט. זייערע אונטערוואסער־שיפן טרינקען אונטער רעפובליקאנישע שיפן. און די „ניט־אינטערווענץ" מאכט אומעגלעך פארן רע־פובליקאנישן פלאט מיטצוהעלפן אין די אפעראציעס אויף די בראנטן, לענגאויס די יאם־ברעגן.

מיר גייען ארויס אויפן דעק און מאכן א שפאציר ארום דער שיף. די מאטראזן פוצן און רייניקן די הארמאטן אויפן דעק. אלע טיילן גלאנצן און פינקלען. א וואלד מיט פויסטן הויבט זיך און א קרעפטיקער סאלוט באגלייט דאס שיפל, וואס פלוסקעט זיך שוין צום גרעסטן רעפובליקאנישן קרייצער : „כאימע 1־טער", וואס שטייט אויף דער צווייטער זייט טיפער אריינגערוקט אין פארט.

* * *

„כאימע 1־טער" איז דער שטארקסטער קרייצער אין שפאניע. ער פארמאגט א מאנשאפט פון זעקס הונדערט מאטראזן און פערציק הארמאטן. ער קען שיסן אויף 22 מייל מיט 380 קילא־

דיקע קוילן. פונקט ווי „ליבערטאַד", האָט זיך „כאַימע 1-טער" געפונען אין פּעראַל, קומענדיק פון נאָענטן פּאָרט, וויגאָ.

די שיף האָט דערהאַלטן אַ באַפעל צו באָמבאַרדירן קאַדיקס. באָמבאַרדירן?

— עס איז ניטאָ קיין אַמוניציע... — אַ שפּיצל.

דער באַפעל איז אַ פאַלשער.

עס קומט אָן די ידיעה פון „ליבערטאַד".

די אָפיצירן זענען פאַרזאַמלט אין עס-צימער. די טירן ארום עס-צימער ווערן פאַרשלאָסן און די אָפיצירן — אַרעסטירט. צוויי אָפיצירן געלונגט צו בלייבן אויף דער פריי און מען טוישט זיך אוים אויפן דעק מיט שאָסן. די צוויי אָפיצירן ציען זיך צוריק, אויף דער אויבערשטער בריק און צום סאָף קאַפּיטולירן זיי. געמישפּעט... און די שיף איז טריי דער רעגירונג.

דער מעכאַניקער איז סעקרעטאַר פון קאָמיטעט פון די מאַטראָזן — אַ ווארעם פּנים מיט אַ פּאָר גוטמוטיקע אויגן:

— ווי געפינט איר דעם פאַרגלייך צווישן אייך און די קראַנשטאַטער?

— די קראָנשטאַטער האָבן אויך גענומען אַן אקטיוון אַנטייל אויף דער יאבאַשע, ווען אונזער געביט איז דערוויייל בלויז דער יאַם.

— פאַרוואָס בלייבט איר אַזוי לאַנג אָן אַקטיוויטעט?

— די ווייסע ווילן ניט אויפנעמען קיין קאַמף מיט אונז. איטאַליענישע שיפן געבן זיי צוּוויסן אונזער אַנוועזנהייט אויפן אָפענעם יאַם און זיי קענען זיך אומבאַשטראָפט אויסבאַהאַלטן פאַר אונזער פלאָט.

— און טעכניקער ספּעציאַליסטן, פאַר דער לייטונג?

— דאָס פעלן אונז. מיר האָבן נאָך ניט קיין קאַדרן. די אַלטע זענען געווען פאַשיסטן און קיין נייע האָבן מיר נאָך ניט. אויסערדעם איז די שיף שוין צוויי מאָל באַשעדיקט געוואָרן דורך פיינטלעכע אַוויאָנען און האָט געמוזט בלייבן לאַנג אין די וואַרשטאַטן, קעדיי פאַריכט צו ווערן.

— די רעבעלן פאַרמאָגן ניט קיין אונטערוואַסער-שיפן — גיט ער צו — אַלע אָנפאַלן ווערן געמאַכט דורך איטאַליענישע.

די מאַטראָזן פון אַן אונטערגייענדיקער שיף, וואָס פרוּוון זיך ראַטעווען דורך שווימען, ווערן באַשאָסן מיט מאַשין-געווער. אַלע מינען און טיילן זענען פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג. אויך

דער „סערוואַנטעס", וואָס געפינט זיך איצט אין די וואַרשטאַטן אין באַשעדיקט געוואָרן פון אַן איטאַליענישער אונטערוואַסער־שיף.

מיר מאַכן נאָך אַ שפּאַציר אויפן דעק און מיר פאַרלאָזן די שיף צוזאַמען מיט אַ גרופּע אויסגעפּוצטע מאַטראָזן.

אונטן וואַרט שוין אַ „וועדעט", וואָס פירט אַלעמען צום ברעג. עס איז היינט דער לעצטער טאָג פון יאָר, דער 31־טער דעצעמבער. זיי גייען פּראַווען סילוועסטער — טראַכט איך. אָבער באַלד ביים ברעג וואַרפט אַלץ אָן אַן איימע. די שטאָט ליגט אין טיפער פינצטערניש. אַ ווינט יאָגט פון יאַם און שאָקלט אַלע קע־גענשטאַנדן, וואָס ער טרעפט אויפן וועג. דאָס שאַפט אַזאַ אומ־היימלעכע מוזיק — ניט ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר פייערן די נאַכט פון הייליקן סילוועסטער... אין די שמאָלע געסלעך (אַט אַזעלכע געסלעך, וואָס געפינען זיך אין אַלע פּאָרט־שטעט פון דער וועלט) רייסט זיך אריין אַ ליכט־שטראַל אין דער פינצטער־ניש. הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס ליידיקט דער קאַפע־אייגנטימער אויס די לעצטע פלעשלעך קאָניאַק. פרויען זעט מען ווייניק. ביי די טישלעך זיצן מאַטראָזן רעדן וועגן יאַם, וועגן קריג־שיפן, וועגן זייערע פאַמיליעס און געליבטע, וואָס זענען איצט ווייט פון זיי. אַסאַך — אויף דער צווייטער זייט, ביי די ווייסע. ווערן די מענ־טשען פון יאַמען, פון ווינטן און פון טויט, טרויעריק, מענטש־לעך ; אַזוי מענטשלעך — גאָרניט ענלעך צו די „יאַם־וועלף", וואָס זענען באַשריבן אין די ביכער... אַזוי פייערט קאַרטאַכענע דעם לעצטן טאָג פון יאָר 1936.

## דער אָנגריף אויף דער שיף פאַר אַלמעריאַ

אַ קאַלטער, פינצטערער באַגינען פון 1־טן יאַנואַר 1937.

אַ כאַוער, וואָס דאַרף מיך באַגלייטן צו דער שיף, קומט מיך וועקן. איך שטיי שוין לאַנג אויף די פיס.

אין דעם האַלב־פינצטערן פּאַרטאַג, ליגן די גאַסן ליידיק, דערשראָקן. טולענדיקע נאַכט־וועכטער אָדער פּאַטרולן שאַרן זיך פויל ביי די ווענט. אַ געדיכטער נעפּל מישט אויס די שטאָט מיטן יאַם...

ביי דער שיף־סטאַציע ליגן אַנגעוואָרפן פּעקלעך. עס קלאַפּט שוין די מאַשין פון דער שיף. פון קוימען לויפט אַ שיטערער רויך. דער דינאַמאָ גיסט אריין שוואכע ענערגיע אין עטלעכע קליינע, בלאַסע לעמפּלעך, וואָס פאַרשפּרייטן אַ בלאַסע שיין אויף דער שיף.

„מאַנטע־טאַרא" — אַ פּאָסט־שיף פון מויזנט טאָן. פאַר דער רעוואָלוציע האָט זי קורסירט איבערן גיבראַלטאַר, צווישן אפריקע און אייראָפּע. איצט קומט זי פון אליקאַנטע און האָט פיר פּאַ־סאַזשירן אויפן דעק: אַן עלטערער פויער מיט צעשראָקענע אויגן, וואָס פאָרט צו זיינע קרוביים קיין מאַלאַגאַ; אַ מיליציאָנער — צוריק פון אורלויב, אַן אַלטער, ווייזט אויס אָפּגעקומענער געווויר מיט זיין זון און איך וועל זיין דער 5־טער.

ווען די שיף האָט אויפגעהויבן דעם אַנקער איז שוין גע־ווען גרויסער טאָג. די אויפגייענדיקע זון האָט פונאַנדערגעטריבן דעם נעפּל. די לופט איז געוואָרן קלאָר און דורכזיכטיק. די שיף איז לאַנגזאַם אוועק פון ברעג.

לאַנג האָט מען געוואַרט, אַז דער פּאָרט זאָל אונז ארויסלאָזן פון זיינע טויערן. די מאַטראָזן האָבן זיך דערנערוווירט. דער קאַ־פּיטאַן איז געשטאַנען און געקוקט דורך זיינע יאַם־גלעזער. ענדלעך — באַפעלט צו לאָזן דאַמף און ארויפציען דעם אַנקער ביז ארויף.

מיר לאָזן זיך איבער די בלאָע, באַגילדטע וואַסערן פון מיטל־לענדישן יאַם. מיר היטן דעם ברעג די גאַנצע צייט. אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע וויקלט זיך פונאַנדער:

פון איין זייט אַן אומענדלעכע קייט פון גרינע, געלע בערג; שפּיציקע מאַסיוון און נאַקעטע פעלזן. איבער אַלעם קוקט אַריבער דער אייביק־ווייסער קאָפּ פון „סיערא ניעוואַדא".

פון דער צווייטער זייט — פינקלען די כוואַליעס מיט גאָלד. אַ ברייטע און ווייטע אומענדלעכקייט שפּיגלט זיך אין בלוי און גיסט זיך צוזאַמען מיטן גאָלדענעם שטראָם, וואָס איז איינגע־הילט פון די ווייטע ווייטן אַז אַ סאָף. ווו ענדיקט זיך דער יאַם? ווו הויבט זיך אָן דער הימל?...

ביז שלײַדערט דער רוקן פון דער שיף שוימיקע כוואַליעס, וואָס באַהאַלטן און הויבן זיך אויף; באַהאַלטן און הויבן זיך אויף, ווי זיי וואָלטן לויערן אויף אונז. רוקן זיך אָן, איינע נאָך די צווייטע — אַמאָל שנעלער, אַמאָל פּאַמעלעכער. ווי אַ כאַיע פאַר

זיין קאַרבן, גיט זיך אַ כוואַליע אַ הויב אויף, צעעפנט אַ פּיסק — אַט דאַכט זיך ווערן מיר פאַרשלונגען. די שיף שניידט זיך טיף אַריין מיט איר רוקן און גיט זיך אַ וויג...

דער פאַרביקער ברעג ציט זיך פאַרביי, ווי אַ פילם־טאַשמע אויפן עקראַן: אַ בינטל ווייסע הייזלעך, ווי מושלעס ליגן צע־וואָרפן אויף אַ פלאַך שטיקל ברעג. אַ שטעטעלע קוקט אַרויס מיט איין אויג פון הינטער אַ באַרג. מעוועס קראַקען און קרייזן מאָסענ־ווייז לאַנגע שאָען אַרום די שיף. דערזעען מיט זייער שאַרפן בליק אַ פישל אין די כוואַליעס, לאָזן זיי זיך אַראָנטער אין אַ האַלב־קרייז מיט צעשפּרייטע פליגלען אַזוי גראַציעז און כאַפּן עס אין שנאָבל.

וואָס פאַרא מערקווירדיקע באַשעפענישן — די מעוועס; וואָס פאַרא קראַפט אין זיי שטעקט! פליען ווי קיין שום פויגל אין דער וועלט ניט; מיט אַזוי פיל גראַציעזקייט און פלאַסטיש־קייט. שאָען קען מען באַוווּנדערן, ווי זיי קרייזן הונדערטער מאָל אַרום די שיף און וואַרטן, אַז דער קוכער, זאָל אויסגיסן דאָס אָפּפאַלעכץ פון דער קיך. דאַן גיט זיך די מאַכנע אַ לאָז מיט אַ שרעקלעך קוואַקעריי, אויף די שוימיקע כוואַליעס, נאָך זייער גאַרונג. באַלד קרייזן זיי ווייטער אַרום די שיף און וואַרטן אויף אַ צווייטע פּאַרציע.

איך שטיי אויפן דעק פון דער שיף און באַוווּנדער דאָס פּרעכטיקע ווינקל פון דער ערד; די לאַנדשאַפטן, נאַטור־שיינ־קייטן אונטערן בלויען הימל און אַלץ, דאַכט זיך, שרייט צו דיר: מענטש! לעב! אַלץ איז פאַר דיר! אַלץ ווייזט זיך אויס דאָ צו זיין אַזוי ווייט פון פראָנט. אָבער מאָדנע, אין אַ געווויסן מאָ־מענט האָט מיך דאָס קראַקען פון די מעוועס דערמאָנט אין די קראָען פון לעבן טאַרדיענטאַ. דאָס איז געווען מיט 6 כאָדאָשים צוריק. איך בין פאַרבייגעפאָרן מיטן איטאַליענישן קאָמענדאַנט סטעפאַנעלי, איבערן פעלד ביי „סאַנטאַ־קיטעריאַ" האָבן מאַכנעס קראָען געקוואַקעט, פונקט, ווי אָט די מעוועס. אויף יענעם פעלד זענען געבליבן ליגן הונדערטער אַנטיפאַשיסטן פון וועלכע די קראָען זענען זאַט געוואָרן... דער רייעד פון יענעם פוילנדיקן מענטשן־פלייש, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. איך האָב מער ניט געקענט בלייבן אויפן דעק...

אויף דער העלפט וועג צווישן קאַרטאַכענע און אַלמעריאַ געפינט זיך דאָס קליינע פּאָרט־שטעטל אַגילאַס. אונזער שיף וויל

אויסמיידן דאָס פאָרן ביינאַכט און מיר מאַכן דאָ דעם ערשטן עסקאַל.

אַגילאָס איז אַ פישער־פּאָרט. אָבער אויסער פיש, פּראָדוצירט דאָס שטעטל שטריק. אין די בערג וואַקסן דאָ אַזעלכע הויכע, שטאַרקע גראָזן, וואָס מען רופט „עספּארטאָ". דער עספּארטאָ ווערט געווייקט, געטרוקנט, צעקלאַפּט און דערנאָך צעקעמט אויף דינע פעדעם. די דינע פעדעם ווערן געשפּינט און שפּעטער גע־פלאָכטן אין פילפאַכיקע, שטאַרקע שטריק, פאַר שיפן און פישער. די פּראָדוקציע ווערט אויסגעפירט אויפן פּרימיטיווסטן אופן.

דער בירגערמייסטער אַליין באַגלייט מיך איבער די פאַבריקן פון „עספּארטאָ". אין לאַנגע שייערס פול מיט שטויב שטייען הוסטנדיקע מענער מיט קראַנקע, פאַראַפּעטע אויגן און קע־מען די צעקלאַפּטע בינטלעך אויף שפּיזן. דער שרעקלעכער שטויב, וואָס די אַרבעט פּראָדוצירט, פאַרסאַמט די לונגען און מאַכט בלינד די אויגן. קליינע יינגלעך, פון 11 ביז 13 יאָר שטייען ביי זייערע טאַטעס, וואָס הוסטן און פעלן יעדע וואָך אַ צוויי, דריי טעג ביי דער אַרבעט...

שטייען שווינדזוכטיקע מיט רויטע אויגן און אויסגעקראָכענע וויעס ביי שרעקלעך אומהיגיענישע באַדינגונגען און פאַרשעלטן יעדע מינוט זייער גורל, זייער ביטער מאַזל. ביי אונזער אריינ־קומען שפּרינגט אויף אַ יונג און שרייט אויס פאַרביטערט: — אויפן פּראָנט איז שוין אַסאַך בעסער! ער ווייזט זיינע אויגן און שפּייט אויס מיט אַ גרינעם לייבעכץ...

אויף אַ לאַנגן הויף באַגאַסן מיט זון, (דאָס פעלט דאָ קיינ־מאָל ניט אויס) שטייען קליינע יינגלעך און שאַרן מיט ברעטער אויף אַקסן, קעדיי צו מאַכן באַוועגן די גרויסע רעדער, וואָס זע־נען צו זיי צוגעפּעסטיקט. אויף אַ קליינעם האַטשעק איז אַנגעהאַנ־גען אַ לאַנגע שנור, וואָס דרייט זיך צוזאַמען מיטן ראָד. פון ראָד ביזן צווייטן עק הויף גייען מענטשן מיט צעקעמטע פּעק עספּארטאָ און ציען פלינק סטענגעס, וואָס דרייען זיך שנעל איין אין אַ שנור. עטלעכע אַזעלכע שנורן ווערן צוזאַמענגעדרייט און — עס ווערט אַ שטריק.

היינט אַרבעט מען ניט מער ווי אַכט שאָ אַ טאָג. אַמאָל האָט מען אינגאַנצן ניט געוווּסט פון צייט. זיי אַרבעטן אויף שטיק און פאַרדינען ביז אַכט און אַ גוט־קוואַליפיצירטער — 10

פֿעזעטן אַ טאָג, די „נעגערלעך" ביי די רעדער ניט מער ווי צוויי פֿעזעטן.

אין אַנגאָלאַס איז ניטאָ קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. אין אַנגאָלאַס זענען פֿאַראַן צוויי סינדיקאַטן „אוכעטע" און „צענעטע". שטאַרקער איז די „צענעטע". אין אַנגאָלאַס ווייסט מען וויניק, וואָס עס טוט זיך אין... שפּאַניע און זעלטן, זעלטן, ווען מען זעט אַן אַפּיש אויף אַ וואַנט אין די שמאָלע, ברודיקע געסלעך, וואָס זאָל דערמאָנען, אַז אין לאַנד קומט פֿאָר אַ גרויזאַמער קריג. די מענטשן לעבן אָרעם און אין דאַכקעס, אָבער דאָך ניט אַזוי ווי פֿריער...

היינט איז דער 1־טער יאַנואַר. די מאַטראָזן פֿון „מאָנטעטאַראַ" האָבן זיך אָנגעטאָן יאָנטעוודיק און גייען ביינאַכט אין שטאָט אריין. וואָס דאַרפֿן טאָן מאַטראָזן, ווען זיי קומען אַראָפּ אויף דער יאַבאַשע ? — זוכן פֿרויען...

— איי, דאָס יאַם־לעבן, דאָס יאַם־לעבן! קלאָגט זיך פֿאַר מיר דער געהילף־מאַשיניסט — צוויי זאַכן לעבן פֿאַר זיי אויף דער וועלט: יאַמען און פֿרויען. זיי האָבן די פֿאַמיליעס אין צעוטאַ, ביי פֿראַנקאָן און איינע ווייסט ניט פֿון די אַנדערע.

אין שטעטל איז היימלעך, יאָנטעוודיק.

אויפֿן הויפּט־פּלאַץ דרייט זיך אַ קאַרוזעלע. אַ קאַטערינקע שפּילט אָפּגעריסענע, צעצויגענע טענער. די מאַטראָזן זעצן זיך אויף די פֿערד פֿון דער קאַרוזעלע און דרייען זיך אַרום מיט קינדערישער האַנאָע.

איצט צו די הויכע, קרומע, פֿינצטערע געסלעך, ווו עס פֿילט זיך שוויים און... פֿרויען־ליַיב. זיי קענען שוין די געגנט און ווייסן ווו אָנצוקלאַפּן... פֿיר פֿאַרטאָג וועלן זיי זיך אומקערן אויפֿן דעק, און האָבן פֿאַרענדיקט זייער מיסיע אויף דער יאַבאַשע...

— איי, דאָס טרויעריקע לעבן אויפֿן יאַם — וועט מיר שפּעטער זאָגן דער געהילף־מאַשיניסט.

דער אַנקער איז אויפֿגעהויבן קיין אַלמעריאַ. עס איז אַ זוניקער פֿרימאָרגן. די לופֿט איז אַ לויטערע. אַלץ אין דער יאַם־וויטקייט איז קלאָר, אָרומגעוואַשן. דער שטענדיק, פֿילפֿאַרביקער ברעג באַגלייט אונז אַז אויפֿהער. מיר שווימען פֿון אים אָפּגערוקט בלויז בערערך פֿינף קילאָמעטער. אַמאָל קומט אונז אַנטקעגן אַ לאַסט־שיף און מען באַגריסט זיך קעגנזייטיק.

אויפן האריזאנט שטייט א גראער פאס רויך — ווער איז דאס? דער קאפיטאן לאזט ניט אראפ די גלעזער פון די אויגן.

— ווער איז דאס? — פרעג איך.

— איך קען גארניט פעסטשטעלן — באקום איך אן ענט־פער.

מען דערנענטערט זיך קיין אלמעריא. מיר זענען שוין פאר־ביי־עשוווימען קארבאנעראס, און דרייען זיך ארום דעם קאפ. די שיף גליטשט זיך שוין איבער די וואסערן פון אלמעריא. אין פערספעקטיוו טיילט זיך שוין אויס די שטאט. אבער דער פאס רויך אויפן האריזאנט דערנענטערט זיך קעסיידער. א ווארעם פון אומרו נעמט נאגן. דער קאפיטאן באפעלט דערנענטערן זיך צום ברעג. מיט אמאל האט דער עכא פון יאם געברענגט דעם ערשטן שאס. צו אונז איז ער ניט דערגאנגען. אבער מען שיסט טאקע אויף אונז! פאנטאנען וואסער הויבן זיך אויף און לאזן זיך אראפ. צום גליק, גענוג ווייט פון אונז... דער קאפיטאן באפעלט אראפצולאזן די רעטונג־שיפלעך. די ערשטע 20 מענטשן לאזן זיך אהין אריין. אויף דער שיף בלייבט נאך א גרויסע צאל פון דער מאנשאפט און ווארטן אויפן לעצטן באשלוס.

די שאסן דערנענטערן זיך אלץ מער און מער. אבער די שיף ווערט ניט אנגערירט.

דאס ערשטע רעטונג־שיפל, אין וועלכן איך געפין זיך אויך, דערווייטערט זיך פון דער שיף. פיר מאטראזן אין יעדע זייטן רודערן מיט געוואלדיקער אנשטרענגונג. דאס קליינע שיפל וויגט זיך לייכט אויף די כוואליעס און עס דאכט זיך, אז אט קערט מען זיך איבער. די מאטראזן זענען ערנסט און קאלטבלוטיק. די פאסאזשירן בלאנדזשען מיט צעשראקענע אויגן אין די ווייט־קייט — זוכן דעם ברעג... יעדער איז פארטאן מיט זיך. איך מייד אויס צו באגעגענען זיך מיטן בליק פון שאכן...

מיר זענען ענדלעך אויסגעשטיגן אויפן ברעג. דאס איז צען קילאמעטער פון אלמעריא. פון דערווייטנס זעען מיר, ווי אונזער „מאנטע טארא" שווימט אין פארט אריין, פריש און געזונט. אבער קיין מאלאגא וועלן מיר מיט דער שיף שוין מער ניט פארן...

## דער וועג קיין מאַלאַגאַ

אַלמעריאַ האָט שיינע גאַסן און אַסאַך פּאַלמען. דער ברייטער בולוואַר ביים פּאָרט ציט זיך לאַנג אַוועק מיט פּאַלמען און בלומען. אַלמעריאַ האָט אַ ליבן קלימאַט.

אַלמעריאַ — די רייכסטע און שעפעדיקסטע געגנט אין שפּאַניע; וואָס איז דען דאָ ניט פאַראַן? ווייַן, איילבירטן, פּאָמעראַנצן, ציטרינען, צוקער, קאָרן און ווייץ. די ברעגן זענען רייך מיט פאַרשידענע סאָרטן פיש — האָמאַרן, לאַנגוסטן און אַנדערע פאַנג־מאַכאָלים, וואָס דער יאַם פאַרמאָגט. די בערג פאַרמאָגן אומאויסשעפּלעכע אוצרעס פון אייזן, נאַפט, זילבער. איצט די גאָלד־מינען אין ראָדאַלקילאַר. בלויז אַ מינימאַלער פּראָצענט פון דעם איז געוואָרן עקספּלואַטירט; געוואַלדיקע רייכטימער אין די בערג געפינען זיך נאָך אין בסולע־צושטאַנד.

ווער פון די פריערדיקע רעגירונגען און מעלוכע־פירער, האָבן זיך געזאָרגט דאָס צו עקספּלואַטירן? וועמען איז דאָס אָנגעגאַנגען?

מען האָט אַמאָל אָראָפּגעבראַכט אַן עקספּערט פון דער רעגירונג — דערציילט מיר דער אָרגאַניזאַציע־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער געגנט, מאַקאַעל — און אים געוויזן, אַז מיר האָבן נאַפט־קוואַלן. פון דעמאָלט אָן איז שוין אַוועק 6 יאָר און קיינער האָט נאָך גאָרניט געטאָן, קעדיי צו עקספּלואַטירן דעם נאַפט.

די ערד איז דאָ אַ פעטע און קען דריי מאָל אין יאָר באַפרוכפּערט ווערן. די געגנט איז רייך אין טייכן און אין פלוסן, וואָס קענען באַוואַסערן די פעלדער. דאָס איינשטעלן פון הידראָצענטראַלעס און קאַנאַליזירן די טייכן: משיקאָ, גוואַדאַל און קאַסטריל, קענען עפענען געוואַלדיקע פּערספּעקטיוון פאַר דער אַגריקולטור פון דער געגנט. דער פעאָדאַלער קלאַס — זאָגט פאַר — מאַקאַעל — די גרויסע ערד־באַזיצער האָבן געשטערט דאָס דורכצופירן. אין זייערע אינטערעסן איז געווען צו האַלטן דאָס לאַנד אין טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט. די רעגירונגען אין דער צייט פון דער מאָנאַרכיע, און טיילוויַיז אַפילע, שפּעטער ביי דער רעפּובליק, זענען געווען דער אויסדרוק פון אָט דעם אונטערגייענדיקן קלאַס, וואָס ציטערט פאַרן טעכנישן און עקאָנאָמישן פּאָרשריט — באַר דער מאַשין...

אין דעם רייכסטן לאנד האָבן די מענטשן געלעבט צום אָרעמסטן — פאַרענדיקט דער קאָמוניסטישער סעקרעטאַר.

אַלמעריא ווערט אַפּט באָמבאַרדירט פון יאַם און פון דער לופט. (דאָס איז נאָך געווען אַסאַך פריער, ווי דאָס האָט געטאָן די דייטשע שיף, „לייפּציק") די פאַשיסטישע קריג־שיף „קאַנאַריאַס", האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אויפגעריסן דעם בענזין־רעזערוואַר. פון שרעקלעכן אויפרייס זענען צענדליקער קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, לענגאויס דעם יאַם־ברעג, געווען ארומגעכאַפּט פון פלאַמען.

דער שאָסיי, וואָס פירט פון דאַנען קיין מאַלאַגא, שלענגלט זיך און דרייט זיך ביי די שוימיקע ברעגן פון יאַם. ברייט שטראַלט די זון אויף אַלע וועגן פון דאַנען. קיינער פון די יידע לאָזן אויף קיין איין רעגע ניט אָפּ — זון און יאַם. די לופט שמעקט מיט טראָפּיקעס. קילאָמעטערס און קילאָמעטערס — הויכע צוקער־שטע־קענס. אין יעדן שטעטל אַ צוקער־פאַבריק. יעדע שטאָט און שטעטל איז פול מיט הײמלאָזע און סתּם ליידיקגייער, יונגע מענטשן, וואָס וואַרעמען זיך אויף דער זון.

די צוקער־פאַבריקן זענען דאָ קאָלעקטיוויזירט און... מען פּראָדוצירט ווייניקער ווי פריער. דאָ איז פאַראַן צוקער צו באַשפּייזן דאָס גאַנצע לאַנד. אין באַרצעלאָנע און אין מאַדריד האָבן קינדער ניט קיין צוקער. דערפאַר הענגט אַן אויפשריפט אויף יעדער פאַבריק: „קאָלעקטיוויזאַדאָ צ.נ.ט." די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען ווערן דאָ שטרענג אָפּגעהיטן : מען אַרבעט ניט מער, ווי 40 שעה אַ וואָך, אין די יאַנטוויוויס אַרבעט מען ניט. דער לוין, פאַר אַ העכסט־קוואַליפיצירטן און ניט־קוואַליפיצירטן, איז דערזעלבער...

אויפן גאַנצן וועג — קליינע יישובֿים, פישער־הייזלעך, אָרעמקייט און דאַכקעס : אַדראַ, מאָטריל, וועלעז־מאַלאַגאַ. איצט קומט מאַ־לאַגאַ — אַ וועג פול מיט ראַכוועס און נאַטור־שיינקייט אויסגע־מישט מיט אומעט, דערשלאָגנקייט און פוילע גלייכגילטיקייט. דער אַספּעקט פון אַלע שטעטלעך אויף די 220 קילאָמעטער פון אַלמעריא ביז מאַלאַגאַ.

מיר זענען אַריינגעקומען אין דער שטאָט. דער פּאַלמען־פּאַרק אויפן ברעג יאַם, מאַכט אונז דעם ערשטן קאַבאַלעס פּאָנעם. מען פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז מען איז אין כוידעש יאַנואַר, ווען

ביי אונז אין פּאַריז טוליעט מען זיך אין די שווערע מאַלבושים. דאָ איז אַזוי זומערדיק, אַזוי לייכט...

מיר לויפן פאַרביי גאַסן — אומעטום כורוועס. הויפּנס שטיי־נער, מעבל, פאַרברענטע דעכער, לעבער פון באַמבעס, ווי וווּנדן. די גאַסן זענען פול מיט שפּאַצירנדיקע, כאָטש עס איז אַ פּאָשע־טער דינסטיק. אַסאַך בענצטעך און באַלקאָנען זענען באַצירט מיט שוואַרץ־רויט. ביי די ענג־באַזעצטע קאַפע־טישלעך טרינקט מען „סערוועסאַס" (ביר) און מען דיסקוטירט וועגן פרייען ווילן און פרייען מענטש...

אַנדערע שטייען אָנגעשפּאַרט מיט אַ פוס אויף אַ נידע־ריק קעסטעלע, ווו אַ שיך־פּוצער פּאַרעט זיך מיט בערשטן און שמירעכץ און זעט, אַז עס זאָל אַרויסקומען דער עמעסער גלאַנץ...

די גאַס פון אַמאַליקן האַנדלס־צענטער אין מאַלאַגאַ איז מער, ווי די העלפט צעשטערט, דער ברוק איז אָנגעוואָרפן מיט בערגער כורוועס. ווענט מיט קויל־פאַרברענטע פענצטער שטייען אין דער זייטן. מאַסן מענטשן שפּאַצירן זיך אַהין און צוריק אין מיטן וועג און שענקען ניט קיין גרויסע אויפמערקזאַמקייט די כורוועס און קופּעס מיסט, וואָס זיי טרעפן אָן.

איך דערוויס זיך שפּעטער, אַז אַסאַך הייזער זענען אונטער־געצונדן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד. דאָס איז געווען דאָרט, ווו די פאַשיסטן האָבן זיך פאַרפעסטיקט און קיין געווער צו באַריאַגן זיי איז ניט געווען.

ביים סאָף פון דער גאַס געפינט זיך דער קאָנסטיטוציע־פּלאַץ. אויף לינקס פון פּלאַץ הענגט אַ לאַנגער, רויטער באַנד מיט אַן אויפשריפט: „לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין מאַלאַגאַ". אויףביידע זייטן לאָזונגען: „דאָס גאַנצע געווער אויפן פראָנט". „קיין איין אַנטיפאַשיסט טאָר ניט בלייבן אָן באַ־שעפטיקונג". „אַלץ פאַר דער מילכאָמע". „אַלץ פאַרן זיג איבערן פאַשיזם". „אונזער זיג באַשטייט אין בויען פּאַרטיפיקאַציעס, טראַנשייען אַרום שטאָט, בויען באַריקאַדן".

גרויסע צייכענונגען פון סטאַלין, פּאַסיאָנאַריאַ, איגלעסיאַ, קאַבאַלעראָ באַצירן דעם פיר־קאַנטיקן פּלאַץ.

אין הויז אויפן צווייטן שטאָק, ווו עס האָט אַמאָל געוווינט אַ רייכער גוט־באַזיצער האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זיך ערשט

ניט לאַנג אינסטאַלירט. ביז איצט האָט זי אַפילו קיין לייטישן לאָקאַל ניט געהאַט, ווייל דער גאַנצער אַקטיוו איז גלייך פון אָנהויב אַוועק אויף די פראָנטן. אין דער שטאָט איז קיינער ניט געבליבן, וואָס זאָל אָרגאַניזירן די אַרבעט. אַלץ איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די אַנאַרכיסטן: די לאָקאַלן, אויטאָמאָבילן א.א.וו. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס דאָס „רויטע מאַלאַגאַ" איז דאָמינירט פון דער „צ.נ.ט.".

דאָ אין לאָקאַל פון דער פּאַרטיי הערשט די אַטמאָספער פון אַרבעטזאַמקייט. עס איז שווער צו געפינען אַ פּאַרטיי־פאַראַנטוואָרטלעכן זיך דורכצורעדן. אַלע זענען באַוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. אין לאַנגן קאָרידאָר שטייען מענטשן און וואַרטען, קעדיי אַנצוקומען צו זייערע סעקרעטאַריאַטן. פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען וועגן זייערע איניאַנים, וועגן דער ערד־פאַרטיילונג, רעקלאַמירן וועגן דער צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע און אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכעס צום לעבן פון זייער ערד אין דער געגנט.

דער סעקרעטאַר פון די פּויערים־פראַגן, קאַמפּאַ הערט אַלעמען אויס און גיט אָנווייזונגען, וואָס צו טאָן. ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אויפן לאַנד. זאָגט צו צו אינטערווענירן אין דעם אָדער אין אַ צווייטן פאַל פון אומרעכט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן איבער אַ קליינעם פּויער אָדער לאַנד־אַרבעטער.

ביים סעקרעטאַריאַט פאַר פּראָפּאַגאַנדע שטייען מענטשן און וואַרטן אויף ליטעראַטור און פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל. דער סעקרעטאַר פאַר דער אָפּטיילונג, קאַראַסקאָ באַוועגט זיך פלינק און גיט יעדן איינעם, וואָס ער פאַרלאַנגט.

קאַראַסקאָ האָט אַ שטורמישע פאַרגאַנגענהייט: אַ געוועזענער אַנאַרכיסט. געאַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער אין דער שפּאַנישער אַמבאַסאַדע אין בערלין, געהאָלפן אויספירן אַטענטאַטן און געלעבט, ווי אַן עמעסער פּוריטאַנער: ניט געגעסן קיין פלייש, ניט געטרונקען קיין אַלקאָהאָל, ניט גערויכערט. געווען אַרעסטירט אַלס אַנאַרכיסט אין ראַטנפאַרבאַנד אין פאַרלויף פון זעקס כאַדאָשים. נאָכן צוריקקומען קיין שפּאַניע טרעט ער אַריין אין דער פּאַרטיי.

דער יונגער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, ראָדריגאָ לאַראַ, איז ביי

אַלעמען באַליבט. דער 24־יעריקער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, ווערט גע־האַלטן פאַרן קליינעם כאַזע דיאַז פון מאַלאַגאַ...

ראַדריגאַ לאַראַ אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער איז פאַרנומען און קען ניט לאַנג בלייבן מיט מיר:

— אונזער איינציקער אויפגאַבע איז איצטיקן מאָמענט איז צו פאַרטיידיקן אונזער שטאָט. מיר האָבן איצט צו קעמפן קעגן אינערלעכן און אויסערלעכן סוינע. איינער פון אונזערע אינערלעכע סאָנים דאָס איז פוילענצעריי, דאָס וואָס טויזנטער לעבן ווי די פּאַראַזיטן און טאָען גאָרניט צו באַפעסטיקן די שטאָט. אַזוי אַז מיר זענען אָן שום באַשיצונג, אויסגעשטעלט צו יעדער צייט אויף דער געפאַר פון די פיינטלעכע אָנגריפן. מיר מוזן איצט דעריאָגן די צייט, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן זייענדיק אויף די פראָנטן. אַלע ערלעכע עלעמענטן האָבן מיר אויף אונזער זייט. מיר האָבן ניט גענוג געווער און זענען ווייט פון צענטער, וואָס באַשווערט אַסאַך אונזערע פאַרטיידיקונג־מעגלעכקייטן.

## אויף די פיר פראָנטן אַרום מאַלאַגאַ

ביים הויז פון דער יוגנט אין מאַלאַגאַ, האָט אויף מיר גע־וואַרט דער אויטאָ, וואָס פירט פּאָסט און פרעסע פאַרן פראָנט, קעדיי מיך מיטצונעמען צום סעקטאָר פון גיבראַלטאַר.

דער פּאָסט־דינסט, וואָס איז אָרגאַניזירט פון דער פאַרייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט, הייסט אויפן נאָמען פון אַ העלדיש־גע־פאַלענעם כאַווער: „קאָרעאָ מעטראַליאַ“. (די פּאָסט־מעטראַליאַ).

דער אויטאָ גליטשט זיך איבערן געשלענגלטן יאַם־ברעג. פּרעכ־טיקע לאַנדשאַפטן פון פאַרבנפולן ברעג; טראָפּישע געוויקסן, געדיכט־באַהאָנגענע צווייגן מיט פּאָמערנצן און מאַנדאַרינען לאָזן ניט אָפּ דאָס אויג. אָט זענען מיר שוין אין דעם פישער־שטעטל מאַרבעליאַ. דאָס שטעטל ליגט נידעריק ביים יאַם־ברעג. די דעכער פון די הייזער דערגרייכן די הויך פון שאָסיי און עס דאַכט זיך, אַז מיר פאָרן אויף זיי.

ביים יאַם־ברעג ווייזט מען מיר אָן אויף דריי דערטרונ־קענע, רעפּובליקאַנישע שיפן — ברעג־היטער, וואָס ליגן איינגע־גראָבן מיט די רוקנס אין וואַסער, בלויז די קוימענס, וואָס שטאַר־

צעז ארוים איבער דער אויבערפלאך: „דאָס איז געווען די אר־בעט פון איטאַליעגישע אונטערוואסער־שיפלעך" — זאָגן מיר מיינע באַגלייטער.

אויף א ווייַלע איזעק פון יאם־ברעג, נאָך מאַרבעליא, איז סאן־פעדרא דע אלקאנטארא, געפינט זיך דער שטאַב פון פראָנט. דער פאָליטישער קאָמיסאר פון גאַנצן סעקטאָר איז א יונגער און פריילעכער כאַווער. אסאך יאָרן אין טפיסע געזעסן, געקומען פון גיבראַלטאַר באַהאַלטן אין א קאַסטן אויף אַן ענגלישער שיף.

ער קלערט מיר אויף די שווערקייטן, וואָס זענען פאַראַן ביים אָרגאַניזירן די רעגולערע אַרמיי:

— ניט אַלע אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַן איינהייטלעכער מיליטער־רישער אַנפירערשאַפט און מיליטערישער דיסציפּלין — דער־קלערט ער מיר.

ער איז דער קאָמיסאַר פון דעם רעגימענט „לעניז", וואָס נעמט ארום זעקס באַטאַליאָנען...

— דער „לענין"־רעגימענט, איז געשאַפן געוואָרן פון קאָמוניסטן און פאַרייניקטע סאָציאַליסטישע יוגנט — גיט ער צו — אָבער באַלד, ווען עס איז ארוים די פאַראָרדענונג וועגן שאַפן די איינהייטלעכע פאָלקס־אַרמיי זענען מיר געווען די ער־שטע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אונזערע פּאַרטיי־אַמביציעס און אַלס גאַנצער זיך דאָרט ארייַנגעגאָסן. צום באַדויערן — פאַרענדיקט מיין מיטשמועסער, האָבן ניט אַלע געטאָן דאָסזעלבע.

מיר פאַרנעמען זיך ווייטער אויפן וועג צום פראָנט. מיר זעען שוין דעם בארג־אינזל, וואָס טראָגט אויפן קאָפּ א מיטלאַלטערלעכן שלאָס — די פעסטונג פון גיבראַלטאַר — דער אויצער פון דער ענגלישער אימפּעריע...

אין דעם לויטערן נאָכמיטאָג איז אויך ניט שווער צו דער־גרייכן מיטן בליק איבערן שפּיגלדיקן יאם דעם ברעג פון צעוטא מיט די בערג־קייט פון שפּאַנישן אפריקע.

עסטאפאנא — דריי קילאָמעטער פון פראָנט און 55 קילאָמע־טער פון מאַלאַגאַ.

אַ שטאַרקע באַוועגונג הערשט דאָ. ניט א באַוועגונג פון

גרייטן זיך צו אַז אַנגריף, נאָר אַ באַוועגונג פון סאָלדאַטן, וואָס זענען איצט צוריקגעקומען פון די פּאָזיציעס.

קיין ספּעציעלע מידקייט באַמערקט זיך ניט אויף זיי. מען עסט געבראָטענע קאַשטאַנעס און מען דערציילט וויצן. ווען מען קוקט זיך צו צו די מענטשן, צו זייער פריילעכקייט און זאָרג־לאָזיקייט, ווילט זיך ניט גלויבן, אַז מיר זענען דריי קילאָמעטער פון דער ערשטער ליניע.

מיר איילן זיך, איידער עס פאַלט צו די נאַכט, קעדיי צו פאָרן באַזוכן די פּאָזיציעס. מיר זענען אַנטקעגנאיבער דעם גיבראַלטאַר־קאַנאַל און זעען אים דייטלעך.

ביי אַ פעלן אויפן ברעג בלייבט שטיין דער אויטאָ און מיר לאָזן זיך אויף רעכטס, באַרג אַרויף.

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צווישן די בערג, אויף דער צווייטער זייט גיבראַלטאַר. אָבער איין גאָלדענער שטראַל, ווי געוואָרפן פון אַ באַהאַלטענעם רעפלעקטאָר פאַלט אויף אַ שמאָלן פּאַס פון דער פאַלדנדיקער אומענדלעכקייט. דער פּאַס מיניעט זיך און שימערירט, ווי מיליאָנען בריליאַנטן וואָלטן זיך באַוויגן. עס איז באַצויבעריש שיין. נאָך דערצו, ווען מען קוקט פון די הויכן, פון צווישן קאַקטוסן און פעלזן.

ניין, אין דעם פאַרנאַכט ביים גיבראַלטאַר, וו עס פאַרענ־דיקט זיך איראָפּע, וו דער מיטלענדישער מיטן אַטלאַנטישן אָקעאַן צעקושן זיך, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרומגעלאָפן אין אַ האַלב־קרייז שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, ווילט זיך איצט ניט גלויבן, אַז עס קומט פאָר אַ קריג.

די קריגער האָבן דאָ אַלע נאַטירלעכע מעגלעכקייטן פון פאַר־טיידיקן זיך. פעלזן — שוץ־ווענט, ווי זיי וואָלטן ספּעציעל גע־וואָרן אויסגעאַרבעט דורך מענטשלעכע הענט צו דעם צוועק. גרובן זעלנער ליגן אָדער דרייען זיך אַרום מיט דער געוויינלע־כער שפּאַנישער גרינגשעצונג. באַזונדער די פינף כאַדאָשים, וואָס זיי געפינען זיך דאָ אין שום טעטיקייט, האָבן שוין ביי זיי גע־שאַפן אַזא גלייכגילטיקייט, אַזא זיכערקייט, אַז עס וועט גאָרניט געשען...

— ווי ווייט פון דאַנען געפינט זיך די פיינטלעכע פּאָזיציע?

— האָב איך געפרעגט.

— אַט — ווייזט מען מיר דאָס ווייסע הויז, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פון יאַם — עפּשער א 500 מעטער פון דאַנען. טאָמער שרייט מען אַביסל העכער קען מען דאָרט דייטלעך הערן.

אַט מאַכט איינער א וויץ און שרייט אויפן קאָל „סאָלידאַרי־דאַד", „מונדאָ אָברעראָ", „אָקטובּרע". גלייך הערט מען עטלעכע ביקסן־זאַלפּן פון דער צווייטער זייט. די האַנדלונג פון דעם, וואָס האָט געשריגן ווערט געטאַדלט פאַר א פּראָוואָצירנדיקע און ניט נויטיקע.

— פאַרוואָס — פרעג איך דעם קאָמענדאַנט — דערלויבט איר צו ברענען פייער אויף אייער פּאָזיציע, אזוי נאָענט פון דעם סוינע ?

— אָ ! — זאָגט ער — זיי טוען אויך דאָסזעלבע...

איך דריק אוים מיין מוירע, אז זיי קענען ווערן קאָרבאָנעס פון סוינעס אָן ערשטן סורפּריז ביי אַזאַ גרינגשעצונג, ווייל איך קום פון מאַדריד און האָב געזען, וואָס עס הייסט קריג...

ווען מיר פאַרלאָזן אין דער פינצטערער נאַכט די פּאָזיציע, קרייזט שוין דער לייכט־טורעם פון גיבראַלטאַר־פעסטונג ארום און ווייזט אונז פון צייט צו צייט דעם וועג אויפן פינצטערן שאָסיי.

אַלע ווייסן, אז די געפאַר, וואָס לויערט, איז באַהאַלטן דאָרט, פון וואַנען דער לייכט־טורעם וואַרפט זיין שיין...

* * *

אָנהויב יאַנואַר 1937.

שוין דעם פערטן טאָג, ווי איך פאָר צווישן יאַם און בערג צו די פיר פראָנטן, וואָס רינגלען ארום מאַלאַגאַ: אויף מאַירעיור־קאַדיקס — גיבראַלטאַר, מאַירעוו־צאָפן — סעווויליע, צאָפן־קאָר־דאָווע און מיזרעד־צאָפן גרענאַדע. קיין שטאַרקע טעטיקייט ווייזן די פראָנטן ניט ארוים: פון צייט־פאַרטרייב שיסן די מיליציאָ־נערן אוים עטלעכע קוילן א טאָג, דאָסזעלבע טוען די פאַשיסטן. די פאַשיסטן אטאַקירן ניט, ווייל זיי האָבן ניט קיין מענטשן; די רעפּובּליקאַנער — ווייל עס איז ניטאָ קיין אמוניציע און... נאָך אויך ניט קיין איינהייטלעכע, מיליטערישע אָנפירערשאַפט.

פאַר איינעם פון די קאָמענדאַנטן האָב איך דאָ ארויסגע־זאָגט די מיינונג, אז מען וואָלט גערדאַרפט די סאָלדאַטן פון

מאדריד דאַ אהערשיקן, צו די פראָנטן אויף אַפּרו. ווען „פּאמ־פּעטאַ", מיין איטאַליענישער באַגלייטער, האָט עס איבערגעזעצט, האָט זיך דער קאָמענדאַנט מיט די איבעריקע פונאַנדערגעלאַכט.

מען דערציילט מיר, אַז פון לאַנגווייליקייט פּאַרלאָזן אָפט די מיליציאָנערן די פּאָזיציעס אונטער דער נאָז פון סוינע. און די פאַשיסטן זענען אַזוי פויל, אַז קיינעם פון זיי פאַלט גאָרניט איין אַמאָל אַ קוק־געבן צו דער סוינע געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט. די פאַשיסטן היטן גלייכגילטיק זייערע פּאָזיציעס און דאַנקען גאָט, אַז מען טשעפּעט זיי ניט. אויך די מיליציאָנערן זענען רואיק... שלאָפן אָפט ווייט פון די טראַנשייען און האָבן צוטרוי...

צו איינע אַזאַ פאַרלאָזענע פּאָזיציע האָט מען מיך געפירט, קעדיי איך זאָל בעסער זען דעם סוינע. דאָס איז אויפן פראָנט פון גרענאַדע.

פאַרביקע, גרינע בערג. אין די טאָלן טויזנטער ביימער באַהאַנגען מיט מאַנדאַרינען און פּאָמעראַנצן. מיר זענען אין „סיערא דע ראַנדאַ". אַ ווייסער קאָפּ שטעקט אַרויס פון הינטער אַ קייט נאַקעטע בערג. מיר קרייזן אַרום און געפינען זיך ביי אים צופוסנס — „סיערא ניעוואַדאַ" — 3464 מעטער די הויך, דער העכסטער באַרג פון גרענאַדע. פון אַלפּאַרנאַטעראָ באַגלייט אונדז אַ מיליטער־אינסטרוקטאָר צו דער פּאָזיציע. מיר קלעטערן שאָען איבער בערג און טאָלן. די צעוואָרפענע הייזלעך זענען באַוווינט, ווי נאָרמאַל. מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַ וואַד־פּאָסטן אויפן וועג. צוויי באַוואָפנטע זעלנער קומען מיט און יעדער באַזונדער באַקומט געווער. מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן אין די הענט דער־נענטערט מען זיך צו אַ בינטל פאַרלאָזענע הייזער. ווען מען קומט נענטער צו די הייזער, באַפעלט אונדזער אינסטרוקטאָר זיך פונאַנדערצושפּרייטן. אָנגעשטרענגט גייט איינער אָפּגערוקט פון צווייטן, גרייט ביי יעדן שאָרך זיך צו וואַרפן אויף דער ערד. דער אינסטרוקטאָר גייט דער ערשטער, ביים ערשטן הויז שטעלט ער זיך פאָרזיכטיק אויף אַ זייט פון דער טיר מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט — שרייט אויס. קיינער ענטפערט ניט. גייט דער ערשטער אַריין אין הויז — גיט אַ ציכן און אַלע קומען נאָך. ביי אַ צווייט הויז — דאָסזעלבע. ביי א דריט, ביי א פערט,

ביים פינפטן הויז בלייבן אַלע שטיין פאַרגליווערט — מען האָט געהערט עפּעס באַיועגן. מען שרייט — קיינער ענטפערט ניט. מען שיסט אויס — קיינער ענטפערט ניט. אָבער עפּעס באַוועגט זיך האָך. דאָס הערן אַלע דייטלעך. — ווער איז דאָרט ?! — שטיל — ווער איז דאָרט ?! שטיל. אַלע שטעלן זיך הינטער די ווענט. דער אינסטרוקטאָר מיט איינעם פון די זעלנער גיבן אַ לויף אריין : — די הענט אין דער הויך ! — אַ שוואַרצע קאַץ אַנטלויפט אַ דערשראָקענע פון צווישן די פיס אַפער. אַה !... עטעמען אַלע אָפּ און מען ווישט דעם שווייס...

דעם סוינע האָב איך טאַקע געזען — גוט געזען. — אַ גע־נעצנדיקן, אַ פאַרשלאָפענעם. איין פאַשיסט האָט זיך געדרייט מיט אַ ביקס, בעיים אַ צווייטער איז געלעגן און זיך געוואָרעמט אויף דער זון. זיי האָבן געהיטן די באַן־ליניע, וואָס פאַרבינדט גרענאַדע מיטן איבעריקן טייל פון פאַשיסטישן לאַנד. זיי האָבן זיך געפינען אין טאָל און מיר אויפן בארג און עס האָט זיך גע־דאַכט, אז זיי זענען גאָרניט באַמרואיקט צוליב זייער נידער־לאַגע... מיר האָבן זיך אומגעקערט און דאָס דאָרף איז ווייטער געוואָרן פאַרלאָזן. זיי האָבן צוטרוי צו זיך.

בעיים מיר האָבן געקלעטערט צוריק צו אונזער אויטאָ האָב איך זיך דערוווסט, אז דריי פערטל וועג זענען מיר געגאַנגען איבערן סוינעס טעריטאָריע.

אויף די פראָנטן פון סעוויליע, קאָרדאָווע און גרענאַדע, שיידן זיך דערפאַר בוילעט אונטער צוויי טעריטאָריעס : די מער־ריטאָריע פון די פאַשיסטן און די — פון די רעפּובליקאַנער. דאָס רעפּובליקאַנישע לאַנד איז באַארבעט ; צעאַקערט, באַפּרוכפּערט ביז דער טראַנשיי. דאַקעגן דאָס פאַשיסטישע איז רוי, ניט־קול־טיווירט.

קליינע פּויערים באַארבעטן פרייוויליק זייערע פעלדער און שטעלן צו פּרוכטן דער רעגירונג.

אין מאָנטעקערא און ווילאַנעוואַ דע קאָטשי האָב איך געזען פּויערים ברענגען פּרוכטן אַלס מאַטאָנע פאַר די מיליציאָנערן : געברענגט זיי ברויט מיט וויין. עס איז בעעמעס געווען רירנדיק, ווי די פּויערים האָבן זיך געהאַלזט מיט מיליציאָנערן. אָט, האָט אַלץ ארום געהערט צו אַן אַלטער גרעפין, אין ווילאַנעוואַ דע

קאָוטשי, וואָס איז געהיטן געוואָרן דורך אַסאַך הינט און... ציי־ווילער גוואַרדיע. איצט געהערט עס צו זיי. טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי זיך ניט פרייען מיט די, וואָס באַשיצן זייער ערד ?...

אין דעמזעלבן פראָנט־שטעטל שטעלט מען מיר פאָר אַ פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר מאַן — אַ פאַשיסט, זיך אויסבאַהאַלטן דריי טעג אין די וועלדער ביז וואַנען זי האָט זיך דערשלאָגן אויף דער זייט פון די רעפּובליקאַנער.

אין אַלמאַ דע גרענאַדאַ איז פאַראַן אַ באַלנעאַר־סטאַציע, וואָס ווערט גערעכנט צו די געצייל‏טע אין אייראָפּע. דער אינע־ווייניקסטער געבוי שטאַמט נאָך פון די אַראַבישע צייטן, געבויט אין סטיל פון באַראָק. (גרענאַדע איז געווען דער לעצטער עטאַפּ פון דער אַראַבישער הערשאַפט ביים פאַרלאָזן דאָס האַלב־אינזל).

אַ וועג, צווישן אַ וואַלד פון שפּיציקע בעלזן, פירט אין טאָל, וווּ עס שטראָמט אַ הייסער קוואַל. און באַלד דערנעבן — אַ קאַל־טער, שניידנדיקער שטראָם.

אַ מיליציאָנער פון דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט אין גרענאַדע, אַ סטודענט, דערציילט, אַז ער איז געווען באַשטימט פון די פאַשיסטן עקזעקוטירט צו ווערן צוזאַמען מיטן פּאָעט פע־דעריקאָ גאַרציאַ לאָרקאַ. בעיים די מאַסן־דערשיסונגען אין גרע־נאַדע איז אים געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. אין אַ פאַרמאַכטן קאַסטן האָט מען אים אַרויסגעפירט פון דער שטאָט. לאַנג האָט ער זיך געשלעפּט איבער די בערג מיט די לעצטע קויכעס, ביז ער איז אַ פאַרכאַלעשטער אָוועקגעפאַלן. ער וואָלט זיכער אויסגעגאַנ־גען, ווען ניט אַ פויער, וואָס איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען און אים צוגעטראָגן צום ערשטן רעפּובליקאַנישן פּאָסטן.

— דער פאַשיסטישער טעראָר אין גרענאַדע איז געווען ניט צום באַשרייבן — דערציילט אַ צווייטער. — פאַר יעדע באָמבע, וואָס איז געפאַלן פון אַ רעפּובליקאַנישן אַוויאָן, זענען דערשאָסן געוואָרן 10 אַנטיפאַשיסטן.

* * *

גאַרציאַ לאָרקאַ — דער פויערים־זון פון אַנדאַלוזיע, דער באַזינגער פון די אַנדאַלוזער „פלאַמענקאָס”, פון ציגיינער, פון גרויסע טאָראַדאָרן, פון דער לעוואָנע. גאַרציאַ לאָרקאַ דער לי־רישסטער דיכטער ביז דער טיפסטער טיפעניש פון דער נעשאָמע. דער פּאָעט, וואָס קומט פון קליינעם גרענאַדער דאָרף, ווו ער

איז געוואקסן צווישן געזאנג פון די אייזל־טרייבער און פאסטוכער; דער פאעט, וואס האט געשעפט זיינע מאטיוון פון אט דעם פויערים־פאלק; פון די פרעכטיקע גרענאדער לאנדשאפטן, פון זיינע קוואלן. דער פאעט אין וועמענס דיכטונג עס האט געקלונגען די גאנצע מוזיק פון אט דער שיינקייט, וועמענס קלאנג פון ריטם, פון טיפן דיכטערישן ווארט און צארטן לירזים האט פארשיקערט, ווי גוטער וויין.

פארוואס האבן זיי אים אין יענעם יולי־טאג ארויסגענומען פון זיין הויז אין גרענאדע און אים דורכגעלעכערט מיט קוילן: אים, דעם פאעט, וואס האט זיך ניט פארנומען מיט קיין פאליטיק און ניט געהערט צו קיין שום פאליטישער פארטיי?

גארציא לארקא איז געווען געפערלעך: דער פאלקס־דיכטער, דער דיכטער פון „לונא לונא"; דער דיכטער פון לעוואנע פון ציגיינער. יא, לארקא האט אויך פיינט געהאט די ציוויל־גווארדיע. ער האט זיי פיינט געהאט ווי דעם טויט — זייער עקלהאפטן אוניפארם, וואס האט סימבאליזירט דאס שווארצסטע, דאס פארהאסטסטע פון פאלק, אט די לעבעדיקע שאטנס פון מיטלאלטער און אינקוויזיציע. זיי האבן דערמארדעט גארציא לארקא.

* * *

אויפן ברעג פון קאדיקס שטייגן אויס איטאליענישע טרופן. דער דייטשער קרייצער „אלמיראנטע שער" געפינט זיך ניט ווייט פון מאלאגא.

אין יאנואר האב איך פארלאזן מאלאגא. די אפענסיווע, לענג אויס דעם יאם־ברעג איז שוין געווען אנגעפאנגען. עסטעפאנא איז געפאלן. מארבעליא איז אין געפאר. די איטאליענישע טרופן: מאטאריזירט אויף דער יאבאשע, מיט „יונקערס" אין דער לופט און „קרייצערס" אויפן יאם גייען שנעל פארויס.

מאלאגא, דאס הערלישע און צעשטערטע וועט באלד שטעלן דעם לעצטן פארצווייפלטן ווידערשטאנד: פארלאזן פון הילף, ווייט פון צענטער און אינערלעכע שוועריקייטן... צי זאל עס הייסן קראפאטקיניזם, באקוניזם, גרינגשעצונג אדער פאראט... און איבעראלעמען — די „ניט־אינטערווענץ".

* * *

מאלאגא ווערט דערטרונקען אין בלוט און אויף זיינע וועגן, וואס פירן קיין אלמעריא מישט זיך אויס דאס בלוט פון די באמבארדירטע פרויען און קינדער מיט די קוואלן פון די בערג און

פליסן צוזאמען איז יאָם אריין : די ווייסע שוימען זענען אביסל באַפאַרבט געוואָרן... דאָס, וואָס די דעגענערירטע, פוילע רעבעלן האָבן ניט געקענט, האָבן געמאַכט איטאַליענער און דייטשן, האָט געמאַכט די „ניט־אינטערווענץ"־פּאָליטיק פון די דעמאָקראַטישע גרויסמאַכטן.

* * *

איטאַליענישע מאָטאָריזירטע טרופּן האָבן טריאומפאַל אריינ־מאַרשירט קיין מאַלאַגאַ. די צעשלאָגענע, צעשפּאָלטענע „צענטור־יעס" אָן מיליטערישער טאַקטיק און אָן מאָדערנע געווער, זענען אנטלאָפן אין אומאָרדענונג. אין די שטאָבן האָבן ניט געפעלט קיין שפּיאָנען, פאַרעטער און דעזערטערן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן סוינע. דער סוינע האָט געמאַכט זיין בלוטיקן, זיין גרויזאַ־מען כעשבן מיטן רויטן מאַלאַגאַ: טויזנטער אַנטיפאַשיסטן זענען דערשאָסן געוואָרן, טויזנטער — פאַרשפּאַרט אין די טפיסעס.

ניין, מיטן פאַלן פון מאַלאַגאַ איז דער קריג נאָכניט פאַרענ־דיקט. פאַרקערט ער הויבט זיך ערשט אָן. אַ שטורעם איז פאַרביי דורכן לאַנד, וואָס האָט אַלץ אויפגעטרייסלט — די לעקציע מאַ־לאַגאַ.

„די לעקציע" האָט אביסל אויסגעלערנט פאַרשטיין, אַז קעגן „יונקערס", מעסערשמידס", „פּיאַטס" און „סאַוואָיאַס" ; קעגן דייטשער שנעל־שיסנדיקער אַרטילעריע קען באַקוניִן מיט קראַפּאַטניקען ניט פיל אויפטוען. און אַז פּערזענלעכער העראָיזם, אָן מיליטערישע קענטעניש און דיסציפּלין, קען בעיים מאָדערנע קריג־אָפּעראַציעס אויפן שלאַכט־פעלד, ווען מען האָט קעגן זיך אַן אויסגעשולטע און גוט־באַוואָפנטע אַרמיי פון סוינע, ניט זיין ווירקזאַם.

„די לעקציע" מאַלאַגאַ האָט געהאָלפן אַ סאַך מאַכן מיט די באַזונדערע „צענטוריעס", „פרייע פּערזענלעכע ווילנס". אַ גרויסע, אַ שטאַרקע און אַן איינהייטלעכע פאָלקס־אַרמיי איז ענדלעך גע־שאַפן געוואָרן. באַלד האָבן זיך געלאָזט פילן די רעזולטאַטן. טראָץ די ווייטערדיקע הילף פון דער „ניט־אינטערווענץ" פאַר די רע־בעלן אין מאַטעריאַל און אין טרופּן, האָט די רעפּובליקאַנישע אַרמיי צוזאַמען מיט די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן פאַרשאַפט די איטאַליענישע אינוואַזיע־אַרמיי אַ ריזיקע מאַפּאָלע, וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט. דאָס איז געווען : גוואַדאַלאַכאַראַ !

## נאָכוואָרט פֿונעם פֿאַרלאַג

## צום צווייטן בוך „אויף די פראָנטן פון שפאַניע"

ניינציק טעג האָט געדויערט די אָפענסיווע אויף בילבאַאָ. אין פארלויף פון ניינציק טעג האָט דאָס קאַטוילישע באַסקן־לאַנד, איזאָלירט פון איבעריקן שפאַניע; בלאָקירט פון דער „ניט־אינ־טערוועניץ" און פאַשיסטישע שיפן; אויסגעהונגערט און פאַר־מאַטערט פון די קעסיידערדיקע באָמבאַרדירונגען פון דייטש־איטאַליענישער אַוויאַציע, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אַ מעכטיקער אינטערווענץ־אַרמיי.

ווער האָט ניט געהערט פון גערניקאַ און דוראַנגאַ. וועלכער מענטש, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל מענטשלעך געווויסן, איז ניט דערשיטערט געוואָרן פון אַט דעם גרויל, וואָס די „רעטער פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע" זענען באַגאַנגען איבער די פרומע, קריסטלעכע שטעטלעך; איבער די שטעטלעך, וואָס זע־נען געווען פאַרבונדן מיט די טיפסטע געפילן און טראַדיציעס פון באַסקן־פאָלק, וואָס איז דאָס עלטסטע אין דער וועלט.

ט. עלסקי האָט אין פארלויף פון 6 וואָכן פאַרבראַכט אין בילבאַאָ, ווו ער איז אָנגעקומען מיט אַן אַוויאָן. ער איז טאָג־טעגלעך געפאָרן אויף די פראָנטן און פאַרלאָזן בילבאַאָ אין דער נאַכט פון 18־טן אויפן 19־טן יוני 1937, דאָס הייסט אין דער זעלבער נאַכט, ווען די פאַשיסטישע טרופן זענען אריין אין דער שטאָט.

דער מעכאַבער איז אַוועק צוזאַמען מיטן גענעראַל־שטאַב קיין סאַנטאַנדער. פון דאָרט קיין אַסטוריע. זיינע רעפּאָרטאַזשן פון אַסטוריע, וועגן דעם לאַנד פון די רומפולע קוילנגרעבער, וועגן די „דינאַמיטעראָס", האָבן ארויסגערופן אַ געוואַלטיקן אינ־טערעס ביים יידישן לייענער און זענען געוואָרן איבערגעדרוקט פון יידישע צייטונגען איז דער גאַנצער וועלט.

ט. עלסקי איז געפאָרן אָנהויב נאָוועמבער 1937 צום פערטן מאָל קיין שפאַניע. ער איז בייגעווען ביים דעראָבערן טע־

רועל. ער האט באזוכט עטלעכע מאל די דעראבערטע שטאט. ביי פרעסט פון 15 און 20 גראד פארט ער אין פארלויף פון צוויי וואכן אויף די פראנטן. בעיים די מעכטיקע פאשיסטישע קאנטער־אפענסיווע איז ער צוזאמען מיטן שטאב פון דער 35־טער דיוויזיע, וועמענס קאמענדאנט עס איז דער גענעראל וואלטער. ער באזוכט אויף די ליניעס דעם קאנאדער באטאליאן „מעקענזי פאפענאו" און דעם אמעריקאנער — „לינקאלן־וואשינגטאן".

דער מעכאבער האט צונויפגענומען א אויסערסט־אינטערעסאנטן מאטעריאל וועגן דער יידישער „באטווין"־קאמפאניע און זייער העלדישן אנטייל אין אלע שלאכטן פון עסטראמאדורע ביז דער עברא, ווי אויך וועגן א גרויסער צאל יידישע העלדן.

דאס צווייטע בוך „אויף די פראנטן פון שפאניע", שטעלט מיט זיך פאר א זייער וויכטיקן און אויטענטישן מאטעריאל און אן ערשטראנגיקן היסטארישן דאקומענט. דאס וועט זיין דאס ערשטע בוך אין דער יידישער שפראך וועגן צאפן־שפאניע און דעם אנטייל פון אמעריקאנער און קאנאדער יידישע פריוויליקע ביי די שלאכטן ארום טערועל און — דער ערשטער יידישער מיליטערישער איינהייט אויפן נאמען פון נאפטאלי באטווין.

פארלאג פון א. ב. צעראטא.